STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06191

ESEYEN FUN YIDISHN TROYER

Shlomo Bickel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עסייען פון יידישן טרויער

פאַרלאַג: ר. י. נאָוואַק — ניו־יאָרק

הויפּט־פאַרקויף: „צוקונפט״־ביכער־אַגענטור

שער־בלאַט און טיטל־בלעטער געצייכנט פון בערנאַרד רעדער,
ניו־יאָרק

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון מיינע יוגנט־פריינט
ד״ר אברהם פיינשטיין און הערמאַן ליפּער

שלמה ביקל

עסייען
פון
יידישן שרייבער

SHLOMO BICKEL

ESSAYS OF JEWISH SORROW

Copyright, 1948
by
DR. SHLOMO BICKEL

R. J. NOVAK
Publisher

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
NEW YORK 1, N. Y.

166

דעם אָנדענק פון מיינע אייגענע און נאָענטע וואָס זענען אומגע־ קומען אין די געטאָס און אין די טויטן לאַגערן פון גאַליציע און טראַנסניסטריע אין די יאָרן ת״ש—תש״ה.

הי״ד

אינהאַלט

I

אַריינפיר

1) ר' לוי יצחק — דער מאַן פון געזעץ — 11—17
2) מוציום סקעוואָלא און דער אַפּטער רב — 18—20
3) וועגן גומל בענטשן — — — — — — — — — 21—22

II

יידישע געשטאַלטן

(וואָר און דמיון)

4) דער יידישער גערמאַנגל מיט שיילאָקן — — — 25—36
5) רבילותן וועגן יאַנקל צימבאַליסט — — — 38—43
6) אַנטאָן וואָלפאַרט און פייטל איציק — — — 44—51
7) פוילישע אַסימילאַציע-מוסרניקעס — — — 52—60
8) לייבא זיבאל — דער העלד פון שרעק — 61—68
9) דניאל דעראַנדא און מרדכי עזרא לפידות 69—75
10) דער מערדער פון גראַף שטירק — — — — 76—81
11) צוויי דייטשע יידן — — — — — — — — 82—91
12) בעלויישא און שינוועל — — — — — — 92—98
13) וועגן אַ מענטשנס לעצטע ווערטער — — — 99—106

III

מיינע לאַנדסלייט

14) דער קיניג פון דער יידן-גאַס — — — — — 109—122
15) צירעלסאָן און דער מלבי"ם — — — — — 123—129
16) דער טשערנאָוויצער רב — — — — — — 130—135

17) דער פיאָנער פון יידישן סאָציאַליזם — — — 136—146
18) דער דערציילער הערש לייב קאַזשבער — 147—151
19) דער אויגן-דאָקטער נטע ראָזענבלאַט — — 152—161
20) דער שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך — 162—166
21) דער ווײַנער — — — — — — — — — — — 167—170
22) דער סינטעטישער ציוניסט — — — — — — 171—179
23) דער אוהב ישראל — — — — — — — — 180—189
24) דער מאַן פון דער „געוויסער פּרעסע" — 190—195
25) דער טענאָר יאָזעף שמידט — — — — — 196—200
26) די בונדיסטקע שרה כתבן — — — — — 201—204
27) דער פּאַרטיי-וועטעראַן — — — — — — 205—209
28) דער שליח הערץ גילישענסקי — — — — 210—218
29) דער שניידערגעזעל נטע מאַנגער — — — — 219—222
30) דער תבואה סוחר אבנר באַראַק — — — 223—226
31) דער „זבאַראַזשיאַנער" — — — — — 227—231
32) דער נייעס-דאָקטער — — — — — — — — 232—234
33) משה שוואַרצפעלד — — — — — — — — — 235—246

אינדעקס פון נעמען — — — — — — — — 246

אַרײַנפֿיר

ר׳ לוי יצחק — דער מאַן פון געזעץ

אין מיינעם אַ נאָטיץ־בוך האָב איך מיט אַן ערך צוויי יאָר צוריק אין שייכות מיטן טרויעריק־באַרימטן בוקאָרעשטער פּאָגראָם פאַר־צייכנט אַזוי: „עס איז, דאַכט מיר, אויבנאויפיק צו טראַכטן אַז ר׳ לוי יצחק — דער סניגור איז אַ רעזולטאַט פון ר׳ לוי יצחק — דער בעל־רחמים. דער גרונטמאָטיוו פונעם באַרדיטשעווער רבס סניגור־שאַפט איז, לויט מיין מיין, געווען נישט באַרמהאַרציקייט, נאָר גע־זעץ אָדער ריכטיקער געזאָגט דאָס אָקעגנשטעלן זיך דעם מאַנגל פון געזעצלעכקייט״.

די סמיכות הפרשה צווישן באַרדיטשעווער רב און דעם בוקאָ־רעשטער פּאָגראָם איז געווען אַ ספּאָנטאַנע און איך געדענק זייער גוט ווי אַזוי זי איז נולד געוואָרן.

אויפן צעטל פון די פּאָגראָם־קרבנות וואָס איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען איז מיר ממש אָקעגנגעשפּרונגען דער נאָמען פון איינעם אַ יידן, וועלכן איך האָב גוט געקענט און אָט דער נאָמען האָט זיך אין מיין פאַרשטעלונג עפּעס גאָר ניט געגראַמט מיט אַזאַ מין טויט. ער אויך אַ קדוש? — האָט זיך אין מיר צער געמישט מיט חידוש.

פאַר מיינע אויגן האָבן זיך אָוועקגעשטעלט לעבעדיקע די אַלע אַן ערך צוואַנציק יאָר פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַלעף גימל. (איך דערמאָן אים בלויז ביי די ראשי־תיבות, ווייל זיין פולן נאָמען האָט דער גורל, ווי געזאָגט, געהייליקט און אָפּגעשיידט פון זיין אַנדערש־דיקן לעבן) אויב איך זאָל כאַראַקטעריזירן אַלעף גימלען מיט איין זאַץ, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט — רק אין זינען געהאַט עולם־הזה. איך שטרייך אונטער „אין זינען געהאַט״,

וואָרעם ליב האָבן די תענוגים פון דער וועלט — ווער איז פריי דער־פון? אַלעף גימל אָבער האָט זיי נישט נאָר ליב געהאַט, נאָר אויך געטראַכט צו זיי אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, עוסק געווען אין עבירות יומם ולילה. און טאָמער האָט זיך צו אַלף גימלען צוגעקלעפּט אַ „קוים וואָס סע זשיפּעט"־מצווהלע פון ליב האָבן יידיש טעאַטער און אַ יידישע מעשה, האָט ער אויך דאָס אין איינעם אַ טאָג גרינטלעך אָפּגעווישט. ער האָט ניט נאָר מסכים געווען אַז זיין טאָכטער זאָל זיך שמדן, נאָר ער האָט איר נאָך געעצהט דערצו.

און אויף אלף גימעלס מצבה וועט דאָס פאַרשריבן ווערן לויטן אַלטן נוסח לדורות: הקדוש... שנרצח... און מיט אַט דעם כבוד־טיטל וויל דאָס די האַנט פון דער השגחה פאַרשיטן דעם תהום צווישן אַלעף גימלס לעבן און זיין טויט?

קעגן אַזאַ מין אומגעזעצלעכער שטראָף פון קדושה פאַר אַלעף גימלען און פאַר זיינס גלייכן האָט רעוואָלטירט דער באַרדיטשעווער רב און וועגן דעם איז אַנגעגאַנגען צווישן אים און דעם רבונו של עולם אַ לעבן־לאַנגער דין־תורה. דער באַרדיטשעווער האָט זיך נישט אָוועקגערירט פון דער פאַרטיידיקונגס־באַנק. און דער טעזיס פון זיין פאַרטיידיקונג איז נישט געווען: רבונו של עולם, אַלעף גימל האָט געזינדיקט, אָבער פונדעסטוועגן זיי דיך מרחם אויף אים, קוק אַוועק פון זיינע חטאים און באַגנעדיק אים.

פאַרלאַנגען רחמנות הייסט פאַרלאַנגען פּריווילעגיעס. בדרך כלל קען זיך טאַקע אויסדאַכטן, אַז דער באַרדיטשעווער שטעלט זיך איין פאַר לפנים משורת הדין, וואָרעם יעדער ווייסט דאָך אַז אַלעף גימל האָט געזינדיקט קעגן יידישקייט און האָט עובר געווען אויף אַזוי פיל לאווין אירע. איז וויבאַלד דער באַרדיטשעווער פאָדערט פאַר אים פונ־דעסטוועגן שטראָפלאָזיקייט, אויף וואָס קען זיך זיין פאַרטיידיקונג סומך זיין אויב נישט אויף רחמנות?

אַזוי קען זיך אויסדאַכטן ווען מען האָט אין זינען בלויז דעם „וואָס" דער באַרדיטשעווער פאַרלאַנגט פאַר זיינע אומצאָליקע קליענטן און מען לייגט וויניקער אַכט אויף דעם „פאַרוואָס" ער פאָדערט עס. צוליב אָט דעם „וואָס" פון שטראָפלאָזיקייט מיט וועלכן עס פאַרענ־

דיקט זיך אַיעדע פונעם באַרדיטשעווערס טענות צום רבונו של עולם האָט דאָס פאָלק אים געקרוינט מיטן נאָמען „דערבאַרעמדיקער״.

אָבער וויפיל מאָל עס זאָל זיך נישט איבערחזרן דער זעלבער „וואָס״ אינעם באַרדיטשעווערס טענות קען דאָס אַלץ זיין נישט מער ווי אַ צופאַל. דער צופאַל באַשטייט אין דעם, וואָס נאָכאַמאָל און אָבער־אַמאָל איז אונטערגעקומען אַ קליענט וועלכער האָט טאַקע געזינדיקט אָבער ער איז דאָך אומשולדיק. אָט דער אַפילו טויזנטמאָליק איבער־געחזרטער צופאַל וואַרפט נישט קיין ליכט, נישט אויפן כאַראַקטער און נישט אויפן פרינציפּיעלן איינשטעל פונעם טוען.

ערשט די „פאַרוואָסן״ פון אומשולדיקייט וועלכע ווערן אַרויס־געבראַכט אין די סניגורשע טענות — ערשט זיי באַשטימען און מאַכן פאַר אונדז קלאָר דעם זעלישן מהות און דעם אידעאישן בליק פונעם פאַרטיידיקער.

און דער „פאַרוואָס״ פון ר׳ לוי יצחק, דעם סניגור, איז, ווי מיר דוכט זיך, געקומען דער עיקרשט צום אויסדרוק נישט אין די ווערטער פון רחמנות, נאָר אין אַזעלכע מאָנערישע, פּראָטעסטירנדיקע רייד ווי „וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט?״ דער נוסח פונעם באַרדיטשעווערס פאַרטיידיקונג איז געווען אַן ערך אַזאַ: מיט וואָס פאַר אַ רעכט, רבונו של עולם, שטעלסטו אַלעף גימלען פאַר נסיונות פון קידוש השם און לאָזט אים אומקומען ווי אַ קרבן אויפן מזבח פון יידישקייט? וואו איז דאָס געזעץ אויף וועלכן דו שופט עליון ביסט דיך סומך? אַפילו ביים משפט פונעם שופט אביון, איך מיין ביי די געריכטן פון מענטשן ווערט אָפּגעהיט דער יסוד פון אַלע דינים, וואָס זאָגט אַז וואו עס איז נישטאָ קיין געזעצלעך פיקסירטער פאַרברעך, דאָרט קען קיין רייד נישט זיין פון שטראָף.

אויף וועמען איז חל דער נסיון און דער טויט פון קידוש־השם? בלויז אויף די וואָס שטייען אונטערן געזעץ פון בחירה. און ווער זיי־נען די וואָס שטייען אונטערן געזעץ פון יידישער אויסדערוויילטקייט? בלויז יענע וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם עול און די פּריווילעגיע פון דעם דאָזיקן געזעץ און מיט דיר פאַרשניטן אַ בונד עס צו היטן און זיך דערפאַר מקריב צו זיין.

נישט־יידן שטייען פון לכתחילה מחוץ פונעם בחירה־געזעץ און

קענען נישט געשטעלט ווערן פאַרן געטלעכן בית־דין, וואָס באַשערט טויט פון קידוש השם. וואָלט דער געריכט עובר געווען אויף די כללים פון קאָמפּעטענץ און זיך גענומען משפטן נישט־יידישע זינ־דערס און נישט־יידישע זינד וואָלט דאָס אין טערמינען פון מענטשלעכן רעכט — און מיר זיינען דערמיט אין נוסח פון בערדיטשעווערס מענטש־לעכע טענות צו גאָט — געהייסן אַז דער העכסטער געריכט פון איין לאַנד פּסקנט וועגן אַ פאַרברעכן וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַן אַנדער מדינה אונטער דער הערשאַפט פון אַנדערע געזעצן, אָדער גאָר אַז די העכסטע אינסטאַנץ האָט אַראָפּגענידערט אַזוי פיל און אַזוי פיל טרעפ פון חשיבות און זעצט זיך צום משפט איבער אַזעלכע ווינציקע חטאים ווי די זינד פון שיכרות און פון געגנבעט אַ לעבל ברויט.

פּיין און טויט פון קידוש השם פאַר מענטשן וואָס מחוץ פונעם בחירה־געזעץ? אויב די דאָזיקע פּיין און דער דאָזיקער טויט האָבן די כוונה פון שטראָף, דאַן איז דער שטראָף אַ טאָפּלטער, ניין, אַ פאַר־צענפאַכטער, ביז נידעריקער אַכזריות פאַרצענפאַכטער שטראָף, ווייל אין יסוד פון דעם עונש שטייט נישט די געבונדנקייט פון געזעץ, נאָר דער ווילקיר און הפקר פון מאַכט; זיינען אָבער דער טויט און די פּיין געמיינט ווי אַ פּריווילעגיע, דאַן פאַרלירט די פּריווילעגיע איר ווערט דאַדורך וואָס זי ווערט אויסגעשפּרייט אויך אויף יענע, וואָס האָבן נישט אָנגענומען דעם אָפּמאַך פון אויסדערוויילטקייט און האָבן זיך נישט געשטעלט אונטער זיין יאָך.

און דעם אָפּמאַך פון אויסדערוויילטקייט מיט גאָט — דאָס איז געווען ר׳ לוי יצחקס טיפער און ריכטיקער אויסטייטש פונעם בחירה־געזעץ — איז נישט גענוג צו האָבן בלויז געזירשנט; יעדער פאַר זיך מוז אים האָבן בפירוש אָנגענומען. דער עול איז צו אַ שווערער, די נסיונות צו פּיינלעכע און די פּריווילעגיע אַ צו שפּינוועבסדיקע אַז זיי זאָלן קענען איבערגיין מיטן כוח פון ירושה און עס זאָל נישט נויטיק זיין צו נעמען ביי יעדן יורש סעפּאַראַט די אונטערשריפט פון הסכמה. און אָט די אויסדריקלעכע חתימה פון יעדן איינעם באַזונדער האָט טאַקע מן הסתם אין זינען געהאַט יענער מדרש וואָס דערציילט אונדז אַז ביים באַרג סיני זיינען געשטאַנען אַלע דורות, אי די וועלכע האָבן

דעמאָלט געלעבט און אי מיר, די נאָך נישט נעבוירענע און אַז דער „נעשה ונשמה״ האָט אַרויסגעהילכט נישט בלויז פון זייערע לעבעדיקע, נאָר אויך פון אונדזערע נאָך נישט געבוירענע הערצער.

דער באַרדיטשעווער האָט זיכער נישט געלייקנט אָט די גרויסע איבערדורותדיקע פאַרזאַמלונג ביים באַרג סיני, אָבער פונדעסטוועגן האָט אים זיין קלאָרער לעגאַליסטישער פאַרשטאַנד אונטערגעזאָגט אַז יענער מאַסן־פּסיכאָטישער און פרעהיסטאָרישער הסכם קען ביים יחיד פון אַזוי פיל דורות שפּעטער נישט האָבן אַוועקגערויבט דאָס רעכט נישט אָנצונעמען די ירושה. אַזוי לאַנג דער יידישער יחיד האָט נישט געגעבן קיין אויסדריקלעכן צייכן אַז ער וויל נישט די ירושה און אַז ער זאָגט זיך פון איר אָפּ, מעגן מיר האַלטן אַז פאַר אים גילט דער „נעשה ונשמע״ פון באַרג סיני מיט אַלע זיינע קאָנסעקווענצן פון עול, פון פּיין און פון פּריווילעגיע. אָבער ווען עס קומט פון זיין זייט אַ בפירושע מאַניפעסטאַציע פון פרייען ווילן דורך וואָרט, דורך טאָט אָדער זשעסט, איז נישטאָ קיין שום פאַרוואָס און קיין שום ווי אַזוי אויף אים אַרויפצוצווינגען דאָס געזעץ פון אויסדערוויילטקייט. האָט דען דער דאָזיקער מענטש, דער דאָזיקער ייד אין דער אמתן גע־בראָכן אַן אָפּמאַך פון געזעץ? ניין, ער האָט בלויז נישט אָנגענומען די ירושה, וואָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט צו זיין אי נישט פּאַסיק און אי נישט קיין געווינס פאַר זיין לעבן. די איינציקע טענה וואָס מען קאָן צו אים האָבן איז, וואָס ער איז אַזוי אויבנאויפיק און לייכטזיניק זיך אַליין צו גלויבן אויפן ערשטן בליק און דערפאַר צו מיינען אַז די ירושה איז נישט ווערט געטראָגן צו ווערן. איין טיפערער בליק אַריין און ער וואָלט אפשר דערזען אַז זי איז גרויס זי איז רייך און בכן — אויך לייכט.

אָבער אָט די טענה האָט דאָך בלויז אַ מאָראַלישן און נישט קיין געזעצלעכן ווערט. וואָס שייך געזעץ גילט דעם בעל־דברס פרייע ווילנס־דערקלערונג, זיין אָפּזאָגן זיך פונעם אָפּמאַך פון אויסדערוויילט־קייט.

און דערפאַר האָט ר׳ לוי יצחק אַזוי גערעדט צום רבונו של עולם: „וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט אויף אַלעף גימלען? איך, דער באַרדיטשעווער רב קען עדות זאָגן אַז ער האָט זיך געשטעלט מחוץ

פון אויסדערוויילטקייט. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער פאַסט נישט אום יום־כיפור און ער האָט זיך נישט אויסגערעדט מיט פאַרגע־סעניש, נאָר ער האָט בפירוש געזאָגט אַז ער וויל נישט. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער לייגט נישט קיין תפילין און ער האָט געענטפערט פונקט אַזוי קלאָר און פונקט אַזוי זיכער: איך וויל נישט".

„צו אַלעף גימלס שבח זאָל געזאָגט ווערן: ער איז געווען אַן אמת־זאָגער. אָבער דער אמת זיינער איז געווען אַז ער האָט די ירושה נישט אָנגענומען און געפינט זיך בכן מחוץ פון די געזעצן פון אויסדערוויילטקייט. וואָס זשע האָסטו דיך אָנגעזעצט אויף אים, רבונו של עולם, און האָסט אויף אים אַרויפגעצוואונגען די פיין און די אויס־צייכענונג פון אַ יידיש לעבן און פון אַ יידישן טויט?"

איך ווייס אַז אַ סך וועלן אויף מיר קריגן. זיי וועלן זאָגן אַז איך האָב אָנגעטאָן דעם באַרדיטשעווער ז"ל אַ סניגור־יאַקע וואָס איך האָב אייגנס פאַר אים אויפגעגנייט לויט מיין מאָס און לויט מיין פאַנטאַזיע. און זיי וועלן נישט זיין אין גאַנצן אומגערעכט. אָבער איך פיל פאַרט אַז די לעגענדע פונעם באַרדיטשעווער ווי אַ פאַרטיי־דיקער פון דעם פאָלק ישראל און פון ר' ישראל, איך מיין פון יענעם קאָלעקטיוו און פון יענעם יחיד וואָס האָבן אויף זיך יאָ גענומען דעם עול פון בחירה און היטן יאָ אָפּ דאָס געזעץ פון אויסדערוויילטקייט מיט אַלע זיינע זיסע און ביטערע מסקנות — אָט די לעגענדע איז אַ ליטעראַרישער לוקסוס. די געשטאַלט פון לוי יצחק, דער דערבאַ־רעמדיקער, וואָס בעט רחמים פאַר די וואָס טראָגן די ירושה מעג זיין גרויס, אָבער נאָך גרעסער וואָלט געווען לוי יצחק, דער מאַן פון געזעץ, וואָס שטעלט זיך איין פאַר יענע אומזיסט און אומנישט מיט קדושה גערודפטע און מיט פריווילעגיע געיאָגטע, וואָס האָבן די ירושה נישט אָנגענומען און האָבן זייער חתימה צום אָפּמאַך פון אויסדערוויילטקייט נישט געגעבן.

איך טראַכט צו די וואָלטער ראַטענאַוס, צו די רודאָלף הילפער־דינגס, צו די קורט טוכאָלסקיס און צו אַזוי פיל אַנדערע וואָס זיינען אומגעקומען אַן אַ געזעצלעכן האַפט פאַר יידישקייט, פאַר אַן אויס־דערוויילטקייט וועלכע זיי האָבן קיין מאָל נישט אַקצעפּטירט. ווי גראַ־טעסק און טרויעריק איז געווען די קדושה וואָס האָט געשוועבט איבער

זייער יידישן טויט? און ווי גראָטעסק איז אויך די פּיין פֿון יידישן מאַר־טירערטום וואָס פּלאַטערט איבערן לעבן פֿון פּוילנס גרויסן דיכטער יוליאַן טובים? זיי, די עולם־הבאניקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אויסדערוויילטקייט פּונקט ווי אַלעף ג׳ימלען, דעם עולם־הזהניק וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם עול פֿון איר געזעץ — זיי איז אונדזער געמיט, זיי איז אונדזער פּאָלקלאָר שולדיק אַ לוי יצחק וואָס זאָל טענהן קעגן דער אומגעזעצלעכקייט פֿון די יידישע ליידן ביי זייער לעבן און זיך אַקעגנגעשטעלן דער אומגעזעצלעכקייט פֿון יידישער קדושה ביי זייער טויט.

(1943)

מוציוס סקעווֹאָלאַ און דער אַפּטער רב

גאַיוס מוציוס סקעוואָלאַ, דער רוימישער העלד פון מיט דריט־האַלבן טויזנט יאָר צוריק האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַן אויפ־געשאָסענעם בלייכן בחורל אין דעם ערשטן קלאַס פון דער קאָלאָמייער גימנאַזיע. אַז דאָס בחורל איז דערנאָך געקומען אַהיים אויף וואַקאַציע צו טאַטע־מאַמע אין דאָרף אַריין האָט ער ווי אַלע מאָל אויסגעפּאַקע־וועט דעם ענטוזיאַזם פאַר זיין טאַטן.

דער טאַטע, אַ נידעריקער, איידעלער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס איז געווען אַ קורא ותיק פונעם „השלוח" און אַ באַגיי־סטערטער הערצליאַנער, אַ משכיל פון אַ מתנגדישער שטוב און אַ דאַנק פּרצן, יהודה שטיינבערגן און בערדיטשעווסקין אַ פאַרליבטער אין דער חסידישער העראַאיק, האָט אויסגעהערט די „שבחי־סקעוואָלאַ" און זיך אָפּגערופן אַן ערך אַזוי צו זיין צען־יאָריקן זון:

— בלי ספק אַ גיבור, דער סקעוואָלאַ דיינער, ער האָט געוואָלט הרגענען דעם עטרוסקישן גענעראַל, וואָס האָט באַלאַגערט רוים, האָט מען אים געכאַפּט און ער האָט געוואוסט, וואָס עס וואַרט אויף אים דערפאַר. אָבער כדי צו ווייזן די שונאים אַז ער האָט ניט קיין חרטה און ניט קיין מורא, האָט ער אַריינגעלייגט זיין רעכטע האַנט אין פייער ביים אַלטאַר פון די געטער און זי געלאָזט פאַרברענט ווערן.

אָבער צו וואָס דאַרפסטו לויפן נאָך אַזאַ העלדישקייט אַזש צו די רוימער פון צוריק מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר? די גבורה פון אונזער אַפּטער רב, וואָס האָט געלעבט מיט בלויז הונ־דערט יאָר צוריק איז געווען אַ סך גרעסער.

צוויי קינדערישע אויגן האָבן געברענט מיט נייגיר און מיט

התפעלות. דער טאַטע האָט איבערדערציילט די חסידישע מעשה, וואָס גיט איבער אַז דער אַפּטער ז״ל האָט אַמאָל אין מרחץ אַריינגעטאָן די לינקע האַנט אין אויוון אַריין און ווען מען זאָל זיך באַצייטנס נישט געווען כאַפּן, וואָלט דער אַפּטער רב געווען געבליבן אָן אַ האַנט. ווען מען האָט דעם רבין דערנאָך איבערגעפרעגט צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן, האָט ער געענטפערט בתמימות: „די האַנט אויף וועלכער מען לייגט תפילין, מוז מען גוט אויסברענען״.

דער אַפּטער רב — האָט זיך דער טאַטע אַריינגעטייטשט אין התלהבות — האָט קיינעם ניט געוואָלט ווייזן אַז ער איז אַ גיבור. ער האָט אויף זיך גענומען די געוואַלדיקע יסורים נישט לשם גאווה, נישט ווי סקעוואָלאַ, כדי אַנדערע זאָלן פאַר אים דרך־ארץ האָבן, נאָך מער דרך־ארץ האָבן. דער אַפּטער, פאַרקערט, איז אויסן געווען צו, לערנען מיט זיך אַליין אַ פייערדיקע פרשה הכנעה — ער האָט אין זינען געהאַט בלויז זיין אייגענע זעלישע לייטערונג. און דאָס איז טאַקע דער חילוק — האָט דער טאַטע ווייטער גערעדט און פאַרגעסן אַז זיינע רייד זיינען איבער דער השגה פון אַ צען־יאָריק קינד — צווישן אונדז און זיי. ביי זיי גבורה, כדי אַנדערע צו בויגן — צוליב חיצוניות. ביי אונדז, מס־רת נפש כדי זיך אַליין צו דערהויבן — צוליב פנימיות.

יענער זומערדיקער אָוונט פון די קינדער־יאָרן ווען דער טאַטע האָט אין אַזעלכע הייסע ווערטער גלאָריפיצירט דעם אַפּטער רב און זיין מסירת־נפש איז ביים זון געבליבן האַפטן ביז אויפן היינטיקן טאָג אין זיין געמיט. און אַלע מאָל ווען עס גייט אויף אין אים די דערמאָנונג פון יענעם מאָמענט, פילט ער ווי עס קוואַלן זיך אין אים פאַנאַנדער עפּעס מיט באַזונדערע פלאַמען די ליבשאַפט צום טאַטן, צו דער געשטאַלט פונעם אַפּטער און צו „אונדז״ און אונדזער אַנדערשקייט.

און אָט די דערמאָנונג מיט אירע צוציענדיקע פייערן פון ליבשאַפט איז דעם זון באַשערט געווען איבערצולעבן מיט אַן אויסנעמ־

לעבער אינטענסיווקייט אַט־דאָ אָנומלט ביי דער קאָנפערענץ פונעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק.

כמעט פערציק יאָר זיינען, דאַכט זיך, פאַרביי זינט יענעם מאָ־מענט מיטן טאַטן און דאָ — ער קוקט זיך איין צום באַלעמער און ער זעט: עס שטייט אַ יונגערמאַן, אַזוי יונג און אַזוי איידל ווי זיין טאַטע דעמאָלט. ער הערט זיך איין: די שטים פונעם באַלעמער איז אַזוי וואַרעם ווי זיין טאַטעס דעמאָלט. די ווערטער פונקט אַזוי גליִ־ענדיק און דער תוכן זייערער — דער המשך צום טאַטנס רייד וועגן אַפּטער, וועגן זיין פּנימיות, וועגן זיין מסירת נפש און וועגן זיין ברענענדיקער האַנט...

אַלץ אַזוי ווי דעמאָלט, נאָר וואָדען? די ווערטער פון דעם יונגן טאַטע דאָ אויפן באַלעמער זיינען אויסגעשפרייטער און אַרומנעמענ־דיקער. דער אינהאַלט זייערער איז אומגעהאַריש געכפּלט. עס קומט פון די רייד אַרויס נישט איין סקעוואַלאַ, נאָר טויזנטער און אָבער־טויזנטער גבורים, רוימישע, באַבילאָנישע, גריכישע און — דייטשע. און לעבן די סקעוואָלאָס און אַקעגן זיי שטייגט אויף מיט זיין מסירת־נפש נישט איין אַפּטער, נאָר אַ גאַנץ פאָלק פון אַפּטער. אין כמעט יעדן דור, יעדער ייד — אַן אַפּטער רב. און עס צעפלאַקערן זיך טויזנטער און אָבער־טויזנטער תפילין־הענט, קעפ מיט של ראשן און גאַנצע גופים, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אויוון נישט כדי אַנדערע צו בויגן, נאָר כדי זיך אַליין צו דערהויבן. איבער טויזנטער יאָרן און איבער צענדליקער לענדער, פון ארץ־ישראל ביז פוילן, פון די יידן אויף די מויערן פון בית־המקדש אין ירושלים ביז די יידן אויף די ווענט פון געטאָ אין וואַרשע — נישט קיין סקעוואָלאָס, נאָר אַפּטערס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויוונס נישט צו זיגן ווי גבורים, נאָר צו שטאַרבן ווי קדושים.

דאָס, וואָס דער יונגערמאַן אויפן באַלעמער מיטן גלי פון מיין טאַטעס רייד אויף זיין צונג איז געווען פּראָפעסאָר אברהם העשל, דעם אַפּטער רבס אַן אורייניקל און אַ נאָמען נאָך אים — האָט געאָטעמט מיט הייסער סימבאָליק צו מיר און צו מיין לעבן. איך האָב עס געשפּירט ווי אַ זכיה.

(1944)

וועגן גומל־בענטשן

דעם טאַטנס ראַדיקאַלע יאָרן קלינגען נאָך אין געמיט פונעם זון אויפן פּראַנט. דעם זונס סכנהדיקע טעג און וואַכן ציטערן־אויף אין טאַטנס נשמה אינדערהיים און וועקן אין אים, וועקן אַלעמאָל איבערסניי די קלאַנגען און די זשעסטן פון דער אַלטער יידישער וועלט פון זיין יוגנט.

איך האָב עס אַנומלט אַרויסגעלייענט פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיינעם אַ פריינט און זיין זון. מיט מיין פריינטס רשות דרוק איך דאָ איבער שורות פון אַ בריוו פון דאָרט און פון אַן ענטפער צוריק.

שרייבט דער זון פון יענער זייט ים:

„איך האָב באַמערקט אַז דער טאַטע ווערט אַלץ רעליגיעזער. אַוודאי פאַרשטיי איך אים. איך האָב אַ טיפן פאַרשטענדעניש פאַר זיינע געפילן. איך אַליין בין אויך, ניט צום נאָכצוזאָגן, פול מיט דאַנק פאַר מיין גליק. אָבער מיר איז שווער, פאַר מיר איז ממש אוממעג־לעך צו פאַרבינדן מיין דאַנקשאַפט מיט אַ באַשטימטער גאָטהייט דורך אַ פיקסירטן און צייטלעך רעגולירטן ריטואַל. איך גיי ניט צו די „סוירוויסעס" דאָ, ווייל זיי קומען מיר פאַר וואָכעדיק און איך געפין אין זיי ניט דאָס נויטיקע ביסל אינספּיראַציע".

ענטפערט דער טאַטע פון דער היים:

„דאָס גיין אין שול אַריין בענטשן גומל האָט ביי מיר אַ שייכות נישט נאָר מיט רעליגיעזע איבערלעבענישן, נאָר עס איז אויך דער אויסדרוק פון אַ באַדערפעניש זיך אויסצוטאָן פון אינדיווידואַליזם אין די שווערע פערזענלעכע און כללישע מאָמענטן, וועלכע מיר לעבן

איצט איבער, און זיך צו באַהעפטן מיט מיין פאָלק, ד. ה. זיין אינ־איינעם מיט וואָס מער מענטשן פון מיין פאָלק".

„איך בין געגאַנגען אין שול אַריין ווייל איך האָב געפילט, אַז ווען איך גיי אַרויף אויפן באַלעמער צו דער תורה, בין עס נישט נאָר איך, נאָר אויך מיין טאַטע, מיין זיידע און אַלע דורות פאַר מיר און לעבן מיר און איך האָב געהאַט דאָס באַדערפעניש צו זיין נאָענט מיט זיי אין דער שעה ווען מיין האַרץ איז איבערפולט מיט דאַנק וואָס מיין זון און זייער אייניקל איז ניצול געוואָרן פון סכנה און עס זיינען נישט איבערגעשניטן געוואָרן די דורות. עס וואָלט געווען פון זעלישן און פון משפחה־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אָרעם און קבצניש צו מורמלען פאַר זיך דעם דאַנק ביים שרייבטיש צווישן די פיר ווענט פון דער אייגענער שטוב. כדי מצרף צו זיין די דורות צום דאַנק און לויב פון אייגענעם האַרץ דאַרף מען האָבן אַ צערע־מאָניאַל וואָס זאָל לויכטן מיט היסטאָריש־געהייליקטע סימבאָלן".

„איך בין מודה, אַז איך בין פון דער צערעמאָניע אחר המעשה נישט געווען צופרידן. ס'איז געווען צו ווייניק יום־טוב אין איר. דערעיקרשט האָט זיך די וואָכעדיקייט געשפּרייט פון די כלי־קודש, פון דעם בעל־קורא, פון דעם שמש, פון דעם גבאי".

„קעגן די קריטישע ווינטעלעך וואָס עס ווייעט אָן אָט די וואָ־כעדיקייט איז אָבער פאַראַן אַ רפואה: אידעאַליזאַציע. מען מוז האָבן דעם כוח, די ליבשאַפט און אין דער איצטיקער צייט פון קאַטאַ־סטראָפע איבער אונדז, אויך די יידישע אייגן־ליבשאַפט יידן צו אידעאַליזירן ד. ה. צו זען זיי שענער, יום־טובדיקער און — וואָרער. אַזאַ אידעאַליזירונג איז אומבאַדינגט נויטיק. וואָרעם סוף־כל־סוף לעבט דאָך יעדער קאָלעקטיוו אין די אויגן פון דעם איינצלנעם בלויז דורך אידעאַליזאַציע. ווען נישט דאָס וואָלט זיך דער כלל זיכער פאַ־נאַנדערגעפאַלן אין האַרץ און אין געמיט פונעם יחיד".

(1944)

יידישע געשטאַלטן
וואָר און דמיון

דער יידישער גערַאנגל מיט שיילאָקן

פאַר יענע וואָס קערן זיך נישט אָן און זאָגן זיך נישט אָן קיין קרובהשאַפט מיט שיילאָקן איז דער ענין זייער אַ לייכטער און זייער אַ פשוטער.

שוין דריי הונדערט יאָר ווי זיי ווערן אויפגעשוידערט פון דער סצענע אין וועלכער שיילאָק מאָנט אַזוי עקשנותדיק און אָן רחמנות דאָס פונטל פלייש פון אַנטאָניאָס גוף וואָס נעענטער צום האַרץ, אָבער אויך שוין פונקט אַזויפיל יאָרן ווי זיי ווערן מאָראַליש באַלוינט פאַר זייער זעלישער צערודערונג, וואָרעם אין מאָמענט פון דער סאַמע אינטענסיווסטער דראַמאַטישער שפּאַנונג באַווייזט זיך דאָך די „אײדעלע און קלוגע״ פּאָרשיאַ און זי באַזיגט שיילאָקס אַכזריות און שיילאָקס נקמה־ליידנשאַפט מיט דער הילף פון אַ שאַרפזיניקן יורידישן אויס־טייטש.

און נישט נאָר גייען די טעאַטער־געסט אַוועק אויפגעראַמטע און צופרידענע וואָס אַנטאָניאָן איז חלילה קיין שלעכטס נישט געשען, נאָר זיי האָבן נאָך צובאַקומען זייער אייגנס אַ סוגעסטיוון ליטעראַרישן סימבאָל, אַ שפּראַך־נמשל פאַר געלט־גיריקייט און נקמה־דאַרשט: דער ייד שיילאָק.

שווער איז אונדז יידישע שעקספּיר־לייענער און טעאַטער־גייער. מיר קענען זיך מיט שיילאָקן נישט קיין עצה געבן. מיר פילן די עטישע גרויסקייט פון זיין געשטאַלט אָבער האָבן זי מורא אַלע הונדערט פּראָצענט צו אַקצעפּטירן. אונדז באַצווינגט די מאַכט פון זיין דרייס־טער קריגערישקייט אָבער מיר שרעקן זיך פאַר אירע לאָגישע קאָנ־סעקווענצן. עס באַליידיקט אונדז די אוממאָראַלישקייט פון פּאָרשיאָס לעבנס־רעטונג אָבער מיר זאָגן איר פונדעסטוועגן „יישר כוח״ כדי

מען זאָל אונדז אַליין נישט חושד זיין אין שיילאָקיזם. אונדז איז נאָענט און אייגן שיילאָקס „גלותדיקייט״ אָבער מיר פאַרמאָגן צו ווייניק גלייכע פּלייצע זיך מיט איר עפנטלעך אָנצוקערן.

זיינען מיר גרייט שיילאָקן צו פאַרלייקענען. אָנען מיר אָבער אַז דער „סוחר פון ווענעציע״ שטעלט אין אונדזער נאָמען אַרויס עפּעס אַזאַ עיקרדיקע היסטאָרישע טענה וואָס טאָר נישט בלייבן אומגעזאָגט.

מיר קענען זיך נישט ספּראַווען מיט שיילאָקן. מיר זוכן אים צו פאַרשענערן און צו פאַרציוויליזירן מיט מאָראַלישע פּירושים און קאָנצעפּציעס און מיר פילן אַז מיר מאַכן אים בלייכער און קלענער און מיט אים אויך אונדז אַליין.

וועגן די נאַר־וואָס דערמאָנטע יידיש־פּסיכישע שוועריקייטן אין שייכות מיט דער שיילאָק־געשטאַלט האָט זיך פאַר מיר מיט עטלעכע יאָר צוריק ביטער געקלאָגט אַ יידישער „האַי־סקול״־לערער פון אַ שטאָט אין שכנות מיט ניו־יאָרק. אַזוי ווי איך האָב אין אַן אַרטיקל מיינעם צו יענעו צייט געהאָט באַרירט דעם ענין „שיילאָק״ איז דער „האַי־סקול״־לערער אייגנס געקומען זיך מיט מיר אַן עצה האַלטן.

זיין „שיילאָק״־פּראָבלעם איז געווען אַ פּראָבלעם פון פּראַקטישער פּעדאַגאָגיק. לויטן שול־פּלאַן דאַרף דער ענגליש־לערער דורכנעמען מיט די שילער פון די העכערע קלאַסן צוויי שעקספּיר־פּיעסעס איבערן יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אים, דעם יידישן לערער איז איינע פון די צוויי פּיעסן געווען „דער סוחר פון ווענעציע״ און אַלעמאָל האָט ער מיט דער פּיעסע געהאָט מער אָדער ווייניקער אַ דורכפאַל.

די גוישע העלפט פון דעם קלאַס איז, ווי דער שטייגער, קודם אויפגעשווידערט געוואָרן פון שיילאָקס איינגעשפּאַרטער אַכזריות און האָט דערנאָך הנאה געהאָט פון פאָרשיאַס חריפות און איר הייס אַפּלאָדירט. די יידישע תלמידים ווידער (די מייסטע פון זיי) זיינען דווקא יאָ איינגעגאַנגען אויפן פּאַטאָס פון שיילאָקס באַרימטן מאָנאָלאָג און האָבן נישט ווילנדיק און אויך בכיוון אינאיינעם מיט זייער לערער אונטערגעשטראָכן מיט אַ קוועטש פון יידישן צער שיילאָקס קשיות. מען האָט ממש געזען ווי ד׳ער יידישער שילער ווערט נשמהדיק אויפגעברויזט ווען ער לייענט אויף אַ קול פאַר דעם קלאַס: „ווען איר

שטעכט אונדז, בלוטיקן מיר נישט? ווען איר סמט אונדז שטאַרבן מיר נישט? און ווען איר באַליידיקט אונדז — פאַרוואָס זאָלן מיר נישט וועלן נקמה נעמען?"

אָבער אַ פונטל פלייש און וואָס נעענטער צום האַרץ? אַזאַ אַכזריות־דיקע נקמה? — דער יידישער תלמיד האָט אינאיינעם מיט די נישט־יידישע חברים אָפּלאָדירט דער קלוגער פאָרשיאַן.

אַזוי יאָרן און יאָרן. ביז דער לערער האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן אַז ער וועט אויסקלייבן אַן אַנדערע שעקספּיר־דראַמע פאַר זיינע קלאַסן. „דער סוחר פון ווענעציע" איז נישט די פּאַסיקע פּיעסע פאַר אים און נישט פאַר זיינע תלמידים.

אָבער גראָד איצט — עס איז געווען אין די ערשטע זומער־טעג פון 1943, ווען מיר האָבן שוין געוואוסט אויף זיכער וועגן די קאַפּיטלעך טרעבלינקע און מאַידאַנעק וואָס אַנטאָניאַ האָט אַריינגע־שריבן אין שיילאָקס היסטאָרישן רייסטער פון יסורים — האָט דער לערער געפילט אַז ער דאַרף דווקא לערנען „שיילאָק" מיט זיינע גוישע און יידישע תלמידים, וואָרעם איצט אין שיין פון די גאַז־אויוונס קאָן מען דאָך פון שיילאָקס רייד און מעשים אַרויסלייענען נישט בלויז אַ ביסל עלעגישע קשיות וועגן קרבנס ליידן, נאָר אויך זיין קלאָרן פּסק וועגן תלינס שטראָף און זיין גורל.

דאָס פונטל פלייש באַקומט איצט אַ נייעם זין פון נקמה און פון מענטשלעכקייט. און אַ ייד מעג איצט האָבן די דרייסטקייט דעם דאָזיקן זין גאַנץ און בקול רם אַרויסצוזאָגן.

פיר פולע יאָר — מיט אַלע געשעענישן און איבערלעבענישן פון די דאָזיקע הרת־עולמדיקע פיר יאָר — זיינען זינט דעמאָלט אַוועק און איך האָב יענעם „האַי־סקול"־לערער באַגעגנט ביי אַ פּרע־מיערע פון דער ניו־יאָרקער העברעאישער טעאַטער־טרופּע „פּרגוד" — ביי אַ „שיילאָק"־פאָרשטעלונג.

דער רעזשיסאָר פּיטער פריי, האָט די פּיעסע רעזשיסירט און אויפן סמך פונעם שעקספּירישן שיילאָק־טעקסט (איבערגעזעצט אויף העברעאיש פונעם דיכטער שמעון האַלקין) געפּרואווט שאַפן אַ באַאַר־בעטונג וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט אַזוי צו זאָגן צום יידיש־אידעאישן

געברויך פון אונדזער צייט. אין די דריי אַקטן פון פּרייס באַאַרבע־טונג וואָס הייסט „שיילאָק 1947” ווערט נישט געשפּילט סתם „דער סוחר פון ווענעציע”, נאָר עס ווערט סצעניש געוויזן דער דראַמאַטישער געראַנגל פון יידישע שוישפּילער פון 1947 אין קאַמף פאַר אַ יידישער, פאַר אַ יידיש־ווערדיקער קאָנצעפּציע פון דער שיילאָק־געשטאַלט.

אין ערשטן אַקט — צען טעג פאַר דער פּרעמיערע — פּרוּווט דער רעזשיסאָר היינריך צוויק וואָס איז אַ יידישער פּליכטלינג פון דייטשלאַנד מסביר צו זיין די שוישפּילער, אַז פון שיילאָקן דאַרף מען סצעניש מאַכן אַ לעבערלעבע פיגור, אַ חוזק־געשטאַלט כדי אַזוי אַרום צו צעשטערן די לעגענדע אַז דער „סוחר פון ווענעציע” איז אַ רעפּרעזענטאַטיווער סימבאָל פון יידן און פון יידיש לעבן.

אַ יידישער אַקטיאָר זאָל גאָר אָפּשפּעטן און חוזק מאַכן פון שיי־לאָקן? כמעט אַלע שוישפּילער האַלטן צוויקס אויפפאַסונג פאַר אומ־ווערדיק און פאַר אַ באַליידיקונג פאַר זייערע יידישע געפילן. דער־עיקרשט קאָכט זיך איינער פון די סאַמע יינגסטע אַקטיאָרן, יהודה און ער נעמט טאַקע איבער צו רעזשיסירן די פּיעסע גאָר אַנדערש.

יהודהס, גאָר אַנדערשדיקע שיילאָק־קאָנצעפּציע, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין צווייטן אַקט, איז לויטן אַלטן שטייגער אַן אַפּאָלאָ־געטישע. יהודה טראָגט אַריבער שיילאָקן אין אַ געטאָ פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד כדי דורכן דייטשן אַרום פון אומטאָ־לעראַנץ און פון רדיפות פסיכיש און מאָראַליש צו באַרעכטיקן, ווי ווייט מעגלעך, שיילאָקס אַכזריות און גוזמאדיק געפיל פון נקמה.

זאָלן מיר באַרעכטיקן נקמה? יידן — דערקלערט דער יידישער פּליכטלינג פון דייטשלאַנד — האָבן קיינמאָל נישט געפאָדערט קיין נקמה, וואָרעם נקמה — איז מוסיף דער זעלביקער פּליכטלינג — מיינט פאַרניכטונג און זעלבסט־פאַרניכטונג.

מיט די דאָזיקע ווערטער געווינט היינריך צוויק צוריק די אויי־בערהאַנט אין דער רעזשי פון דער פּיעסע. אין דריטן אַקט ווערט אי־בערגעגעבן די געריכטס־סצענע לויטן טעקסט פון שעקספּירס פערטן אַקט. די אַקטיאָרן שפּילן אין מאָדערנע קליידער. שיילאָק, אַ ייד, אַ גילוח פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאָדערט זיין פונטל פליש. פאַרשיאַ אַ „סאָשעל וואָירקער” פון דעם זעלבן יאָרהונדערט געפינט

אַ לאַך אין געזעץ און פירט דאָרט אַרומעט אַרויס אַנטאָניאָן פונעם יידנס נקמה־קלעם. די צדדים ווייסן אַז זיי געפינען זיך אין אַ מאָדערנעם געריכט און זיי מאַכן דערפאַר נישט קיין דראַמאַטישע שטיק. מען זוכט נישט צו באַרעכטיקן שײַלאָקס נקמה־געפיל און מען אַפּלאָדירט אויך נישט איבעריק פּאָרשיאַס חריפות.

נאָר אַז דער געריכט־פּאָרזיצער פרעגט ביי שײַלאָקן, צי ער איז צופרידן מיט דעם משפט פון שמד און מיט קאָנפיסקאַציע פון זיין פאַרמעגן לטובת זיין קריסטלעכן איידעם לאָרענצאָ און שײַלאָק ענטפערט רעזיגנירט: יאָ, — ווייזט דער רעזשיסאָר צוויק אַז ער איז אַ שטאָלצערער ייד פון שעקספּירס ווענעציאַנער סוחר.

ער גייט צו כמעט ביז צום ראַנד פון דער בינע און שרייט אַריין מיט פּאַטאָס אין זאַל אַריין: „מיר קענען נישט אַקצעפּטירן דעם משפט. מיר מוזן בייטן דעם סוף פון דער פּיעסע“.

ווי־אַזוי־זשע בייט דאָס דער רעזשיסאָר דעם סוף פונעם שפּיל נאָך זיין פּאַטעטישער ווענדונג צום פּובליקום? ווי אַזוי? ער לאָזט אַלץ אויף זיין אָרט: שײַלאָק — אַן אַכזר און נקמה־נעמער; פּאָרשיאָ — אַ חריפהניצע און אַן אויפטוערין און אַנטאָנינאָ — אַ באַפרייטער.

נאָר וואָדען? שמדן — לא. שײַלאָק וועט זיך בשום אופן נישט שמדן, ער בלייבט אַ ייד. וואָרעם ווי הייסט עס דאָרט אין פאָלקסלידל? „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר אָבער יידן בלייבן מיר“.

ביים אַרויסגיין פונעם זאַל איז דער לערער צו מיר צוגעקומען.

— איר געדענקט מיך? איר דערמאָנט אייך?

— אַוודאי.

— זאָגט־זשע מיר, כ׳בעט אייך, וואָס האָבן זיך נעבעך יידישע שוישפּילער איינאיינעם מיט אַ גאַנץ פּעאיקן רעזשיסאָר געדאַרפט ראַנגלען גאַנצע דריי אַקטן אויף צו דעררּאַנגלען זיך צו אַזעלכע פלאַכקייטן, ווי מיר האָבן נאָר־וואָס געזען און געהערט?

אַנשטאָט צו ענטפערן דעם לערער אויף זיין באַרעכטיקטער פראַגע, אויף וועלכער איך האָב קיין באַשייד נישט געוואוסט, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: ווי אַזוי האָט איר אייך אַליין געספּראַוועט מיט אייער שײַלאָק־פּראָבלעם אין קלאַס?

ער האָט, ווייזט אויס, געוואָרט אויף דער פראַגע, וואָרעם ער האָט געגומען דערציילן מיט באַשיימפערלעכן חשק: איך האָב זיך נאָך דעם שמועס מיט אייך מיט פיר יאָר צוריק אַריינגעטראַכט אין דעם ענין און האָב „אַנטדעקט אַמעריקע". שעקספיר איז אַ גאון און אַלץ שטייט שוין ביי אים געשריבן ווי אין דער ביבל. און, פונקט ווי אין דער ביבל, דאַרף מען ביי אים גאַרנישט בייטן און פאַרריכטן, נאָר מען דאַרף העכסטנס „אַרויסזאָגן" ווי דער רבי אין חדר פלעגט דאָס טאָן לערנענדיק מיט אונדז די מעשיות פונעם ספר בראשית.

דעם לערער דאַרף קלאָר ווערן וואָס „אַרויסצוזאָגן" און אַז אים איז קלאָר ווערט די תלמידים נאָך קלערער. איך קען מיך באַרימען אַז אַלע מיינע תלמידים — אי די יידישע און אי די נישט־יידישע — איז איצט קלאָר געוואָרן שיילאָקס עטישע גרויסקייט.

פאַרוואָס באַשטייט שיילאָק אויף זיין „פונטל פלייש"? ווייל ער איז אַן אַכזר? אַ נקמה־נעמער? אומזין צו וועלן אַזוי פלאַך און אומפּסיכאָלאָגיש טייטשן שעקספירן און זיינס אַ העלד. שיילאָק ווייס אַז ליידן איז אפשר דער איינציקער וועג ווי אַזוי אויפצואוועקן די חושים ביי די „גוטע אַנטאָניאָס" אַז זיי זאָלן דערזען און דערפילן די ליידן פון זייערע קרבנות. בלויז דעמאָלט, ווען דער, „גוטער אַנטאָניאָ", דער לייכטלעביקער באסאניאָ און די „איידעלע פּאָרשיאָ" וועלן דערפילן דעם שניט פון מעסער און דעם שטאָך פון פיין, דעם צער פון זיין דערנידעריקט און דעם טרויער פון אָנמעכטיקייט, בלויז דעמאָלט וועט זיך מעגלעך זייער האַרץ עפענען פאַר שיילאָקס יסורים און זיי וועלן אפשר דערזען דאָס סאַמע איינפאַכסטע און דאָס סאַמע פרימיטיוווסטע, דהיינו, אַז זייערע קרבנות זיינען מענטשן וואָס אַז „מען שטעכט זיי, בלוטיקן זיי".

און בלויז פון אַזאַ דערקענטעניש, געבוירן פון אייגענע ליידן, קאָן אפשר אַרויסוואַקסן דער בשותפותער הומאַניטאַריזם וואָס וועט אויפהערן צו צעטיילן מענטשן און פעלקער אויף פייניקער און קרבנות. אַזוי אַרום טראָגט אין זיך שיילאָקס נקמה אַ נאָבעלע וויזיע פון אַ נייער מענטשהייט. שיילאָקס אַכזריות — דאָס איז אין תוך זיין איידעלע ליידנשאַפט צו מענטשלעכקייט און זי האַלט אין דער געריכט־סצענע

אָט־אָטביים נצחון. באַלד, דאַכט זיך, וועלן די פייניקער אַריינגע־טריבן ווערן אין יענעם ענגן ווינקל פון געשיכטע פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין אַרויס און זיי וועלן מוזן נעמען אויף זיך דעם עול פון ליידן.

איך מוז מודה זיין — האָט ווייטער גערעדט צו מיר דער לע־רער — אַז די דאָזיקע „אַרויסזאָגעכץ״ איז נישט געווען מיינע אַ פּער־זענלעכע אויסגעפינעניש. זי איז נאָך די ידיעות וועגן טרעבלינקע און אָשוויענטשים געלעגן אַזוי צו זאָגן אין דער לופט פון אַמעריקע און ענגלאַנד. אַלע, מיטן פּרעזידענט רוזוועלט און פּרעמיער טשויר־טשיל בראש, האָבן דאָך אָנגענומען שיילאָקס פאַרלאַנג נאָך „אַ פונטל פליייש״ נישט בלויז כדי צו באַשטראָפן, נאָר כדי דורך ליידן איבער־צודערציען דאָס דייטשע „אַנטאָניאָ״־פאָלק צו מענטשלעכקייט און צו מענטשלעכער סאָלידאַריטעט.

דערביי האָט זיך געענדיקט מיין אַרויסזאָגעכץ אין 1945. אָבער איצט אין 1947 גייט די אַרויסזאָגעכץ שוין ווייטער — וואָרעם אויך דער ווייטער איז שוין דאָ ביי שעקספּירן אין זיין פּיעסע. אַ גאון גע־ווען שעקספּיר און אַ נביא. ער האָט אַלץ פאַראויסגעזען. אַז ס׳האָט טאַקע שוין געהאַלטן ביים וועג צו מענטשלעכקייט, האָט מען גע־בראַכט צו טאָסקען דעם טפר פראַלניק מיט געזעצלעכע חריפותלעך און די עוואַנגעליע מיט אירע פייכטע רחמנות־בלעטער און — דער תלין איז געוואָרן אַ נגזל און דעם קרבן האָט מען געשטעמפּלט פאַר אַן אַכזר.

און ווייטער שטייט געשריבן ביי שעקספּירן, אַז וויבאַלד די וועלט פון פּאָרשיאַס און באַסאַניאָס און פון זייערע ריכטער וועט האָבן אָפּגעראַטעוועט דעם תלין פון שטריק — וועט זי ווערן פול מיט רחמנות אַפילו צום קרבן און וועט גרייט זיין אים מוחל צו זיין פאַר זיין אַכזריות און פאַר זיין נקמה־געפיל, זי וועט זיך באַגנוגענען דער־מיט וואָס ער וועט דאָס פאַרמעגן דאַרפן אַוועקגעבן זיין קריסטלעכן איידעם און ער אַליין וועט אָננעמען דעם תלינס תורה פון באַרמ־הארציקייט.

דאַרף מען איבעראַרבעטן שיילאָקן און אים צופּאַסן צו 1947? אַז ער איז דאָך גאָר לכתחילה צוגעפּאַסט צו אַלע יאָרהונדערטער

און איז אַ טיפֿער און באַליכטנדיקער סאַטירישער פּירוש צום קאַמף צווישן קרבן און תּלין איבער דער לענג פֿון אַלע צייטן.

אַן איבעריקע טרחה געווען אי פֿאַרן רעזשיסאָר און אי פֿאַר די שוישפּילער. נישט עפּעס אַ צוגעפּראַוועטע פּיעסע אַרום שײַלאָקן, נאָר טאַקע שײַלאָקן אַליין האָבן זיי געדאַרפֿט שפּילן און פּרואוון אַרויס־שפּילן שעקספּירס טיפֿע סאַטירע וועגן דעם אַכזריותדיקן קרבן און רחמנותדיקן תּלין.

איך בין מודה — האָט דער לערער פֿאַרענדיקט מיט אַ שמייכל — אַז „אַרויסזאָגן" אין קלאַס איז לײַכטער ווי „אַרויסשפּילן" אויף דער בינע, אָבער די לײַכטערקייט איז שוין מײַן מזל. דערויף בין איך דאָך בלויז אַ לערער און נישט קיין קינסטלער.

שפּילן שײַלאָקן מיינט קודם כּל האָבן דעם מוט מיטצומאַכן מיט אים זעליש אַלע הונדערט פּראָצענט זײַן שווערע, אַכזריותדיקע און עטישע אָפּענסיווע קעגן תּלין און קעגן תּלינות.

איך האָב מיט דעם לערער דורכאויס מסכּים געווען.

זומער 1947.

אַ פּאָסט־סקריפּטום

דעמאָלט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, אין אַ דושנע־הייסן ניו־יאָרקער זומער־אָוונט האָט זיך מיט שײַלאָקן געבאָרעט אַ העברעאישע אַמאַטאָרן־טרופּע אויף אַ קליינער בינע ערגעץ אין אויבערשטן טייל פֿון שטאָט.

איצט, אין אַן אָסיען־נאַכט, וואָס איז לויט דעם משונה־ווילדן ניו־יאָרקער קלימאַט געווען פּונקט אַזוי הייס ווי אַ זומערדיקע, איז דער געראַנגל מיטן „סוחר פֿון ווענעציע" אָנגעגאַנגען אויף די בינע־ברעטער פֿון מאָריס שוואַרצס רחבֿותדיקן קונסט־טעאַטער אין ייִדישן טייל פֿון ניו־יאָרק.

אין דער העברעאישער אַמאַטאָרן־טרופּע האָט פּיטער פּריי, וואָס האָט באַאַרבעט די „שײַלאָק"־פּיעסע און איז אויך געווען דער רעזשיסאָר פֿון דער באַאַרבעטונג, געזוכט אויסצופֿיינען דעם ייִדישן בעל־נקמה דערמיט, וואָס ער האָט אים אַריבערגעטראָגן אין אַ געטאָ

פון אַכצנטן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד כדי דורכן דייטשן אַרום פון שנאה און פון רדיפות אונטערצושטרייכן שיילאָקס פסיכישע און מאָראַלישע באַרעכטיקונג צו זיין אַכזריות און צו זיין עקשנותדיקן פאַרלאַנג נאָך נקמה.

אויך אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער איז די הויפּט־דאגה פון דער אויפגעפירטער שיילאָק־פּיעסע געווען וואָס בעסער, וואָס גרינטלעכער און וואָס איבערצייגנדיקער צו באַרעכטיקן די נקמה־דורשטיקייט פונעם יידישן סוחר. דער מחבר פון „שיילאָק און זיין טאָכטער" ארי אבן־זהב און דער רעזשיסאָר פון דער פּיעסע, מאָריס שוואַרץ, האָבן שיילאָקן נישט מטריח געווען פון ווענעציע קיין דייטשלאַנד. ס'איז אויך נישט נויטיק געווען. די ווענעצישע געטאָ אין דער צייט, ווען אין רוים האָבן געהערשט נאָכאַנאַנד די אינקוויזיטאָרישע פּויפּסטן פאַל דער דריטער און דער פערטער, האָט אַ יידן געגעבן נישט ווייניקער באַרעכטיקונג צו שנאה און צו נקמה ווי דאָס לעבן אין אַ דייטשער געטאָ פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

אָבער כדי שיילאָקס פסיכישע און מאָראַלישע באַרעכטיקונג צום „פונט פלייש" זאָל זיין נאָך מער באַגרינדעט און ממש נישט צום אָפּפרעגן, האָט אַרי אבן־זהב אין זיין ראָמאַן („שיילוק היהודי מוניציה", תל־אביב, תש"ג) און דערנאָך אין זיין דראַמאַטיזאַציע געשטעלט דעם טראָפּ נישט אַזוי אויף דער יידישער צרת רבים אין דער געטאָ ווענעציע, ווי אויף דער רשעות וואָס אַנטאָניאָ און לאָרענצאָ האָבן אָפּגעטאָן שיילאָקן פּערזענלעך.

לויט ארי אבן־זהבס סיפור המעשה האָט אַנטאָניאָ נישט סתם געליגן דריי טויזנט דוקאַטן ביי שיילאָקן, נאָר ער מיט לאָרענצאָן האָבן טאַקע דאָס געלט גענוצט אויף איבערצוקויפן שיילאָקס דינערס און אויך צו פאַרפירן מיט זייער הילף שיילאָקס בת־יחידה. און לאָרענצאָ איז נישט סתם אַ גוי וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל און זי פאַרפירט צו שמד, נאָר ער איז נאָך דערצו עפּעס אַן אַרויפגעצוואונגענער אַנגעשטעלטער, אַ מין „אַרישער קאָמיסאַר" אין שיילאָקס באַנק און ער פאַרראַט דעם בעל־הבית און אַנטלויפט מיט זיין טאָכטער.

הכלל, דער פאַרברעך וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן שיילאָקן

איז אַזאַ שווערער, אַזאַ צוגעשפּיצטער, אַזאַ. ווי יוריסטן זאָגן, קוואַ־ליפיצירטער —

אַז אַפילו — דאָס איז דער לאָגישער אויספיר וואָס ווינקט זיך מיט אונדז איבער — אַ גוישער איידלמאַן וואָלט אין אַזאַ פאַל געקאָנט ווערן אַזוי נקמה־דורשטיק ווי דער יידישער סוחר שיילאָק.

ווערט די יידישע שיילאָק־געשטאַלט דאַדורך מאָראַליש גרעסער, דערהויבענער?

פאַרקערט. שיילאָקס גרויסע נקמה־עקשנות ווערט זיכער אָן אַ סך פון איר עטישער ליידנשאַפט, ווען הינטער איר שטייט בלויז דער געיאָמער פון אַ פאַרוואונדעטן יידישן פאָטער ווי ביי ארי אבן־זהבן און נישט דער היסטאָרישער געקלאָג פון אַ פאָלק ווי ער קומט צום אויס־דרוק ביי שעקספּירן.

אין אַרי אבן־זהבס דראַמאַטיזאַציע איז שיילאָק נישט מער ווי איינער אַ רעאַלער ייד וואָס אַ גוי האָט אים רשעות געטאָן, גרויס רשעות געטאָן און האָט דערמיט אָנגעצונדן אין אים אַ פּחדימדיק פייער פון נקמה.

אין שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע" איז שיילאָק אַ ייד — אַ סימבאָל וואָס רעדט אין נאָמען פון אַ פאָלק און אויך דאָס „פונט פלייש" ווערט ממילא אויס ממשות און ווערט דער סימבאָל פון ליידן פאַר די אַנטאָניאָס, פאַר גאַנצע פעלקער פון אַנטאָניאָס וואָס קענען בלויז דורך אייגענע יסורים דערפילן אַז ווען מען „שטעכט אונדז, בלוטיקן מיר".

מען זאָגט אַז דער באַרימטער שיילאָק־מאָנאָלאָג איז היינט־צו־טאָג אין אָנגעזיכט פון די טרעבלינקער גאַז־אויוונס, אין וועלכע אַנ־טאָניאָ האָט געברענט שיילאָקן, נישט מער ווי אַ בינטל בלאַסע און שוואַכע רייד. דאָס איז זיכער וואָר.

די ווערטער, וואָס שעקספּיר האָט געלאָזט רעדן שיילאָקן אין יענעם מאָנאָלאָג, זיינען פּנים־אל־פּנים מיט דער מאָידאַנעק־ווירק־לעכקייט געוואָרן קליין־געוויקסיק, ממש קאַרליקיש אונטער דער מאָס. מיר קוקן אויס און גאָרן נאָך טיפערע, גרעסערע און אויסשעפּנדיקערע ווערטער פאַר אונדזער צער און פאַר אונדזער טענה.

אָבער ברענגט אונדז אבן־זהב די דאָזיקע נייע ווערטער? ניין.

ער פּרואווט בלויז אַריינשטעכן אין שיילאָקס גרויסן יידישן פאָלקס־צער און פאָלקס־פּראָטעסט עטלעכע קליינע פּערזענלעכע קריוודעס און אים דאַכט זיך דערביי אויס, אַז איצט וועט שיילאָק זיין בכוח אַ געשריי צו טאָן דאָס אמתע וואָרט פון די טיפענישן און די וועלט און טאָקע מיר יידן אַליין וועלן ערשט איצט פאַרשטיין און באַרעכטיקן זיין טיפע נקמה־ליידנשאַפט.

ווייזט אָבער אויס אַז דאָס ביסל מער פּערזענלעכע צרות וואָס אבן־זהב באַשאַפט אין זיין פּיעסע פאַר שיילאָקן האָט היינט־צו־טאָג, אין אָנגעזיכט פון מאַידאַנעק, נאָך וויניקער ווערדע און מאָראַלישע באַדייטונג ווי די איבערדורותדיקע פאָלקס־לאַמענטאַציע וואָס רעדט אַרויס פון די איצט שוין שוואַך געוואָרענע ווערטער פונעם שעקספּירישן מאָנאָלאָג.

און מיר איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, וואָס די ווענעציישע יידן מיטן רב בראש, טאָקע אין אבן זהבס דראַמע, הויבן נישט אָן צו פאַרשטיין שיילאָקס איבערגעטריבענע נקמה־עקשנות. וואָסי? ער איז דער ערשטער ייד וואָס אַ גוי האָט ביי אים פאַרפירט אַ טאָכטער? וואָסי? דער גוי האָט פאַרפירט די טאָכטער מיטן געלט וואָס ער האָט געליגן ביים פאָטער? איז דען דאָס מער ווי נאָך אַ בערל צו די שטעכלינקעס? און צוליב אָט־דעם אומוויכטיקן „בערל" זאָל דאָס פלאַקערן אַזאַ נקמה וואָס קאָן ברענגען אַן אומגליק אויף דער גאַנצער יידישער קהילה?

שיילאָק איז קליין, איז ענגהאַרציק, איז שוואַך געוואָרן אין אבן זהבס פּיעסע. דער געריכט האָט אים נישט איבערגעכיטרעוועט ווי ביי שעקספּירן. נייך, דער ווענעציישער קרוינגעריכט איז געווען אָרנטלעך ביז גאָר. ער האָט צוגעפּסקנט דאָס פונטל פלייש ווי עס שטייט געשריבן אין אָפּמאַך. קליין און אומטראַגיש איז בלויז שיילאָק. אומטראַגיש, ווייל ער קאָן נישט נעמען נקמה און אומטראַגיש, ווייל ער האָט אין תוך אויך נישט געהאַט פאַרוואָס צו נעמען נקמה. וואָרעם ווי אין די אַלטע גוטע יידישע טעאַטער־צייטן קומט דאָך ביים סוף די גליקלעך־טרויעריקע בשורה, אַז זשעסיקאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים, הגם נישט קיין לעבעדיקע.

איך פאַרשטיי די ווענעציאַנישע יידן, וואָס זיי האָבן דעם קליין־געוואָרענעם שיילאָק מחרים געווען. וואָרעם אַ ייד וואָס שטעלט צוליב דעם אַ ביסל מער פון אייגענע צרות אין סכנה דעם יידישן כלל, איז בפירוש ווערט אַז מען זאָל אים מחרים זיין.

שעקספּירס שיילאָק אָבער האָט קיין חרם זיכער נישט פאַרדינט.

(האַרבסט 1947)

רכילותן וועגן יאַנקל צימבאַליסט

זיין באַרימטע פּאָעמע „פּאַן טאַדעאוש" האָט אַדאַם מיצקעוויטש אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער פּאַריזער עמיגראַציע געציילטע עטלעכע חדשים נאָכן שרעקלעכן דורכפאַל פונעם פוילישן אויפשטאַנד אין נאָוועמבער, 1831. ווי אַ שווערע און טיפע וואונט האָט זיך די ווירק־לעכקייט אוועקגעשטעלט פאַרן דיכטער: וועט ער נאָך ווען עס איז האָבן די מעגלעכקייט צו זען די היים פון זיין יוגנט? איז נאָך פאַראַן אַ רעאַלע אויסזיכט פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון פוילן?

די פּיין פון אַן אויסגערונענער האָפענונג און דער טרויער איבער אַ חלום, וואָס האָט זיך גענומען אָפּרוקן העט וויט אין צייט, קומט צו כאַפּן מיטן אויג פון דער נשמה, האָבן אינספּירירט דעם דיכטער צו זיין עפּאָפּעע פון פאַרגאַנגענע טעג. דער אָנווער פון דער נאָענטער צוקונפט האָט געזוכט זיין קאָמפּענסאַציע אין דער זעאונג פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. און די דאָזיקע זעאונג האָט אָנגעצונדן אין מיצקעוויטשעס פּאָעטישן געמיט אַזאַ טיפע בענקשאַפט צו דער פאַר־לוירענער היים און אַזאַ ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט צום נאַציאָנאַלן חלום, וואָס זייער גלייכן אין פּרט פון אינטענסיווקייט איז, דאַכט זיך, ניט צו געפינען אין נאָך ערגעץ אַ ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור.

שוין ביים סאַמע אָנהויב פון דער פּאָעמע פאַלן מיר גלייך אַריין אין דעם פּאָעטישן קאַלכאויוון פון היים־בענקשאַפט און פון פּאַטריאָ־טישער ליידנשאַפט. קודם גיסט דער דיכטער אויס אין דירעקטע עלעגישע שורות פון זעלטענער שיינקייט דעם צער פון זיין „בענקען אַהיים". דערנאָך, אַז ער גייט שוין איבער צום סיפּור המעשה און נעמט פאַר אונדז שילדערן דעם אומקער אַהיים פון זיין העלד טאַדעאוש, איז די ערשטע באַגעגעניש, וואָס ער אַראַנזשירט פאַר אים — די ביל־דער אויף דער וואַנט. און די בילדער זיינען:

1) דער פוילישער נאַציאָנאַל־העלד קאָסציושקאָ, וואָס האָלט איןביידע הענט אַ שווערד און זעט אויס ווי דעמאָלט, ווען ער האָט ביים אַלטאַר אין קלויסטער געשוואוירן, אַז מיט אָט דער שווערד וועט ער אָדער פאַרטרייבן די אָקופּאַנטן פון לאַנד אָדער אויף איר שטאַרבן. און דער גורל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל מקוים ווערן דער צווייטער טייל פון דער שבועה.

2) טאַדעאוש רעיטאַן — דער מערקווירדיקער און וואונדעריק־עכטער פּאַטריאָט, וואָס האָט זיך מיט אַן אומשטערבלעך־דראַמאַטישן זשעסט אַוועקגעלייגט אויף דער שוועל פון סיים און געוואָרנט זיינע קאָלעגן־דעפּוטאַטן, אַז נאָר איבער זיין גוף וועלן זיי גיין צו דער צעטיילונג פון פּוילן. די סצענע וועט שפּעטער פאַראייביקן מיט זיין פּענזיל דער קראָקאָווער מאָלער יאַן מאַטעיקאָ. דאָ אויפן בילד איז מיצקעוויטשעס פּאָעמע שטייט רעיטאַן מיט אַ מעסער אין האַנט, אפשר מיט דעם זעלביקן, מיט וועלכן ער האָט דערנאָך פאַר צער און ווייטיק געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן; פאַר אים ליגט „פעדאָן", פּלאַטאָנס טראַקטאַט וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און ווי אַ צוגאָב אויף נאָך מער צו שטייגערן די פּאַטריאָטישע טעמפּעראַטור, אויך אַ ביאָגראַפיע פון יענעם באַרימטן רוימישן מלוכה־מאַן מאַרקוס פּאָרציוס קאַטאָ דער יינגערער, וואָס האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן דעם אונטערגאַנג פונעם רעפּובליקאַנישן רעזשים אין רוים און זיך אַליין אומגעבראַכט.

איך האָב בכיוון אַרויסגעבראַכט די אפשר אַן און פאַר זיך אומנויטיקע פּרטים פון די בילדער אין שטוב ביי „פּאַן טאַדעאוש", ווייל איך וויל דערמיט אָנווייזן, אַז די אַזוי שטאַרק אָנגעהייצטע פּאַטריאָטישע אַטמאָספער האָט באַלויכטן און אָנגעוואָרעמט כמעט אַלע העלדן אין דער פּאָעמע און אויך די איינציקע יידישע געשטאַלט אין איר — יאַנקל, דער קרעטשמער אָדער יאַנקל דער צימבאַליסט.

יאַנקל דער קרעטשמער — דאָס איז ניט עפּעס אַ געלט־פאַרלייער פון אליהו בחורס יאַרהונדערט ווי שיילאָק פון ווענעציע און אוודאי ניט קיין צירונג און זייד־הענדלער פונעם רמב"מס צייטן, ווי לעסינגס נתן דער חכם וואָס ביידע ווייען זיי אויף אונדז מיט ווייטקייט צוליב זייער אַ ביסל פרעמדלעכן היסטאָרישן קאָלאָריט. יאַנקל

דער צימבאַליסט — דאָס איז אַן אונדזער־קער ליטווישער ייד פון מינסקער אָדער פון קאָוונער געגענט. ער איז אַ ייד וואָס האָט נאָך פאַרכאַפּט דעם ווילנער גאון און געלעבט אין איין צייט מיטן ליאַדער רב. יאַנקל דער קרעטשמער איז אַפּגערוקט פון אונדז אינגאַנצן מיט עטלעכע געציילטע דורות און מיר האָבן וועגן אים, אַזוי צו זאָגן, אויטענטישע ידיעות וואָס שטאַמען פון אונדזער עלטער־זיידן און אַפילו נאָך נאָענטער, כּמעט אונזער זיידן.

מיר באַקענען זיך מיט יאַנקלען צום ערשטן מאָל אין פּערטן געזאַנג. ער איז אַ הויכער, שיינער ייד, אין אַ לאַנגן, שוואַרצן קאַפּטן מיט אַ קאָלפּאַק אויפן קאָפּ און מיט אַ היפּשער גראָער באָרד, וואָס ער גלעט זי מיט חשיבות מיט איין האַנט, בשעת די אַנדערע האַלט ער געוויינלעך פאַרשטעקט אין גאַרטל.

יאַנקל איז דער אַרענדאַר פון דער קרעטשמע, אין וועלכער עס טרעפן זיך אין דער פּאָעמע די צוויי צעקריגטע שליאַכטיצישע צדדים, די האַרעשקאָס מיט די סאָפּליצעס. מיצקעוויטשעס נישט פאַרהוילענע כּוונה, איז צו מאַכן יאַנקלען פאַר אַ פּאַטעטישער געשטאַלט, פאַר אַ פיגור, וואָס דאַרף אינאיינעם מיטן בערנאַרדינער גלח ראָבאַק טראָגן אין זיך דאָס פייער פונעם דיכטערס גרויסער ליבשאַפט צו פוילן און דאָס ליכט פון זיין בענקשאַפט נאָך פרייהייט. און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. דערצו מוז מען האָבן אַ נשמה, וואָס זאָל זיין פריי פונעם לעבנס דריבנע ענינים און עניני־מלעך און מען מוז פאַרמאָגן כּוח צו באַגייסטערונג און צו קרבנות־גרייטקייט. דער יידישער קרעטשמער פאַרמאָגט אַלע גאַר־וואָס אויסגערעכנטע זעלישע מעלות און איז נאָך דערצו אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער. אַז ער נעמט די שטעקעלעך פון צימבל אין האַנט — ווערט דערציילט אין דער פּאָעמע און דער־עיקרשט אין איר צוועלפטן געזאַנג — פאַרכישופט ער די צוהערער מיט די טענער, וואָס ער ברענגט אַרויס און אין די ניגונים פון זיין צימבל לייגט ער אַריין זיין האַרץ. און זיין נשמה... איז פול מיט ליבשאַפט צו פוילן.

אָבער מ׳מוז זאָגן אַז לכל הפּחות אין דער ערשטער העלפט פון זיין געשטאַלטונגס־אַרבעט איבער דער פיגור פון יאַנקלען קומט מיצ־קעוויטשן אָן שווער צו פאַרגינען דעם יידן די פולע פּאַטעטישקייט

אָן שום רעזערוואַציעס. עס שטערט אים דערין עפּעס אַ ירושה פון „רעאַליסטישע״ בילדער, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון זיינע יוגנט־יאָרן אין זאַאָסיע און פון וועלכע דער גרויסער דיכטער האָט, ווייזט אויס, קינטלעריש ניט געקענט פּטור ווערן אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז מיט זיין איבערצייגונג און מיט זיין גלויבן אָנגעקומען צו וויסן, אַז „פּאַר ישראלן דעם עלטערן ברודער — כבוד און דרך־ארץ״, און אַז דאָס „פּאַטערלאַנד איז דאָרט וואו עס איז שלעכט, וואָרעם איבעראַל דאָרט אין אייראָפּע וואו די פריהייט ווערט געדודפט און עס גייט אָן אַ געראַנגל וועגן פּאַטערלאַנד, דאַרפן מיר אַלע זיך באַטיי־ליקן אין דעם קאַמף״. אויב יאַנקל איז אויסגעוואַקסן צו דער געשטאַלט, וואָס ער איז אין מיצקעוויטשעס פּאָעמע, איז דאָס געשען ווייל, סוף־כל־סוף, איז דער דיכטער געווען צו גרויס ער זאָל ניט קאָנען גובר זיין די אומרעאַליסטיש־רעאַליסטישע שטעכווערטלעך, וועלכע וואַרפן זיך דורך אין דער ערשטער העלפט פון דער יאַנקל־פּאָרטרעטירונג.

מ׳זאָל מיך נישט שלעכט פאַרשטיין. איך מיין ניט צו זאָגן, אַז אין יאַנקלס געשטאַלט טאָרן נישט פאָרקומען אויך נעגאַטיווע מאָמענטן. אָבער אַזעלכע נעגאַטיווע שטריכן, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער אינע־ווייניקסטער סטרוקטור פון יאַנקלס כאַראַקטער זיינען אין דער פּאָעמע כמעט נישט פאַראַן. עס זיינען אָבער יאָ דאָ פאַרשטעקטע מאָראַלישע אָנצוהערענישן מצד דעם דיכטער אויפן חשבון פונעם יידישן קרעטש־מער און די אָנצוהערענישן האָבן דעם טעם פון רכילותלעך. און דער פּרי̈קרער טעם ווערט ניט פאַרמינערט נאָר פאַרקערט, פאַרשטאַרקט, וואָס מער די מאָראַלישע אָנווינקעניש סטאַרעט זיך צו זיין אָביעקטיוו־רעאַליסטיש און ווייל כלומרשט גאָר נישט אויסן זיין.

איך שטעל זיך אָפּ אויף די „רעאַליסטישע״ פּרטים וואָס ווערן, וואָס אמת, פאַרטרונקען אין די ברייטע שטראָמען פון מיצקעוויטשעס דיכטערישן געמעל, ערשטנס, צוליב חידוש און פאַרדראָס, וואָס גויים וויפל זיי זאָלן נישט אַריינקוקן אין אונדזער לעבן, בלייבט ביי זיי תמיד עפּעס אַ קוריאָזער טעות. און צווייטנס, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך ביי דער פיגור פון יאַנקל צימבאַליסט, וועגן מיין און אייער לייב־

לעכן עלטער־זיידן און עס ווילט זיך ניט דערלאָזן אַפילו דאָס מינדסטע שפּרענקעלע אויף זייער ליטעראַרישער געשטאַלט.

יאַנקל ווערט אין פערטן געזאַנג געמאָלן אויפן הינטערגרונט פון זיין קרעטשמע, און די קרעטשמע איז געבויט לויט דעם „אופן פון אַרכיטעקטור, וואָס איז אומבאַקאַנט צו פרעמדע בוימייסטערס און וואָס מיר האָבן אים געירשנט פון יידן" און זי איז לויט מיצקעוויטשעס פּאָעטישן בילד, געגליכן טאַקע צו אַ ייד ביים דאַוונען. דער דאַך איז דאָס היטל; דאָס שטרוי פון דער סטריכע — די באָרד; די שמוציק פאַרדוויכערטע וואַנט — דאָס שוואַרצע לאַנגע קלייד, וואָס ער טראָגט און די פאַרצירונג פון פאָרנט ביים אַריינגאַנג זעט אויס ווי ציצית אויפן שטערן. אין אָט דעם פּאָעטישן פאַרגלייך טראָגן יידן ציצית אַנשטאָט תפילין אויפן שטערן און אין עליזאַ אָרזשעשקאָוואַס ראָמאַן „מאיר יוזעפאָוויטש" ליגט דער ייד תפילין אויף דער נאַכט. אַזוי ווייט דער קוריאָז. און עס זיינען דאָ נישט איינער, נאָר עטלעכע אַזעלכע מערק־ווירדיקע טעותים.

יאַנקל דער קרעטשמער איז אַ פּאַטריאַרכאַלישע פיגור. ער אַליין באַדינט נישט אין קרעטשמע. עס וואָלט נישט געווען אין הסכם מיט זיין חשיבות. ער באַגריסט בלויז די אַריינקומענדיקע געסט, פאַר־פירט שמועסן, איז מפיס צעקריגטע און גיט אַרויס באַפעלן צו די באַ־דינערס. ער איז נישט עפּעס אַ קרעטשמער פון יענע, וואָס ציטערן פאַרן פריץ און פאַר זיין הונט. יאַנקל איז אַ שטאָלצער בירגער און רעדט מיט די פריצים ווי גלייך אויף גלייך.

אַלע גיבן אים אָפּ כבוד און אַלע ווייסן, אַז ער איז אַן ערלעכער ייד. „קיינער פון די פויערים און פון דער שליאַכטע האָט נאָך קיינמאָל ניט דערלאַנגט אַ קלאַגע קעגן אים. ער האָט געהאַט גוטע משקאות און האָט באַרעכנט... פּאַרזיכטיק (?) אָבער אָן אָפּנאַרעכץ". קלינגט נישט דאָס ווערטעלע „פּאַרזיכטיק", דאָס אָביעקטיווע און פּאַרזיכטיקע ווערטעלע „פּאַרזיכטיק" עפּעס ווי אַ פאַרשטעקט רכילותל, וואָס איז אויסן צו פאַרמינערן יאַנקלען און איז עס נישט בכוח אויסצופירן אַקעגן דעם פריער אַליין אויסגעשטעלטן מאָראַלישן רעקאָרד זיינעם?

און דער קרעטשמער איז, ווי געזאָגט, אַ באַרימטער צימבאַליסט און אַ ליבהאָבער פון פוילישער פאָלקס־מוזיק. פון זיינע נסיעות איבער

דער גרענעץ האָט ער געבראַכט צו טראָגן „קאָלאָמייקעס פון האליטש און מאַזורקעס פון וואַרשע" און זיי פּאָפּולאַריזירט אין דער געגנט. עס איז אָפּילו אַ סברה, אַז ער האָט דער ערשטער געבראַכט פון אויס־לאַנד און דאָ באַקאַנט געמאַכט דאָס באַרימטע ליד, וואָס די פּוילישע לעגיאָנען האָבן געזונגען אויף איטאַליעניש ערד „נאָך איז פּוילן..." און די רייזעס קיין אויסלאַנד האָט יאַנקל אויך ניט געמאַכט צוליב מסחר, נאָר עפּעס זיינען דאָס געווען סודותדיקע אַרויספאָרן און אפשר אויך באַגעגענישן מיטן בערנאַרדינער גלח ראַבאַק, וואָס האָט געהאַט אין זיינע הענט די פעדים פון דער נאַפּאָלעאָנישער פרייהייטס־פּראָפּאַ־גאַנדע אין ליטע. אָבער דער דיכטער געפינט פונדעסטוועגן אַ קליין פּלע־צעלע פאַר אַ מאמר המוסגר אויף אַ זאָג צו טאָן אַן ערך אַזוי: די ליט־וואַקעס האָבן ליב געזאַנג און זיי באַלוינען דערפאַר מיט גלאַריע און מיט געלט און דערפון האָט זיך אויך יאַנקל באַרייכערט.

די מעשה מיט יאַנקלס עשירות איז ראשית איבעריק פון שטאַנד־פונקט פון קינסטלערישער עקאָנאָמיע, ווארעם דער דאָזיקער שטריך ווערט פונעם דיכטער אין ערגעץ נישט אויסגענוצט געשטאַלטעריש עפּעס צו דערווייזן אָדער צו באַרעכטיקן אין יאַנקלס כאַראַקטער און והשנית, איז עס נישט מער ווי אַ רכילותל, ווארעם עס גיט אַן אָנצו־הערעניש אויף עפּעס אַ זייער נישט געהויבענער כוונה ביים קרעטש־מערס זיכער צומאָל אויך זייער געפּערלעכע נסיעות אין אויסלאַנד, אַ כוונה, וואָס איז אַ סתירה צום סיפור המעשה.

און נאָך וועגן איין שטעכווערטל זאָל דאָ בקיצור גערעדט ווערן. יאַנקל איז לעבן דעם בערנאַרדינער ראַבאַק די צענטראַלסטע פּאַטריאָ־טישע געשטאַלט אין דער פּאָעמע. ער, אינאיינעם מיטן גלח, טוען אונטערערדישע אַרבעט פאַר פּוילנס באַפרייאונג. אַלע ווייסן וועגן זיין פריינטשאַפט מיט ראַבאַקן און דאָס גיט צו דעם ייד עפּעס אַ באַזונדערן אָרעאָל פון חשיבות אין די אויגן פון די פריצים. און יאַנקל איז רייך און יאַנקל איז אַ גרויסער קינסטלער און פאַרמאָגט דערפאַר זיכער נישט נאָר אָנזען ביי אַנדערע, נאָר אויך ביי זיך אַליין. עס וואָלט געווען אוממעגלעך אַז עס זאָל אַזוי נישט זיין. און מיצקעוויטש אַליין מיינט אַוודאי אויך, אַז אַזוי איז עס, ווארעם נישט אומזיסט האָט ער אָנ־געצונדן זיין אייגענעם פלאַם פון פּאַטריאָטיזם אין יאַנקלס האַרץ.

און פונדעסטוועגן, אַלע מאָל ווען יאַנקל רעדט צו די פּריצים וועגן זיך אָדער וועגן זיינע יידישע ברידער, קומט דאָס אַרויס עפּעס מיט אַ זעלבסטפּאַראַכטונג, וואָס איבערראַשט און שאָקירט. דער דיכטער לאָזט יאַנקלען זאָגן ווערטער, וועלכע קאָנען נישט זיין זיינע און זיינען בלויז מיצקעוויטשעס אונטערגעוואָרפענע „רעאַליסטישע" אייעכלעך, וואָס פּאַסן זיך נישט אַריין און זיינען נישט היימיש אין דעם צימבאַליסטס כאַראַקטער־נעסט.

קאָן דען געמאָלט זיין, אַז דער שטאָלצער יאַנקל זאָל רעדן וועגן זיך בזה הלשון: איך בין זיך אַ יידל, איך גיב אָפּ כבוד די סאָפּליצעס וכו׳? אָדער ווען ער וויל זיך איינשטעלן מיט אַ גוט וואָרט פאַרן „סענדזיאַ" — איז עס מעגלעך, אַז דאָס זאָל ביי אים אַרויסקומען אין אַזאַ מין שפּראַך־ווענדונג פון זעלבסט־פּאַראַכטונג צו זיך און צו זיין פאָלק, ווי „דער סענדזיאַ איז נישט קיין יידל אויף דער אַרענדע, וואָס וועט אַנטלויפן" ?

האָט יאַנקל אַזאַ זעלישע דערפאַרונג וועגן זיך? און איז דאָס דען דעם דיכטערס קינסטלערישע דערפאַרונג וועגן זיין מעכטיקער גע־שטאַלט יאַנקל דער צימבאַליסט, וואָס דעם כישוף פון זיינע סטרונעס האָט ער אָנפאַרטרויט דעם חלום פון פוילנס באַפרייאונג? ניין, די און די פריערע באַמערקונגען זיינען בלויז דעם גרויסן דיכטערס „רעאַליס־טישע" רכילותלעך אויפן חשבון פון זיין גרויסן העלד, דעם ייד יאַנקל דער צימבאַליסט.

(1940)

אַנטאָן וואָלפאַרט און פייטל איציק

אַז די דייטשן זיינען פון אייביק אָן מוטיק, שטאָלץ און געטריי; אַז די סלאַוון, דאַקעגן, זיינען פון תמיד אָן פאַלש און פחדנותדיק און אַז דערפאַר און אויך נאָך צוליב אַנדערע „היסטאָרישע" מאָטיוון האָט דאָס מוטיקע „הערנפאָלק" אַ בפירושע קולטור־שליחות צו הערשן איבער די פחדנותדיקע באַרבאַרן — דאָס איז אַ תורה, וואָס ס'האָבן מיט דעם דייטשן מיכל געקנעלט נישט בלויז היטלער און ראָזענבערג, נאָר אַפילו אַ סך „ליבעראַלערע גייסטער" ווי די דערמאָנטע נאַצי־העלדן און מיט אַ סך יאָרן פאַר זיי.

דער דייטשער שריפטשטעלער גוסטאַוו פרייטאַג איז נישט בלויז געווען אַ פּאָליטישער ליבעראַל, וואָס האָט דורכגעמאַכט די שול פונעם רעוואָלוציאָנערן יאָר 1848, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור איז ער געווען דער באַקעמפער פון אַלע רעאַקציאָנערע און מיסטישע שטימונגען.

פרייטאַג האָט געשטרעבט צו אַ ליטעראַטור וואָס עס זאָלן קומען אין איר צום אויסדרוק די פּאָזיטיווע טענדענצן פון דער דייטשער קעגנוואַרט. ער האָט פאַרלאַנגט פון אַנדערע שרייבער און האָט אויך זיך אַליין געשטעלט פאַר אַ ציל צו ציען ליטעראַריש די אויפמערקזאַמקייט אויף די נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דייטשן לעבן און וואָס נאָר אויף זייער ענערגיע, אויף זייער אַרבעט און אויף זייער סאָציאַלער באַוואוסטזיניקייט קאָן זיך אָנשפּאַרן דער אידעאַל פון אַ פאַראייניקטער דייטשלאַנד.

ווער זיינען די נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות וואָס די ליטעראַטור דאַרף זיי אין געזונט־רעאַליסטישע באַשרייבונגען פאַרשטעלן און רעקאָמענדירן פאַרן דייטשן לייענער־עולם? עס זיינען דאָס: דער סוחר,

דער זשורנאַליסט און דער וויסנשאַפטלער. די דריי געשטאַלטן שעפן, פאַרשטייט זיך, נישט אויס אַלע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס פונעם אויפ־קומענדיקן בירגער־קלאַס.

אָבער די דאָזיקע דריי, האָבן, ווייזט אויס, געפונען באַזונדערן חן און גנאָד אין די אויגן פון דעם שריפטשטעלער גוסטאַוו פרייטאַג. זיי זיינען די הויפּט־געשטאַלטן פון זיין ליטעראַטור. דעם צייטונגס־שרייבער האָט ער אַרויסגעפירט פאַר דער דייטשער עפנטלעכקייט אין זיין דראַמע „זשורנאַליסטן"; דעם וויסנשאַפטלער — אין זיין ראָמאַן „דער פאַרלוירענער מאַנוסקריפּט" און פאַרן סוחר האָט פרייטאַג געשריבן אַ לאַנגן רעקאָמענדאַציע־בריוו צום דייטשן לייענער־עולם אין זיין ראָמאַן „זאָל אונד האָבן" (דעביט און קרעדיט).

ווען איך שטעל זיך אָפּ אויף פרייטאַגס ראָמאַן „דעביט און קרעדיט" אין דער ריי פון „יידישע געשטאַלטן אין דער וועלט־ליטע־ראַטור", טו איך דאָס ראשית כדי זיך אַליין און אַנדערע צו באַווייזן, אַז אַ דייטש מוז נישט דווקא זיין אַ נאַצי, כדי צו זיין אַן אַנטיסעמיט און צו האָבן דעם „דראַנג נאָך אָסטן". ער קאָן זיין אַן אַנטיסעמיט און דערביי — אַ ליבעראַלער שריפטשטעלער און האָבן געשריבן זיין ראָמאַן נישט בימי היטלער, נאָר זיבן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848; און שנית — און דער שנית איז אייגנטלעך דער עיקר — ווייל איינע פון די יידישע געשטאַלטן וואָס פרייטאַג האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין דערמאָנטן ראָמאַן, האָט בשעתו געהאַט אַ געוואַלדיקע פּאָפּו־לאַריטעט אין דייטשלאַנד.

פייטל איציק — די יידישע קרעאַציע פון דעם אַנטיסעמיטישן ליבעראַל פרייטאַג — איז אין משך פון צענדלינגער יאָרן געווען די ליטעראַרישע געשטאַלט, וואָס האָט דעם געבילדעטן דייטש געדינט ווי אַ באַוויז קעגן יידן. און פאַר די דייטשע יידן איז פייטל איציק געווען ממש אַ דאָרן אין אויג. מען האָט זיך פּרובירט ראַטעווען מיט ראיות פונעם ראָמאַן, אַז אין דער אמתן שטאַמט גאָר פייטל נישט פון דייטשלאַנד, נאָר ער איז סך־הכל אַן „אָסט־יודע". ביי מחלוקתן מיט „אָסט־יודען" האָט מען זיך מיט פייטל איציקס נאָמען באַנוצט ווי מיט אַ זידלוואָרט און צווישן זיך אַליין, צווישן אייגענע, אַז מען איז אַרויס פון די כלים, האָט מען זיך אויך צומאָל פאַרגעסן.

וועו איז פּייטל איציק אין פרייטאָגס ראָמאַן? — ער איז אַן אָרעם יידיש יינגל, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין אַ חבר אין דער פאָלקס־שול מיטן הויפּטהעלד אַנטאָן וואָלפּאַרט. וואָס איז דאָס גליק? ווייל, ווען ניט אַנטאָן וואָלט פּייטל נישט איינמאָל געווען געמוזט אַריינ־בייסן אין אַ חזיר־וואורשטל. פּייטלס דייטשע שול־חברים האָבן אים דווקא געוואָלט אָנעסן מיט טרפות, און נאָר אַנטאָנען האָט ער צו פאַר־דאַנקען, וואָס חזיר איז דעמאָלט נישט געקומען איבער זיינע ליפּן. און מיינט איר, אַז פּייטל האָט אָפּגעצאָלט מיט דאַנק זיין באַשיצער? — ניין! פרייטאָג איז אַ בעלן צו דערציילן, אַז דאָס יידישע יינגל האָט ביי זיין דייטשן פּראָטעקטאָר צוגעגנבעט אַמאָל אַ זעמל מיט פּוטער און עס בפירוש אויפגעגעסן.

איך דערמאָן אָט די קלייניקייט, ווייל איך וויל לכתחילה אונטער־שטרייכן, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּייטלען, און נישט וועגן אַנ־טאָנען, ווערט זיך אויס ביים דייטשן ליבעראַל זיין גאַנצע סאָציאַלע פאַרשטענדעניש און ער ווערט האַרט ווי אַ דייטשער ריכטער, און הויבט אָפּילו נישט אָן צו פילן, אַז ער מאַכט מיט דעם „געגנבעטן זעמל מיט פּוטער" אַ תל פון זיין העלדס דייטשן כאַראַקטער. וואָרעם ווען שווימט אַרויף ביי אַנטאָנען די דערמאָנונג וועגן דעם אומרעכט, וואָס פּייטל איז קעגן אים באַגאַנגען? און ווען רופט עס ביי אים אַרויס מאָראַלישע פאַרדאַמונג? — אַנטאָן און פּייטל זיינען שוין ביידע בחורים פון אַ יאָר אַכצן, און זיי טרעפן זיך ביידע, אין אָנהויב פון ראָמאַן, אויפן וועג אין דער גרויסער שטאָט אַריין צו זוכן אַרבעט. אַנטאָן איז אַן אויסגעפּוצטער אין עסיק און אין האָניק. ער דאַרף אייגנטלעך נישט זוכן קיין אַרבעט. זיין שטעלע ביי דער גרויסער פירמע „שרע־טער עט קאָמפּאַני" שטייט פאַר אים גרייט; פּייטל איציק — אַן אָפּ־געריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, האָט אין קעשענע אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול צו אַ יידישן בירזשע־מעקלער, און ער איז נישט בלויז נישט זיכער מיט אַרבעט, נאָר ער ווייסט אָפּילו נישט, וואו ער וועט היינט איבערנעכטיקן.

פּייטל איז אַ צוגעלאָפענער; ער איז גרייט צו טיילן זיך מיט זיינע שווערע און ביטערע לעבנס־דערפאַרונגען מיט זיין אַמאָליקן שול־

חבר. ער גיט אַנטאָנען עצות און דערציילט אים בכלל אַלץ וואָס ער ווייס וועגן דער שטאָט, וואָס איר פּרעמדקייט שרעקט זיי ביידע.

און דער דייטשער יונגלינג? — דער דייטשער יונגלינג טראַכט דעמאָלט וועגן דעם זעמל מיט פּוטער וואָס דער הונגעריקער פּייטל האָט ביי אים אַמאָל צוגעגנבעט און... עס אַרט אים, וואָס דער אָרעמער בחור האָט די חוצפּה צו זאָגן אים „דו" איבערן סאָציאַלן תהום אַריבער.

דער וועג פון קאַריערע פאַר ביידע העלדן — דער הויכער, דאַרער און בלייכער יידישער בחור מיט דעם רויטן געקרייזלטן טשופּער נעמט אויס ביי זיין בעל-הבית און שלאָגט זיך דורך אַ וועג אין לעבן מיט זיינע אומגעוויינטלעכע פעאיקייטן פון שכל און פון אַרבעט. עס העלפט נישט וואָס פרייטאַג באַמיט זיך די גאַנצע צייט איראָניש צו מינימיזירן פּייטלס אינטעלעקטועלע מעלות. דער יידישער בחור איז אַ לעבעדיקע אינפאָרמאַציע-ביוראָ. ער ווייסט וואו עס האַלט מיט אַלע געשעפטסלייט אין שטאָט און ער קען דעם קורס-צעטל פון דער בירזשע אויף אויסנווייניק.

טאָקע נישט מער ווי בירזשע, אָבער עס איז פאַרט נישט מעגלעך צו לייקענען, אַז אין דעם 18-יעריקן פּייטל איציק טליעט שוין באַצייטנס יענער נישט איינצושטילנדיקער אומרו פון געשעפטלעכע קאָמבינאַציעס, וואָס האָט געפלאַקערט אין אַ מאיר אנטשעל ראָטשילד און אין אַ דזשאָן ראָקפעלער און זיי אַרויפגעטריבן אויפן העכסטן שטאַפּל פון ווירטשאַפטלעכער דערגרייכונג.

און פּייטל איציק איז, ווי פרייטאַג איז מודה, נישט בלויז פלייסיק און ענערגיש און גרייט צו האַרעוואַניע, נאָר ער האָט אויך קולטור-אַמביציעס. פּייטל רעדט נישט קיין באַזונדערס גוטן דייטש און זיין אויסשפּראַך האָט אַ מזרחדיקן אַטעם. פון פּייטלס דייטשן לשון — זאָגט פרייטאַג ווי געוויינלעך מיט שפּיזלדיקער איראָניע — האָט געוויעט מער מיט טיפע האַלדז-קלאַנגען איידער מיט העכערער גראַמאַטיק. (פון אַט דער באַמערקונג וועגן פּייטלס אויסשפּראַך האָבן געווייסע יידישע אַרויסדרינגערס אַרויסגעדרונגען מיט נעבעכדיקער פרייד, אַז פּייטל איציק איז, גאָט צו דאַנקען, געוועזן אַן „אָסט-יודע").

פּייטל האָט זיך נישט בלויז אויסגעזוכט אַ לערער וואָס זאָל אים

פאַרבעסערן זיין אויסשפּראַך, נאָר ער האָט געטראַכט „אויסצונאָרן" ביי זיין לערער אויך אַנדערע קענטעניש אַחוץ אויפן געביט פון שפּראַך און אויסשפּראַך.

לויט דעם פונדאַמענט, וועלכן פרייטאַג האָט אָוועקגעלייגט פאַר זיין פייטל איציק־געשטאַלט, וואָלט מען זיך געדאַרפט ריכטן, אַז דער רויט־האָריקער יידישער בחור, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די סאַמע טיפעניש פון אָרעמקייט צו ווירטשאַפטלעכער קאַריערע און צו קולטור־אַמביציע זאָל דערגרייכן צו אַ הויכער סאָציאַלער פּאָזיציע און זאָל אַזוי אַרום סימבאָליזירן דעם אויפשטייג פונעם יידישן טייל פונעם דייטשן בירגערטום. אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין, אויב פרייטאַג האָט בדעה געהאַט צו געשטאַלטיקן נישט סתם עפּעס אַ יידישן בחור, נאָר דורך אים צו געבן קינסטלערישן אויסדרוק צו דעם באַפעלקערונג־שיכט, וואָס האָט נאָך דער עמאַנציפּאַציע זיך גענומען עקאָנאָמיש און גייסטיק אַנטוויקלען און באַרייכערן מיט זיין איניציאַטיווע און מיט זיין אַרבעט דאָס דייטשע ווירטשאַפט־לעבן.

און אויב פרייטאַג איז מיט דער געשטאַלט פון פייטל איציק אויסן געווען בלויז דעם גורל פון סתם איינעם אַ יידישן יחיד אין די באַגינען־יאָרן פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג, האָט ער אונדז אויך אין דעם פאַל נישט געגעבן די סאָציאַלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג פאַרוואָס פייטל איציק, דער זעלטענער געשעפט־טאַלאַנט און דער אַרבעטווויליקער מענטש וואָס חלומט וועגן אַ סאָציאַלער פּאָזיציע אין לעבן, זאָל פּלוצעם אָן אַ שום סיבה נעמען ליידן פון דער פיקסער אידעע, אַז דער מאַיאָנטעק פונעם דייטשן יונקער פאָן ראָטזאַטל דאַרף געהערן צו אים און פייטל זאָל אָט דעם חלום זוכן צו דערגרייכן אויף אָן אופן וואָס איז צעקריגט מיט די מאָראַלישע געבאָטן פון דער געזעלשאַפט און מיט די שטראָף־געזעצן פון דער מלוכה און — זאָל דערנאָך ווען די פּאָליציי דעקט אויף זיין שווינדל, באַגיין זעלבסטמאָרד.

עס איז אין גאַנצן ראָמאַן נישט פאַראַנען, ווי געזאָגט, קיין שום מאָטיווירונג פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, וואָס זאָל ווי עס איז באַרעכטיקן אָט דעם פּלוצימדיקן ווענד אין פייטלס גורל. די איינציקע באַגרינדונג איז דעם ליבעראַלן מחבר אַנטיסעמיטישער קאַ־

פּריז אָקעגנצושטעלן דער דייטשער ערלעכקייט פון דעם העלד אַנטאָן וואָלפּאַרט די יידישע אומערלעכקייט פון זיין חבר פּיטל איציק.

פּיטל איציק איז נישט אַ געשטאַלט וואָס דאַרף דעם שרייבער ערגעץ קינסטלעריש דערפירן, נאָר ער איז איינער פון די „באַרבאַרן“ וואָס דער העלד אַנטאָן וואָלפּאַרט מוז האָבן אומגעבראַכט, כדי צו באַווייזן זיין דייטשע העלדישקייט.

אַחוץ יידישע ספּעקולאַנטן זיינען געמלעך אין ראָמאַן נאָך פּאַראַן אויך פּוילישע באַרבאַרן וואָס אויך זיי מוז דער דייטשער העלד ביי־קומען.

אַנטאָן וואָלפּאַרט קומט אָן צו דער פירמע „שרעטער עט קאָמפּ“ דעם זעלבן טאָג ווען פּיטל איציק הויבט אָן צו וואַשן ס׳געשיר און צו פּוצן שיך ביי דער מאַדאַם הערש ערענטאַל. אַנטאָן צייכנט זיך אין זיין נייער שטעלונג נישט אויס מיט גאָרנישט אַחוץ מיט דייטשן שטאָלץ. ער פאַלט ניט אויף, נישט מיט זיין אַרבעט און נישט מיט זיינע קענטענישן. ער ווערט ערשט אָנזעעוודיק אין קאָנטאָר, ווען עס דאַכט זיך אים אויס, אַז איינער פון די עלטערע אָנגעשטעלטע האָט אים באַ־ליידיקט, און ער, אַנטאָן, פאָדערט אַ דועל.

פון דער דאָזיקער גרייטקייט פונעם אַכצניאָריקן זיך צו דועלירן מיטן הער פאָן פינק ווערן נתפּעל אַלע זיינע קאָלעגן און — דעם בעל־הבית׳ס שוועסטער. אָבער אין דער גרעסטער התלהבות פאַלט אַריין דער מחבר גוסטאַוו פרייטאַג אַליין. פרייטאַג קאָן נישט פאַרהוילן זיין צופרידנקייט וואָס אַ פּשוטער זון פון זיין בירגערלעכן קלאַס איז גרייט זיך צו שלאָגן פאַר דייטשן כבוד מיט אַ הער פאָן פינק. איך זאָג פאַר דייטשן כבוד וואָרעם די ערע פונעם בירגער איז פאַר פרייטאַגן איינס און דאָס זעלבע מיט דייטשער ערע. אין דעם פּרט איז פרייטאַג דווקא אויסגעהאַלטן אין זינען פונעם ליבעראַליזם פון זיין צייט.

ווי אַ קליינער אָנגעשטעלטער אין דער פירמע „שרעטער עט קאָמפּ“ שטעלט זיך אַנטאָן איין פאַר דייטשן כבוד. דערנאָך אָבער ווען ער ווערט דער פאַרוואַלטער פון אַ מאַיאָנטעק וואָס דער יונקער ראָטזאַטל האָט אָפּגעקויפט ביי אַ פאַראָרעמטן שליאַכציץ אין אָקופּירטן פּוילישן געביט באַקומט אַנטאָן אויך די מעגלעכקייט צו קעמפן פאַר דייטשלאַנדס קולטור־שליחות אין מזרח.

וויפל פרייטאַג זאָל נישט וועלן אַרויסרופן ביי אונדז רחמנות צו דעם דייטשן יונקער וואָס האָט דורך די מאַכינאַציעס פון פייטל איציק און פון הערש ערענטאַל פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און ביי אַ פּרואוו פון זעלבסטמאָרד אויך זיינע אויגן, בלייבט דאָס דערשיטערנדיקע אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד פּאָרט בלויז דער אויפשטאַנד פון די פּוילישע פּויערים, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען מיט קאָסעס אין די הענט צו פאַרטרייבן ז'עם דייטשן אָקופּאַנט פון פּוילישער ערד. די דאָזיקע סצענע וועקט קעגן מחברס ווילן נישט בלויז סימפּאַטיע צו די פּוילישע רעבעלן, נאָר אויך צאָרן קעגן דער אומגליקלעכער דייטשער יונקער־פאַמיליע וואָס איז אַהער געקומען פאַרלאָטן אירע צעשויבערטע פּי־נאַנצן.

פרייטאַג שטעלט זיין העלד אַנטאָן וואָלפאַרט בראש פון די דייטשטום־פאַרטיי'דיקער אין פּוילן. אַנטאָן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד פון די פּוילישע פּויערים און באַקומט, אַזוי צו זאָגן, דעם האַקאַטיסטן־מעדאַל. ער שליסט זיך אָן גייסטיק צו יענער גרופּע דייטשן וואָס זייער קולטור־אידעאַל איז געווען אָדער אָפּצוקויפן מיט געלט די פּוילישע פעלדער אין אָקופּירטן געביט אָדער צו פאַרטרייבן פון דאָרט די פּוילישע פּויערים מיט גוואַלט.

דער סוף פון אַנטאָנס קאַריערע איז שוין אַ דורכאויס לאָגישער. ער האָט חתונה מ'ט זיין בעל־הבית'ס שוועסטער און ווערט אַ שותף צו דער פירמע שרעטער. פריער ווען אַנטאָן איז געווען דער פאַרוואַלטער פון ראָטזאָטלס מאַיאָנטעק איז זיין לאָזונג געווען אַז די פּוילישע ערד טאָר מער נישט אַרונטערפאַלן אונטער „דער הערשאַפט פון עפּעס אַ בראָצקי". איצט ווען ער איז אַ שותף צו אַ גרויסער דייטשער מסחר־פירמע איז זיין דעוויז אַז „יעדעס שטיקל סחורה וואָס ווערט קאַליע אין דייטשלאַנד, דאַרף מען פאַרקויפן צו די רוסן".

איז דער מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער רעצעפּט וואָס דער ליבעראַלער דייטשער שריפטשטעלער האָט אים פאַרשריבן זיין דייטשן העלד אין 1855 נישט אומהיימלעך ענלעך צו די פּסוקים פון דער נאַציסטישער תורה וואָס עס האָבן ראָזקלאָדעוועט אין זייערע ווערק די היטלער־ראָמאַניסטן און די היטלער־וויסנשאַפטלער פון מיט אַכציק יאָר שפּעטער? איז טאַקע אפשר גוסטאַוו פרייטאַג גערעכט ווען ער

האַלט אַז דער דייטשער פאָלקס־כאַראַקטער איז געבליבן איין און דער זעלביקער פון דער גערמאַנישער אורצייט ביז אויפן היינטיקן טאָג ? !

ווי געפעלט אייך דער יונגער דייטש? — פרעגט נעריסאַ איר האַרענטע פּאָרשיאַ אין שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעציע”. און די קלוגע פּאָרשיאַ ענטפערט: „ער איז מיר זייער נמאס אין דער פרי ווען ער איז ניכטער און באַזונדערס נמאס נאָך מיטאָג, ווען ער איז שיכור. ווען ער איז צום בעסטן איז ער שלעכטער פון אַ מענטש און ווען ער איז צום שלעכטסטן, איז ער קוים וואָס בעסער פון אַ חיה.

(1942)

פוילישע אַסימילאַציע - מוסרניקעס

„... עס זיינען נישט פאַראַן קיין באַזונדערע יידישע אייגנשאַפטן וואָס מען דאַרף זיי אויפהיטן. די אויפהיטונג פון יעדער יידישער באַזונדערקייט איז שעדלעך. הגם עס איז שווער פטור צו ווערן פון געוואוינהייטן, מוזן מיר פונדעסטוועגן טראַכטן אָנצונעמען די פוילישע פאָרמען און די שוועריקייטן וואָס מיר ווען זיך אָנשטויסן אויף זיי אין דער פוילישער געזעלשאַפט טאָרן אונדז דערפון נישט אָפּהאַלטן. מיר מוזן טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך אַז אונדזערע באַזונדערקייטן זאָלן פאַרשווינדן."

אָט די ווערטער פון ליידנשאַפטלעכער שטרעבונג צו אַסימילאַציע און פון ממש מסירת־נפשדיקן פאַרטיליקונגס־קאַמף אַקעגן דעם אייגענעם ביסל יידישקייט שטאַמען פון באַוואוסטן פירער פון דער פויליש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), דר. הערמאַן דיאַמאַנט. און ציטירן ציט־ר איך אָט־די עטלעכע פּסוקים פון דווקא־ליבשאַפט צו פּוילישקייט, ווייל איך רעכן, אַז זיי באַלויכטן צום בעסטן די געזעלשאַפטלעכע שטימונג פון יענעם מערקווירדיקן דור, וואָס האָט אין דער סאַמע יידיש־געדיכטעניש פון גאַליציע געהאַט די אומגלויבלעכע דרייסטקייט צו פאַרבינדן דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גאולה מיטן קאַשמאַר פון יידישן אונטערגאַנג.

דער לעצטער פון יענער ראַדיקאַל־אַסימילאַטאָרישער גענעראַציע אין דער עסטרייכישער גאַליציע איז געווען דער איצט פאַרשטאָרבענער דר. הערמאַן ליבערמאַן, דער יוסטיץ־מיניסטער פון דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

די צוויי הערמאַנס (הערמאַן דיאַמאַנט און הערמאַן ליבערמאַן) זיינען לעבן דאַשינסקין געווען די פּראָמינענטסטע פירערס פונעם

פוילישן סאָציאַליזם אין גאַליציע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.ביידע הערמאַנס זיינען געווען דעפוטאַטן צום עסטרייכישן פאַר־לאַמענט (דער ערשטער פון לעמבערג, דער צווייטער פון פשעמישל) ביידע — גרויסע קענערס פון דער סאָציאַליסטישער תורה; ביידע, און דער עיקרשט, ליבערמאַן, גלענצנדיקע פּאָליטישע רעדנערס און ביידע ממש פערוועדזע וויל... עטישע אַסימילאַטאָרן.

דער פּאַראַדאָקס וויל פאַרטייטשט ווערן. אַ סך מינים אַסימילאַ־טאָרן וואַקסן אין גאָטס יידישן גאָרטן. מיר ווילן בלויז דערמאָנען דריי סאָרטן. דער נאָרמאַלער אַסימילאַטאָר, איז געווען אַ פּראַקטישער אַפּאָרטוניסט. פאַר אים איז אַסימילאַציע אַ נוצלעכע און נויטיקע זאַך, ווייל זי עפנט פאַר די יידישע קינדער דעם וועג צו געזעלשאַפט־לעכן אויפשטייג און קאַריערע. אַט די קאַטעגאָריע אַסימילאַטאָרן האָט אירע אומצאָליקע פאַרטרעטער אויף גאָר דער וועלט. אין גאַ־ליציע איז זי אין ערשטער ריי געווען רעפּרעזענטירט דורכן „קהלניק" פון אַלע שטעט און שטעטלעך. מיט אַט דער גרופּע פּראַקטיקער האָט זיך ניט אָנגעקערט נישט הערמאַן דיאַמאַנט און נישט הערמאַן לי־בערמאַן. זיי האָבן אָבער אויך נישט געהאַט קיין שום שייכות צו יענעם מין אַסימילאַטאָר, וואָס באַגרינדעט זיין אַסימילאַציע אידעאַליסטיש מיט דער טובה, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען פאַר ביידע נאַציעס.

אין דייטשלאַנד האָבן לודוויג בערנע, יאַקאָב וואַסערמאַן און וואַלטער ראַטענאַו אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז פון דער יידיש־דייטשער קולטור־באַהעפטונג האָבן ניט נאָר צו געווינען די יידן, נאָר אויך די דייטשן. דאָס גייסטיקע קינד — האָבן זיי געחלומט — וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם יידיש־דייטשן שידוך וועט זיין אַ העכערער און שענערער סינטעז פון יידישקייט און דייטשישקייט. אין פראַנקרייך ווידער האָט דער קלאַסישער רעפּרעזענטאַנט פון אַט דעם מין אידעאַליסטישע אַסימילאַטאָרן, לעאָן בלום, וואונדערלעך פאָרמולירט דעם העכערן סינטעז פון יידישקייט און פראַנצויזישקייט, ווען ער האָט ביים איבערנעמען די פּרעמיערשאַפט זיך אַליין פאָרגע־שטעלט פאַר אַ גראַנדיעזער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, ווי דעם יורש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און צו דער זעלבער צייט פון די יידיש־נביאישע אידעאַלן.

אין גאַליציע, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז צו דער אידעאַליסטישער אַסימילאַציע אַלאַ ראַטענאַו און בלום, געווען גייסטיק נאָענט דער באַרימטער יידיש־פוילישער קריטיקער, ווילהעלם פעלד־מאַן, וואָס האָט אין זיין צייטשריפט „קריטיקא״ געפּרואווט שפּינען אַ מין געוועב פון אַ העכערער יידיש־פּוילישער גייסטיקייט.

פון אַ קרובהשן אַסימילאַטאָרישן אידעאַליזם איז אפשר אויך געווען דורכגעדרונגען די באַוועגונג פון דר. בערנאַרד גאָלדמאַן, וואָס האָט מיט אירע אַזוי־גערופענע גאָלדמאַנאַוואָקעס (צענטרען פון יודאַאיזם און פוילישער קולטור פאַר דער יוגנט) געזוכט צו שאַפן די גייסטיקע פאַרשטענדיקונג צווישן פוילישקייט און אַ שארית־הפליטה פון היסטאָרישער יידישקייט אין געמיט פון דער יידישער יוגנט און אַזוי אַרום אַקעגנצואַרבעטן דעם ציוניזם, וואָס האָט אין יענע יאָרן מיט דער געשווינדקייט פון אַ פייער פאַרכאַפּט די יידישע סטודענטנשאַפט אין גאַליציע.

פון אַ גאַנץ באַזונדערן סאָרט איז געווען די אַסימילאַציע פון דיאַמאַנטן און ליבערמאַנען. איך האָב זיי אויבן אָנגערופן אַסימילאַציע־עטיקערס. אַ בעסערע באַצייכענונג וואָלט אָבער געווען אַסימילאַציע־מוסרניקעס.

— דו, יידישער אַרבעטער, — קלינגט עס אַרויס פון דיאַמאַנטס ציטירטע רייד, — דו קאָנסט דאָך מיינען, אַז כדי צו ווערן אַ פּאָליאַק, איז גענוג זיך אויסצולערנען פּויליש, צו לייענען פּוילישע בראָשורעס און ביכער, צו באַלאַנגען צו דער פּויליש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו קעמפן פאַר דער ווידער אויפריכטונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער פּוילישער מלוכה?! זאָלסטו וויסן זיין, אַז אָט די אַלע גוטע זאַכן זיינען בלויז דער אָנהויב, דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער אָנהויב אויפן וועג צו סאָציאַליזם און צו פּוילישקייט. נאָך אָט דעם גרינגן שבגרינגן אויפכאַפּ פון שלאָף קומט ערשט דער גאַנצער, לאַנגער טאָג פון אַרבעט איבער זיך אַליין אויף... אויסצוואָרצלען פון זיך יעדע יידי־שע באַזונדערקייט, אויסצורייסן ביז צו דער שפּונטע די פאַרבאָרגנ־סטע יידישע געוואוינהייטן, מיט איין וואָרט, אָפּצושיידן פון זיך אַלע זיבן הויטן פון יידישקייט, כדי אַזוי אַרום אַריינגעלאָזט צו ווערן אין גדר פון דער פּוילישער נאַציע.

מיט אַט־דעם אַסימילאַציע־פּראָגראַם פון קיינמאָל נישט גענוג אַסימילירט־זיין, זיינען די פּ. פּ. ס.ישע יידישע פירערס אָנגעקומען צו וועמען? נישט צו מענטשן, וואָס זיינען שוין כאָטש צוויי דורות אַסימילירט און דאַרפן נאָך אויפטרענען די לעצטע צוויי נעט, וואָס זיינען פאַרבליבן פון דער גאַנצקייט פון נאַציאָנאַלן מלבוש, נאָר צו יידישע האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן נאָך געשטעקט מיטן גאַנצן לייב און לעבן אין טראַדיציאָנעלן יידישן פאָלקסשטייגער און פאַר וועלכע אַ גרויסער טייל פון די תרי״ג מצוות איז געווען און איז פאַרבליבן נאָך אויף יאָרן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון זייער געמיט.

ניט נאָר די פרומע טליתים־וועבערס, נאָר אַפילו אַפּיקורסישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע און דרוקערס האָבן נאָך אין גאַליציע אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט גאַנץ געשמאַק געטראָגן שטריימלעך און זשופּיצעס. און געווירקט האָט אויף די שטריימלעך די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע דווקא דערפאַר, ווייל זי האָט אָפּגעקלונגען צו די רייד פון די נביאים, צו די קלוגע ווערטער פון פּרק, צו אַ מאמר חז״ל און ערגעץ וואו אויך צו דעם אתה־בחרתנו־געפיל, וואָס טענהט איין מיט דעם ייד: טאַקע ביי אונדז אויך אומגערעכטיקייט, אָבער פאָרט נישט פאַראַן די ברוטאַלקייט, ווי ביי „זיי״.

איז אַט פאַרוואָס איך האָב דעם אַסימילאַטאָרישן זעלבסט־פייניקונגס־פּראָגראַם פון די פּ. פּ. ס.ישע יידישע פירערס אָנגערופן מיטן האַרבן וואָרט פערווערז, וואָרעם ער איז דאָך אויסן געווען צו צעשטערן די נאָרמאַלע לעבנס־באַציאונג צווישן יידישקייט און סאָציאַליזם.

עס איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, אַז דער יידישער פאָלקס־מענטש, וואָס סאָציאַליזם האָט אים שוין געהאַט פאַרשמעקט, און דער האַלב־אינטעליגענט, וואָס איז געווען דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר אין שטעטל, און אַפילו דאָ און דאָרט אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען דער סאָציאַליסטישער פירער אין שטאָט, האָבן אָרגאַניזאַציאָנעל זיך געבונטעוועט קעגן דעם פּ. פּ. ס.ישן צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז נישט געווען נאָר אַ מחלוקת וועגן דעם ווי אַזוי די פּראָפּאַגאַנדע זאָל געפירט ווערן, עס איז נישט געגאַנגען נאָר וועגן נאָך אַ בראָשורע און

נאָך אַ וואַכנצייטונג אויף יידיש. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סך אַ טיפערן ענין: אין שפּיל איז געווען דער יידישער נפש אַליין.

די גרינדונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע (זש. פּ. ס.) אין מאַי 1905 איז אפשר געווען דער ספּאָנטאַנער אויפשטאַנד קעגן דער יידישער געמיט־סטעריליזירונג, וואָס הערמאַן דיאַמאַנט (דער עלטערער פון די צוויי הערמאַנס) האָט אין נאָמען פון פּ. פּ. ס.ישן צענטראַל־קאָמיטעט אַזוי אַכזריותדיק געפאָדערט.

די גרינדונג פון דער זש. פּ. ס., דער טראַנזיט פון בונדישער ליטעראַטור איבער גאַליציע, דער אויפקום פון די פּועלי־ציון, דאָס אַלץ אינאיינעם האָט אונטערגעגראָבן די סאָציאַליסטישע אַסימילאַציע אין גאַליציע. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּ. פּ. ס. האָט געדאַרפט האָבן יידישע שטימען און האָט אין פּרט פון אַסימילאַטאָרישער אויסגעהאַלטנקייט באין ברירה געמוזט אונטערזינדיקן. לאָקאַלע יידישע פּ. פּ. ס. פירער האָבן זיך אפילו צומאָל דערנידעריקט און גערעדט יידיש, כדי צו חנפענען די זש. פּ. ס., צו געפעלן די צוהערער און דורכצוקרייצן די השפעה פון די פּועלי־ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן.

קאָנסעקווענט — קאָנסעקווענט ביזן סוף פון זייער לעבן — זיינען געבליבן די צוויי בריליאַנטענע יידישע הערמאַנס פון דער צענטראַלער פּ. פּ. ס. אָנפירונג, הערמאַן דיאַמאַנט און הערמאַן ליבערמאַן. זיי האָבן ביידע דורכגעמאַכט אַ גלענצנדיקע פּאָליטישע קאַריערע. דיאַמאַנט, וואָס איז געווען מיט צען יאָר עלטער פון ליבערמאַנען, איז צוויי מאָל געווען דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, דערנאָך איז ער געזעסן לאַנגע יאָרן אין פּוילישן סיים און האָט זיך דערדינט דערצו, אַז די פּוילישע מלוכה זאָל אַפּעלירן צו זיינע דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן.

דיאַמאַנט האָט מיט זיין יידיש־גייסטיקן סטעריליזירונגס־פּראָגראַם ביי די יידישע סאָציאַליסטן אין גאַליציע פאַרשפּילט, אָבער ער אַליין און מיט זיך אַליין, האָט די קוראַציע פון אַסימילאַטאָרישער זעלבסט־פיינינקונג גרינטלעך און דעפיניטיוו דורכגעמאַכט. דאָס גלייכן הערמאַן ליבערמאַן, וואָס זיין פּאָליטישע קאַריערע איז געווען אַ לענגערע, אַ שטורמישערע און אַ געהויבענערע, וואָרעם זי איז געווען דורכגעגליט פון מאַרטירערשאַפט. צו 37 יאָר איז ליבערמאַן שוין געווען דע־

פוטאַט און געהאַט הילכיקע פאַרלאַמענטאַרישע דערפאָלגן אין עסטרייכישן רייכסראַט. אין ווידער־אויפגעריכטן פוילן האָבן זיין שטאַנד־האַפטיקער און מוטיקער קאַמף קעגן פילסודסקיס דיקטאַטור, דער־נאָך תפיסה און גלות אים פאַרשאַפט אינטערנאַציאָנאַלע גלאָריע ביי דער וועלט־דעמאָקראַטיע. און דער סוף... דער סוף איז געווען עפעקט־פולער ווי ער האָט עס אַליין געקאָנט חלומען. צוויי חדשים פאַר זיין טויט האָט זיין פוילן, די פוילן צו וועלכער ער איז דערגאַנגען אין פייער פון זיבנמאָליקער רייניקונג פון יידישקייט, אָנגענומען זיין קרבן און אים פאַרבעטן צו זיין איינער פון אירע פירער אין דער שווערסטער שעה פון איר געשיכטע.

איך געדענק נאָך פון צוריק מיט דרייסיק יאָר איין סטראָפע פון אַ קאַמפּס־ליד, וואָס איז אין דער צייט פון די צווייטע פאָלקס־וואַלן צום עסטרייכישן פאַרלאַמענט געווען זייער פאָפולער אין יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן אין גאַליציע.

פונעם פועלי־ציון פאַראיין איז צו אונדז אין דער גימנאַזיע דערגאַנגען אַ סאַטיריש ליד, וואָס זיין מחבר איז געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, דער היינט באַקאַנטער פירער פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג, בערל לאָקער. מיר האָבן אַזוי געזונגען:

גענאָסע דיאַמאַנט איז געפאַלן אויף אַ גוטן פלאַן:
מיר זאָלן אַלע זיין כפרה זיין
ער וועט קאַנדידירן
מיר וועלן אַגיטירן,
דערפאַר וועלן מיר ווערן אָנערקאַנט.

מיר האָבן דעמאָלט אַלע שטאַרק הנאה געהאַט פון לאָקערס פערזן. זיי האָבן אונדז געמאָלן דיאַמאַנטן (און דיאַמאַנט האָט טיפּיזירט זיך אַליין, ליבערמאַנען און אַלע קלענערע דיאַמאַנטן און ליבערמענער) ווי פּאָליטיקער וואָס זיינען אויסן נאָר דאָס בענקל. און אַבי אַריינצובאַ־קומען די נויטיקע יידישע שטימען זיינען זיי גרייט צו פאַרגעסן זייער אייגענע „מוסר־תורה“ וואָס לויט איר קאָן אַ גאַליצישער ייד ווערן אַ סאָציאַליסט, נאָר ווען ער רייסט פון זיך אַרויס אַלע יידישע באַזונ־דערקייטן און ווערט אַ פּאָליאַק מיטן גאַנצן האַרץ און מיטן גאַנצן

באַגער; און אַבי שטימען זיינען די „מוסרניקעס“ גרייט צו אָנערקענען פאַר סאָציאַליסטן אַפילו אַזעלכע „שרעקלעכע שאָוויניסטן“ ווי די פועלי־ציון.

נו, מיר זיינען געווען הייסע נאַציאָנאַליסטן, מיר זיינען געווען יונג און מיר זיינען געווען מיטצייטלער אין מיטן קאַמף מיט די אידעען וואָס האָבן געלויערט מיט סכנה אויף אונדזער יידישן קיום און מיר האָבן דערפאַר נישט געזען, נישט געקאָנט זען די הויכע ליניע פון אידעאַליזם ביי ראַדיקאַלע אַסימילאַטאָרן. מיר האָבן נישט געקאָנט זען, ווייל מיר זיינען אַליין געווען צו־שטאַרק אונטערן דרוק פון פּרינ־ציפּיעלער אומפּסיכאָלאָגישער אויסגעהאַלטנקייט און נישט געקאָנט משיג זיין אַז די טיפע זעלישע קאָמפּליצירטקייט פון דעם מענטשן באַשטייט אויך דעריך, וואָס ער קאָן צונויפפּאָרן און האַלטן טייער אין איין און דער זעלבער צייט די מחשבה פון טויט מיט דער אידעע פון לעבן, די אידעע פון סאָציאַלן אויסלייז מיט דעם געדאַנק פון נאַציאָ־נאַלן אונטערגאַנג. מיט איין וואָרט, אַז פּסיכאָלאָגיש קאָן דער מענטש זיין דער זעלביקער און גלייכצייטיקער אידעאַליסט צום גוטן און צום שלעכטן.

הערמאַן ליבערמאַן איז זיין לעבן לאַנג געווען אַן אידעאַליסט, אַן אויסגעהאַלטענער און שטרענגער אידעאַליסט.

ליבערמאַנס אידעאַליזם איז געווען אַ שטרענגער אָבער אַן אַב־סטראַקטער, אַן אויסגעטועננער פון די זעלישע נויטן פונעם יידישן פאָלקס־מענטש.

פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די דאָזיקע אַבסטראַקטקייט? צווישן אַנדערע סיבות זיכער אויך פון די ווייטערע צוויי:

1) ליבערמאַן איז געווען דער זון פון אַ רייכן נאָפּט־קוואַל־באַזיצער אין דראָהאָביטש און איז געקומען צום סאָציאַליזם פונעם ביכל. און אַ סאָציאַליסטישער אידעאַליסט פון אַ רייכער שטוב אויב ער האָט נישט דורכגעמאַכט די שול פון אַ רוסישן נאַראָדאָוואָליעץ און אויב אומלעגאַלע אַרבעט און לײדן האָבן אים נישט באַהעפט און אויסגעמישט מיטן פאָלק, האָט ער אין דער „געמיטלעכער גע־זעלשאַפטלעכקייט“ פונעם אַלטן עסטרייך לייכט געקאָנט בלייבן אויף די הויכן פון דער באַפרייאונגס־אידעע און דערביי האָבן וויניק זע־

לישע שייכות מיט די פלייש־ און בלוט־אָביעקטן, וואָס צוליב זיי האָט מען דאָס אויסגעטראַכט די גראַנדיעזע אידעען.

מענטשן פון דעם מין קאָנען זיין די ליידנשאַפטלעכסטע קעמפער פאַרן קאָלעקטיוו און האָבן ווייניק האַרץ פאַר די ליידן פון דעם יחיד, זיי קאָנען זיך מוסר־נפש זיין פאַר זייער איבערצייגונג, אָבער זיי זיינען נישט בכוח אויפצוהויבן אַ שטרוי פאַר די, וואָס צוליב זיי זיינען זיי איבערצייגט.

2) ער איז געווען אַ ייד. און דאָס מיינט, ווייזט אויס, עפּעס אַן אַטאַוויסטיש פאַראַרבטע פעאיקייט צו זען בחוש נאָר גוים, אָבער נישט קיין יידן. יידן זיינען ערגעץ וואו פאַרן יידישן אויג נישט דאָס זעלבע ווי אַלע. עס פעלט אונדז עפּעס אַלעמאָל די ריכטיקע מאָס פון אָפּשאַצונג פאַר יידן. מיר קאָנען מגזם זיין יידישע לייד און פרייד, און פונקט אַזוי זיי לייכטזיניק אונטערשאַצן. די סאַמע ריכטיקע פּראָפּאָרציע דערכאַפּן מיר נישט, נישט מיטן אויג און נישט מיטן געפיל. מיר ווערן אָדער היסטעריש, אָדער נישט צום מוחל זיין גלייכגילטיק.

מיך האָט באמת גערירט ווען איך האָב דאָ אַנומלט זיך אָנגעשטויסן אויף פרידריך אַדלערס אַן הקדמה צו אַ דייטשער איבערזעצונג פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער און דאָרט געלייענט אַן ענלעכע דרך־אַגבדיקע באַמערקונג וועגן דער מאָדנער באַציאונג פון יידן צו יידישע ענינים. אַדלער רעדט וועגן „זשאַרגאָן“, וואָס איז פאַרן מערב־אייראָפּעאישן ייִדן כמעט ווי אומבאַקאַנט און וואָס איז פאַרן מזרח־יידן זיין איינציקע קולטור־כלי, און זאָגט דערביי ווערטלעך, לאמור: „...און ווען עס זאָל זיך נישט האַנדלען וועגן יידן, וואָלט מען זיכער באַוואונדערט די הערלעכקייט, מיט וועלכער אָט־די געקנעכטעטע מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ביי די קלאַנגען וואָס זייגען זיי טייער.“

וואָלט עס זיך נישט געהאַנדלט וועגן יידן, וואָלט אפשר וויקטאָר אַדלער, וואָס איז געווען איינער פון די קליגסטע יידן פון זיין דור און האָט פאַרשטאַנען די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער אין עסטרייך, אויך פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז נישט סתם סעפּאַראַטיסטישער שאָוויניזם. וואָלט עס זיך נישט געהאַנדלט וועגן יידן, וואָלט אָטאָ באַוער, דער ליכטיקסטער טעאָרעטישער קאָפּ פון עסטרייכישן סאָציאַליזם נישט אָפּגעפּטרט די פראַגע

פון יידישער צוזקונפט מיט אַזאַ סימפּליסטישן ענטפער ווי געמישטע חתונות. און וואָלט עס זיך נישט געהאַנדלט וועגן יידן, וואָלט מען הסתם אויך העוּמאַן ליבערמאַן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אי־דעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם אין פּוילן, פאַרשטאַנען, אַז דאָס אייגענע פאָלק האָט אויך אַ רעכט אויף אַ קליין ביסל אידעאַליזם און ליבשאַפט...

(1941)

לייבא זיבאל — דער העלד פון שרעק

צווישן די אַן ערך צוואַנציק „בעסטע דערציילונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור", וואָס אַ ניו־יאָרקער פאַרלאַג האָט דאָ אַנומלט אַרויסגעגעבן איז אויך פאַראַן די דערציילונג „פּאַסכאַ־פּאַקל", פונעם באַרימטן רומענישן שרייבער יאַן לוקאַ קאַראַדזשיאַלע. און זי איז דאָרט דאָ מיט רעכט. וואָרעם קאַראַדזשיאַלעס מעשה וועגן דעם יידישן קרעטשמער, לייבא זיבאל, געהערט מיט איר קינסטלערישן צמצום, מיט איר געשטאַלטונגס־קראַפט און מיט דער דינקייט פון איר פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז בלי שום ספק צו די שענסטע און טיפסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור.

פאַר שעקספּירן איז דער ייד שיילאָק געווען די פאַרקערפּערונג פון תהומיקער נקמה.

פאַר לעסינגן דער ייד נתן, — די אילוסטראַציע פון סאָלידער מענטשן־ליבע.

פאַר קאַראַדזשיאַלן איז דער ייד לייבאַ זיבאל, דער קרעטשמער פון פּאָדען, דער העלד פון — שרעק.

אין מעת־לעת געדויערט אין גאַנצן די האַנדלונג פון קאַראַדזשיאַ־לעס דערציילונג און אין משך פון די פיר און צוואַנציק שעה האָט די מאָנסטער־געשטאַלט פון שרעק וואָס איז באַפאַלן דעם עלנטן ייד זיך אַלץ טיפער און טיפער איינגעביסן אין זיין נשמה, האָט פאַרסמט אַלע זיינע מענטשלעכע געפילן, האָט פאַרטונקלט זיין שכל און אים געטריבן צו אַן אַקט פון אַכזריות אין נאָענטער שכנהשאַפט מיט שגעון.

דער קאָנקרעטער קאָנפליקט, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס

לייבאָס מורא, איז, דווקא אַ טאָג־טעגלעכער, אַ באַנאַלער. עס איז אַ סכסוך צווישן דעם קרעטשמער און זיינעם אַ משרת.

די מעשה שהיה איז אַזאַ:

אין איינעם אַ טאָג פון הארבסט האָט זיך געיאָוועט אין קרעטשמע עפּעס אַ פרעמדער מאַן. ס'האָט געהייסן, אַז ער איז נאָר־וואָס אַרויס פון שפּיטאָל און זוכט אַרבעט. דער קרעטשמער האָט אים אַריינגענומען צו זיך פאַר אַ דינער און האָט פון אים באַלד, ווי מען זאָגט עס, געהאָט געברווינטע לייד, וואָרעם דער משרת האָט געהאַט אַט וואָסערע מעלות: ער איז געווען אַ בייזער, אַ ברוטאַלער, אַ פוילער, אַן עזות־פּנים און... אַ גנב. דער קרעטשמער האָט אים געמוזט סוף־כל־סוף משלח זיין. האָט דער משרת, ווי עס מאַכט זיך, ביים אַוועקגיין געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען...

איז אָט דער צונויפּשטויס צווישן בעל־הבית און דינער געגנוג שטאַרק און געגנוג טיף אויף צו פּראָדוצירן זיבאַלס אומגעהאַרישן און ביז שגעון ווייטיקלעכן שרעק? — ניין. דערצו האָבן נאָך געפעלט עטלע־כע וויכטיקע פּסיכישע און סאָציאַלע עלעמענטן.

ראשית, איז עס נישט סתם אַ בעל־הבית און נישט סתם אַ משרת. עס איז דער ידישער קרעטשמער לייבאַ און דער גויישער דינער געאָרגע; און ביים אַוועקגיין וואַרפט געאָרגע נישט סתם עפּעס אַזוי זיך אַ שאַרף סטראַשונעקל, נאָר ער גיט אַ קלאָרע אָנצוהערעניש פון נקמה, וואָס וואַקסט אַריבער איבער די ראַמען פון אַ סכסוך צווישן צוויי יחידים און אָטעמט מיט בייזן פּאַרדראָס פון אַן אַלטן נישט־אויסגעגליכטן חשבון צווישן ראַסן און רעליגיעס.

„זאָלסט אויף מיר וואַרטן אין דער נאַכט פון פּאַסכאַ, פּריצל", שיסט געאָרגע סאַרקאַסטישע ווערטער ווי פיילן צו לייבאַן, „מיר וועלן זיך אָנקלאַפּן מיט רויטע פּיסינקעס"...

די ווערטער „פּאַסכאַ־נאַכט" און „רויטע פּיסינקעס" באַלויכטן ווי רעפלעקטאָרן מיט אַ מאָדנער העלקייט דעם קליינעם קאָנפליקט־שטח צווישן ידישן קרעטשמער און זיין משרת. לייבאַ דערזעט איצט, וואָס ער האָט אַלע מאָל טונקל געאָנט, דהיינו, אַז געאָרגע איז נישט איינער. געאָרגע, — דאָס זיינען טויזנטער געאָרגעס פון פּאָדען און פון אַלע דערפער אַרום, וואָס ברענען מיט שנאה צו אים. אַלע חזרן זיי

אין איינעם איבער די זעלבע ווערטער, אַלע הייסן זיי אים וואַרטן אויף דער פּאַסכאַ־נאַכט, ווען זיי וועלן קומען זיך אָפּרעכענען מיט אים...

און אַנטקעגן אַט דעםווילדן המון, פול מיט שנאה און אַכזריות, — ער, לייבא זיבאל, איינער אַליין, מיט ווייב און קינד, אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפענער קרעטשמע. ביי וועמען קאָן ער בעטן הילף? מלכות נעמט ערנסט אין דער יד אַריין און לאַכט זיך דערנאָך אויס פון זיין יידישער מורא; און יידן? — אַ יידישער ישוב איז ווייט, מיילן־ווייט פון דאַנען.

דאָס ערשטע שטיקל הייוון אויף פאַנאַנדער צו יורירן לייבאס שרעק איז אַזוי־אַרום קודם־כל זיין סאָציאַלע סביבה. דעם קרעטשמערס פּחד נעמט אין זיך אַריין אַחוץ דער מורא פאַר דער נקמה פון עפּעס אַ פּערזענלעכן שונא, אויך די געזעלשאַפטלעכע אומבאַהאָלפנקייט זיינע, זיין אומצוטרוי צו די מלוכה־אָרגאַנען, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אים צו באַשיצן, און... אַ בענקשאַפט נאָך יידן, וואָס זייער נאָענטקייט וואָלט פאַר אים געקאָנט זיין אַ זעלישער אָנשפּאַר.

און דאָ קומען מיר צום צווייטן עלעמענט פון לייבא זיבאלס שרעק. איך וואָלט אים אָנגערופן: דער עלעמענט פון היסטאָריש־פּסיכישער שרעק. לייבאָס מורא הויבט זיך אָן נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. זי איז אַ געירשנטע, און זי איז אַלט שיינע עטלעכע הונדערט יאָר.

לייבאָס יידישקייט דינט קאַראַדזשיאַלען ווי אַ היסטאָרישע באַ־רעכטיקונג צו דער קרענקלעכער שרעק, וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט אין זיין נשמה. און צו די מאָמענטן פון סביבה און היסטאָרישער ירושה קומט נאָך צו זיבאלס אייגענער לעבנס־רעקאָרד.

איידער ער האָט איבערגענומען מיט אַ פינף יאָר צוריק די פאַדענער קרעטשמע ביי זיין שוואָגער האָט לייבא זיבאל איבערגעדינט אַלע עבודה־זרהס פון פּרנסה, און אַלע פּרנסות זיינען געווען דורכ־אויס אַזעלכע, וואָס נישט נאָר זיינען זיי נישט בכוח צו פאַרשאַפן דאָס שטיקל ברויט בהרחבה נאָר עס גייט נאָך דערצו פאַרלוירן אין זיי דאָס ביסל זעלישע גלייכגעוויכט און חשיבות, וואָס אַ מענטש ברענגט געוויינטלעך מיט פון דער היים. און צו קאַראַדזשיאַלעס לויב זאָל

עס געזאָגט ווערן, אַז אין משך פון דער גאַנצער צוואַנציק־זייטיקער דערציילונג גנבעט זיך נישט אַריין אין זיין שילדערונג קיין איין טאָן פון קאַריקאַטור, אָדער פון חוזק. דאָס האָט געקאָנט לייכט פּאַסירן, וואָרעם, ראשית, איז דאָך די דערציילונג וועגן לייבא זיבאַל און זיין שרעק נישט מער ווי קאַראַדזשיאַלעס, איך וואָלט געזאָגט, אַ זייטיק ליטעראַריש פּאַרדינסטל; קאַראַדזשיאַלע, ווי אַ ליטעראַרישער שעפער, איז גאָר דער עיקר אַ הומאָריסט און אַ סאַטיריקער וואָס לאַכט אָפּ פון דער גייסטלאָזער דעמאַגאָגיע אין רומעניש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין צייט. דער סאַטיריקער אין קאַראַדזשיאַלן האָט אים גרינג גע־קאָנט פאַרפירן צו שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון זיין דערשראָקענעם העלד.

און שנית וואו איז דען פאַראַן אַ רומענישער שרייבער פון קאַ־ראַדזשיאַלעס דור, וואָס זאָל נישט האָבן אונטערגעזינדיקט מיט אַנטי־סעמיטיזם, אָנגעהויבן פון רומעניעס גרעסטן דיכטער, מיהאַיאיל עמינעסקו, און ביז צום געוועזענעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, זאַמפיר אַרבאָרע, וואָס האָט געשריבן לערנביכער פאַר שול־געברויך מיט אַנ־טיסעמיטישע אָנצוהערענישן? און נאָך עפּעס: אַ שרייבער ווי קאַראַ־דזשיאַלע וואָס חוזקט פון רומענישע פּריצים, מעג ער זיך דערלויבן אַ פאַטעטישע שילדערונג פון עפּעס אַ יידישן קרעטשמער? איז דאָס נישט דער בעסטער סימן פון אַ בפירושן אַנטי־פּאַטריאָטיזם?

דער גרויסער קינסטלער אין קאַראַדזשיאַלן האָט אים אָפּגעהיט פון געזעלשאַפטלעכע אָפּנויגן ביי דער געשטאַלטונג פון זיין יידישן העלד. דער דערציילער ווערט אין משך פון דער שילדערונג אַליין פאַרכאַפּט פון לייבאַ זיבאַלס טיפע איבערלעבענישן און מען פילט ממש ווי ער ציטערט מיט דעם קרעטשמערס ציטערניש און גייט מיט אים מיט אין גיהינום פון זיין שרעק.

עס איז שבת אין דער פרי, ערב פּאַסכאַ. שעה נאָך שעה רינט אויס און עס דערנענטערט זיך די „נאַכט פון אויפערשטייאונג" ווען געאָרגע, ווען אַלע געאָרגעס האָבן צוגעזאָגט צו קומען און אויפצור־מאָנען ביי אים זייער „חוב" פון נקמה. דעם קרעטשמערס שרעק ווערט אַלץ אינטענסיווער, אַלץ פאַרשפּיצטער און באַהערשט אַלץ מער און מער אַלע זיינע טראַכטענישן, געפילן, זשעסטן און באַווע־

גונגען. בהקיץ איז שוין לייבאַ אַ פולשטענדיקער קרבן פון זיין שרעק; אויף דער וואָך איז ער אַ פאַרפּאַלענער ווי אַ פליג אין שפּינוועב. ער פּרובירט זיך ראַטעווען דורך שלאָף.

די וואַרעמע פרילינג־זון וואָס האָט אָנגעהויבן צו באָקן און צו טריקענען די בלאָטעס, האָט אָנגעווייט אַן אָנגענעמע און שלעפעריקע ווייכקייט אויף לייבאָס חושים און ער האָט זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פונעם אויבערשטיבל פון וואַכקייט און האָט זיך אַ ביסל צוגעשפּאַרט ביי זיך אַליין אין שטילן, טונקעלן חלום־אַלקער.

דער פּרעליוד צום חלום איז אַ ריין פּערזענלעכער און אַ אידיי־לישער. קודם חלומט דער קרעטשמער, וואָס האָט אין וואַכן צושטאַנד נישט געזען קיין אויסוועג ווי אַזוי מען קאָן דערוויל היינט געראַ־טעוועט ווערן פון טויט, אַז די פּאָליציי האָט ענדלעך געכאַפּט גערעגן, און אַז דער טרוים האָט אים בשלום אַריבערגעפירט איבער דער סכנה פון דער „אויפערשטייאונגס־נאַכט" האָט ער אים געמאָלן אָט־וואָס פאַר אַ כישוף־בילדל פאַרן וייטערן לעבן: לייבאַ וועט בלייבן אין דער פאַדענער קרעטשמע נאָר ביז צום נייעם ווין, דערנאָך וועט ער זיך אַרויסציען קיין יאַס צווישן יידן, וועט זיך דאָרט עפענען אַ קלייט. „גאָט זאָל נאָר געבן געזונט וועט לייבאַ זיצן אין שטאָט, לעבן דער פּאָליציי. ער וועט געבן אין יד אַריין דעם פּאָליציי־שעף, דעם סאַר־זשענט, דעם פּאָליסמאַן. אַז מען לאָזט זיך קאָסטן האָט מען נישט וואָס מורא צו האָבן. אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי יאַס איז אַפילו ביינאַכט לעבעדיק און ליכטיק. נישט אַזאַ פינצטערניש און שטילקייט ווי אין דעם פאַרלאָזענעם פאַדענער טאָל".

מיט וויפל רירנדיקער איינפאַכקייט און סובטילער צאַרטקייט קאַראַדזשיאַלע האָט דאָ אַרויסגעבראַכט דעם קרעטשמערס טיפע בענק־שאַפט נאָך ישוב. אגב, עס קאָן זיין, אַז די לײַדנשאַפט צו דער ערד איז אין תוך טראַגישער און פאַרמאָגט מער דראַמאַטישן כוח ווי די בענקשאַפט צו מענטשן, אָבער די לעצטע איז אין תוך איידעלער, גייסטיקער און יידישער.

קאַראַדזשיאַלע לאָזט זיך דעם יידישן קרעטשמער נישט צופיל טובלען אין חלום פון פּערזענלעכן גליק. אויף לייבאַ זיבאָלס צערו־דערטער פאַנטאַזיע וואַרט די טראַגיק פון זיין יידישקייט. דער טרוים

האָט אים טאַקע אָוועקגעשטעלט אין סאַמע מיט פון ישוב, אָבער צי קאָן זיך לייבאַ פילן זיכער אויף די תמיד לעבעדיקע און ליכטיקע גאַסן פון דער קרוינשטאָט יאַס, אַפילו ווען ער לעבט אונטער די סאַמע פליגל פון דער פּאָליציי?

דער קרעטשמער איז אַנדרימלט געוואָרן און ער האָט געזען ווי פון אַ יאַסער פאַרשטאָט האָט זיך געצומען רוקן צום צענטער אַ גע־וואַלטיקער המון פון סאָלדאַטן, זשאַנדאַרן און כל־המינים מענטשן. דאָס האָט מען אַ משוגענעם געבונדן און אים געפירט צוריק אין משוגעים־הויז. און ס'איז אַ באמת ווילדער משוגענער. „צו צוויי מענטשן האַלטן אים פוןביידע זייטן; די פויסטן זיינען ביי אים פאַר־לייגט איינס איבערן אַנדערן און פעסט פאַרבונדן מיט אַ רימען. ס'איז אַ מענטש אַ גבר, אַ קאָפּ פון אַ בוהאַי, געדיכטע שוואַרצע האָר, באָרד און וואָנסעס האַרט און בערשטיק. דורכן צעריסענעם העמד קוקט אַרויס אַ ברייטע ברוסט באַדעקט מיט האָר, ער איז באָרוועס; ס'מויל זיינס פינעט מיט בלוט און האַלט אין איין קייען האָר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון אַ יידנס באָרד.״

אַ מאָנסטער, וואָס וואַרפט אָן אַ פחד. לייבאַ וואָלט גערן פאַר־מאַכט ס'געוועלב, נאָר שרה, זיין ווייב, האַלט אים אָפּ: ער איז דאָך געבונדן. נאָר פּלוצעם קומט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט געווען נישט צום גלויבן, ווען מען זעט עס נישט מיט אייגענע אויגן. דער עולם מאַכט אַ וואַרע אַרום דעם משוגענעם. די זשאַנדאַרן בינדן אים אויף די הענט און דער מאָנסטער וואַרפט זיך מיט רציחה און מיט ציינקריצעניש אויף... לייבאָס געוועלב. מיט איין האַנט כאַפּט ער אָן זיין קינדס קאָפּ, מיט דער אַנדערער שרהס און קלאַפּט מיט זיי איינס אויף ס'אַנדערע מיט אַזאַ גבורה, אַז ער צערייבט זיי ממש ווי אייער...

לייבאַ, אַן אויפגעשווידערטער און אַ פאַרצווייפלטער וויל אַ גע־שריי טאָן: „אַ גאַנצע וועלט לאָזט מיך בכיוון איבער אויפן באַראָט פון אַ משוגענעם!״ נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און צוריק גענומען טראַכטן בהקיץ פון דער נקמה, וואָס וואַרט אויף אים אין עטלעכע שעה אַרום אין דער „נאַכט פון אויפערשטייאונג.״

איז אָט דער קאָשמאַרישער חלום וואָס קאַראַדזשיאַלע לאָזט חלומען דעם יידישן קרעטשמער פון פאַדען מיט פולע פופציק יאָר

פאַר מאַידאַנעק און פאַר טרעבלינקע נישט דער טרעפלעכסטער סימבאָל פאַר ייד׳ישער מאַרטירער־געשיכטע? און — נישט די פּינקט־לעכסטע נבואה אויף דעם מאָנסטער־משוגענעם פון אונדזער דור? האָט אין אונדזער צייט דען אַ גאַנצע וועלט נישט געמאַכט אַ וואָרע און זיך צוגעקוקט ווי „די זשאַנדאַרן" האָבן אויפגעבונדן די הענט פון אַ חסר־דעהניק און אים געלאָזט אויסגיסן זיין רשעות אויף די גע־צעלטן פון די לייבא זיבאלס אין שטאָט און אין דאָרף? און וואָלט דען איצט לייבא נישט געדאַרפט זיך אָוועקשטעלן אויף אַלע קולטור־וועגן פון דער מענטשהייט און אויסשרייען בהקיץ יענעם געשריי, וועלכן דער גרויסער קינסטלער יאַן לוקא קאַראַדזשיאַלע האָט מיט איבער פופציק יאָר צוריק אַריינגעשפּונען אין זיין חלום?

קאַראַדזשיאַלע האָט אפשר לייבאן נישט געלאָזט אַרויסשרייען זיין געשריי אין וואַכן צושטאַנד, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז עס וואָלט געווען אומזיסט.

אויפן סאַמע שפּיץ־באַרג פון זיין שרעק ראַטעוועט לייבא זיבאל זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה מיט אַ גרויזאַמער המצאה. ווען געאָרגע און זיינע חברים קומען ווי צוגעזאָגט, אין דער „נאַכט פון אויפערשטייאונג" לאָזט לייבא זיי פּאַוואָליע אויסזעגן אַ לאָך אין דער טיר. אָבער אַז געאָרגע שטעקט דערנאָך אַריין זיין האַנט כדי אָוועקצורוקן דעם ריגל, האָט דער קרעטשמער אָנגעגרייט אַ קייט און זי געפּאַקט. געאָרגעס חברים זיינען פאַר שרעק אַנטלאָפן. און דער ייד געטריבן פון קרענקלעכן פחד נעמט ווילדע נקמה. ער שטעלט אַרונטער אונטער דער געפּאַנגענער האַנט אַ ברענענדיקן קאַנעץ, וואָס פאַרוואַנדלט מיט זיין פלאַם די האַנט פּאַוואָליע אָבער זיכער אין אַ לעבעדיקן „פּאַסכאַ־פּאַקל".

און כדי דעם סוף צו מאַכן נאָך עפעקטפולער און טעאַטראַלישער האָט קאַראַדזשיאַלע דער דראַמאַטורג און טעאַטער־מענטש גאַנץ פרי אָוועקגעשיקט לייבאן צום רב מיט אַן אַרענדאַרסקע־אָבערגלויבישן פסוק, אַז לייבא זיבאל איז נישט מער קיין ייד, וואָרעם ער האָט אין דער נאַכט פון אויפערשטייאונג אָנגעצונדן אַ „פּאַסכאַ־פּאַקל".

אָבער נישט דער סוף אינטערעסירט, דער סוף איז אַ צוגעצ־טראַכטער; וואָרעם ער איז נישט אין הסכם מיט דער זעלישער פּאַר־

מאַציע פונעם העלד לייבא זיבאַל, נישט מיט זיין אייגענעם פּסיכישן „איך״ און אַוודאי נישט מיט זיין געווירשנטן היסטאָרישן יידישן „מיר״.

דער קינסטלער קאַראַדזשיאַלע האָט באַשאַפן אַ יידישע געשטאַלט וואָס איר שרעק בהקיץ און איר וויזיע בחלום אָטעמען מיט לעבע־דיקן און שטאַרקן פּראָטעסט קעגן אַ וועלט, וואָס וויל לאָזן אַ גאַנץ פאָלק „אויפן באַראָט פון א משוגענעם.״

(1943)

דניאל דעראַנדאַ און מרדכי עזרא לפידות

„די אידעע, וואָס באַהערשט מיך, איז ווידער אויפצולעבן אַ פּאָליטישע עקזיסטענץ פאַר מיין פאָלק, צו מאַכן פון אים אויפסניי אַ נאַציע, צו געבן אים אַ נאַציאָנאַלן צענטער, אַזאַ צענטער ווי עס פאַרמאָגן די ענגלענדער, הגם זיי זיינען אויך צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס איך באַטראַכט זי פאַר מיין חוב. איך האָב באַשלאָסן אָוועקצוגעבן מיין לעבן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט".

מעג זיך אַ ייד, וואָס געהערט על־פּי דורותדיקער דערציאונג און זעלישער איינשטעלונג צו דער מערבדיקער קולטור, דערלויבן אַזאַ באַשלוס? איז דאָס ניט אַ זינד קעגן פּראָגרעס, וואָס וועט דאָך סוף־כל־סוף אָפּשאַפן אַלע מחיצות פון שנאה און אָבערגלויבן צווישן מענטשן?

„דער מלאך פון פּראָגרעס האָט ניט קיין שום שליחות פאַרן יידנטום. די וואַסערן פון פּראָגרעס לויפן פאַרביי ישראלן ווי עפּעס אַ פאַרלאָזן פעלד".

און איז די אידעע פון אַ נייעם נאַציאָנאַלן צענטער פאַרן יידישן פאָלק ניט קיין אוטאָפּיע? האָט זי ממשות און וועט עס מעגלעך זיין זי דורכצופירן?

„גיט נאָר אַ טראַכט צו מאַצינין און צו דעם באַגינען פון זיין חלום וועגן דער ווידעראויפלעבונג פון אַ נייער גרויסקייט און אַ נייער פרייהייט פאַר איטאַליע. דערמאָנט אייך ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען צו וועקן דעם זעלביקן טרוים אין די הערצער פון אַזעלכע יונגע מענטשן ווי ער, און זיי צו זאַמלען אַרום דער אַרבעט פאַר אַ געאייניקטער נאַציע. אַלץ איז געווען אַנטקעגן אים; זיינע לאַנדסלייט זיינען געווען אָדער אומוויסנדיק אָדער גלייכגילטיק, די רעגירונגען —

פיינטלעך, איירא̈פּע — אומגלויביק. די א̈פּשפּעטערס זיינען אַפּט געווען קלוג. אָבער די נבואה — ווי דו זעסט — איז איינגעשטאַנען ביי אים״.

די דריי ציטאַטן וואָס איך האָב נאָר־וואָס געבראַכט, זיינען ניט אַרויסגענומען ניט פון הערצלס „יודענשטאַט״ און אויך ניט פון זיינע „טאָגביכער״. ס׳זיינען רייד, וואָס אַ קריסטלעך־ענגלישע ראָמאַן־שריפטשטעלערין האָט מיט 20 יאָר פאַרן דרייפוס־פּראָצעס און פאַרן „יודענשטאַט״ אַריינגעלייגט אין מויל אַריין אירע יידישע העלדן דניאל דעראָנדאָ און מרדכי עזרא כהן לפּידות.

מערי ען עוואנס וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער וועלט־ליטע־ראַטור אונטערן פּסעוודאָנים דזשאָרדזש עליאָט האָט אַזוי אַרום אין אַ צייט ווען (אין די ווערטער פון דיכטער יעקב שטערנבערג):

גאָרנישט איז געשען נאָך,
גאָרניט אויף דער וועלט;
איך בין נאָך אַ יונגלינג,
גיי אַרום אין פעלד״.

כ׳מיין, אין אַ צייט ווען דער שאַפער פונעם פּאָליטישן ציוניזם איז קוים אַלט געווען זעכצן יאָר און האָט נאָך ניט געחלומט דעם גרויסן חלום פון זיין פאָלק, האָט זי, די ענגלישע שרייבערין פּרעזענטירט דעם ציוניסטישן אידעאַל פאַר דער וועלט מיט פאַרנעם און דערביי געהאַט די קינסטלערישע וויזיע ניט נאָר פון טעאָדאָר הערצלס שפּעטערע אידעען און רייד נאָר אויך ממש פון דעם סטיל און ריטם פון זיינע ווערטער.

אָבער נאָך מער ווי די וויזיע פון די הערצלישע אידעען פאַר־כאַפּט און פאַרכישופט אין דזשאָרדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דעראָנ־דאָ״ די וואונדערלעכע זעאונג פון דער לעבעדיקער הערצלישער גע־שטאַלט, ווי זי האָט זיך מיט עפּעס מער ווי צוויי צענדליק יאָר שפּע־טער באַוויזן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

סיי די דרויסנדיקע פיגור פון דניאל דעראָנדאָן און סיי זיין זעלי־שער אויסזען סאַמעווען אָפּט אויף אַן אומהיימלעכן אופן מיט די באַקאַנ־טע הערצל־פּאָרטרעטן און מיט דעם כאַראַקטער־בילד וואָס ביאָגראַפן האָבן געמאָלן פון דעם גרויסן יידישן פירער.

„דעראָנדאָ — דערציילט אונדז זיין באַשאַפער — איז געווען אַ שיינער און אַ באַגאַבטער מאַן. זיין מויל איז געווען אַרומגענומען מיט שפּעדיקע ווייכע כוואַליעס באָרד. די הענט זיינע זיינען געווען לאַנגע און בויגעוודיקע און האָבן אַנגענומען אַנדערע הענט מיט פעסטקייט. עס איז געווען גלייך טיציאַן זאָל זיי האָבן געמאָלן, כדי מיט זיי אויף זיין שטייגער אויסצודריקן די אויסטערלישע קאָמבינאַציע פון ראַפינירטקייט און קראַפט. און צו די דאָזיקע הענט האָט זיך צוגעפּאַסט די בלייך־ברוינע פאַרב פונעם פנים און דער רואיק־דורכדרינגענדיקער בליק פון די אויגן. די אויגן האָבן פאַרמאָגט אַ טונקעלע אָבער מילדע אינטענסיווקייט און האָבן געלויכטן מיט עפּעס אַ באַזונדערן אינטערעס צו יעדן מענטש אויף וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. און זיי האָבן געהאַט דעם כוח — די אויגן — צו וועקן ביי אַנדערע עפּעס אַזעלכע הייסע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען וואָס די אַנדערע האָבן באַלד גענומען באַטראַכטן פאַר זייערע אייגענע אידעאַלן און זיך איבערצוגעבן צו זיי מיטן גאַנצן האַרץ און מיטן גאַנצן באַגער".

אמת איז, אַז די גאַנצע קיניגלעכקייט און די גאַנצע פירער־קראַפט פון דניאלן זיינען אין דער דערציילונג בלויז פּאָטענציעלע. וואָרעם איבערן גאַנצן שטח פונעם לאַנגן און פּרטימדיק געבויטן ראָמאַן איז גווענדאָלין האַרלעט־גרענדקאָרט אייגנטלעך די איינציקע, וואָס איז גרייט צו בייטן איר איינשטעל צום לעבן אונטערן זעלישן כישוף פון דעראָנדאָן. זי, גווענדאָלין — די לייכטזיניקע, עגאָאיסטישע און אַמביציעזע פרוי, וואָס איר איינציקער ציל איז אַ הויכע סאָציאַלע פּאָזיציע און וואָס צוליב דעם דאָזיקן ציל איז זי עובר אויף אַ סך ניט־געשריבענע און כמעט יאַ־געשריבענע מאָראַלישע געבאָטן, בלויז זי קאָן ניט ביישטיין דעם עטישן אויסשטראַל פון דעראָנדאָס בליק און פילט זיך זעליש געצוואונגען אַנצוהויבן אַ ניי לעבן.

וואָס שייך די געשטאַלטונג פון יידיש לעבן און כאַראַקטער און די פּרעזענטירונג פון יידישע אַספּיראַציעס אויף אַ באַנייטער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איז דעראָנדאָ נאָך ניט דער באַאיינפלוסער, נאָר דער באַאיינפלוסטער. ניט ער דיקטירט אין ראָמאַן דעם לעבנס־רעצעפּט פאַר אַנדערע, נאָר ער געפינט דעם וועג צום יידנטום און צו יידישע אידעאַלן, געפירט מיט אַ זיכערער האַנט פון יענעם טובער־

קולאָזן בעל־חלומות, וואָס איז לעבן דעראַנדאָן די שענסטע, שטאַרקסטע און וויכטיקסטע געשטאַלט אין דער דערציילונג — מרדכי עזרא כהן־לפּידות. (איך ווייס ניט צי עס איז בלויז אַ צופאַל אָדער אַ כוונה דערבײַ וואָס י. ח. ברענער האָט דעם אײדעלן און וואונדיק־עכטן אי־דעאַליסט פון זיין ראָמאַן „מכאן ומכאן" אויך אַ נאָמען געגעבן לפּידות. ווי אַזוי ס'זאָל ניט זיין איז עס אַ פאַקט, אַז ברענערס אַריה לפּידות איז דער סאַמע נאָהענטסטער זעלישער קרוב מיט דזשאָרדזש עליאָטס מרדכי עזרא לפּידות. די קרובהשאַפט איז פאַר ביידע אַ כבוד).

די באַקאַנטשאַפט מיט מרדכי עזראן פירט דעראַנדאָן אַריין אין דער לאַבאָראַטאָריע פון געדאַנקען וועגן יידישקייט. דעראַנדאַ קומט אין דער זעלישער סיטואַציע פון הערצלען, וואָס האָט אונטער דעם העפּ־העפּ־געשריי פון די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן און אונטער דעם רושם פון דער אינטואיטיוו־דערפילטער אויסלייז־בענקשאַפט פונעם גרויסן מזרח־יידישן קיבוץ געקומען אַנטדעקן אין זיך אי דעם יידישן חלום און אי דעם כוח אים צו פאַרווירקלעכן.

מרדכי עזרא סימבאָליזירט אין ראָמאַן ביידע עלעמענטן פון דער דעראָנדאַ־הערצלישער חלום־אינספּיראַציע. ער איז אַ מענטש פאַר־טרונקען אין אָרעמקייט און אַנאָנימקייט. ער איז אָפּגעשוואַכט פון קראַנקהייט און עס פאַכעט איבער אים דער שאָטן פון פריצייטיקן טויט. אָבער דער דאָזיקער זייגערמאַכער־געזעלן, וואָס קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים, איז צו דער זעלבער צייט אַ מענטש וואָס לעבט אַן אינטענסיוו לעבן אין אַן אומגעזעענער פאַרגאַנגענהייט און אין אַן אויסגעטרוימטער צוקונפט און ער הויבט זיך ניט אָן צו זאָרגן וואָס די זון פון זיין פאַרווירקלעכטן נאַציאָנאַלן חלום וועט אים פער־זענלעך קיינמאָל ניט וואַרעמען. ער שטרעבט און בענקט צו דעם טאָג פון דערלייזונג און באַנייאונג מיט אַ ליידנשאַפט, וואָס נאָר דער פער־זענלעכער מאָטיוו פון אַ געזונטער יוגנט איז זי געוויינלעך בכוח צו שפייזן און אָנצורעגן.

דער דאָזיקער חלוש מיט אַן אומאויסשעפּלעכער שפע פון אימאַזש און מיט אַ ניט־דערגרונטעוועטער אינטענסיווקייט פון ווילן פאַרמאָגט אַ פּנים וואָס „האָט מעגלעך געקענט זיין דאָס פּנים פון אַ נביא אין גלות אָדער פון אַ יידישן פאָעט אין מיטלאַלטער".

מרדכי עזרא איז אַ זעלישע קאָמבינאַציע פון עקסטאַז און פּאַ־טאָס, פון קלאָרזעעוודיקייט און גלויבן, ער אַנאַליזירט שאַרף און אומרחמנותדיק דעם יידנס קעגנוואָרט און ער פיבערט מיט אידעאַליזם פאַר זיין צוקונפט. ער האָט אַ פיזישע דירעקטע באַציאונג צו די יידישע דורות וואָס זיינען פאַרגאַנגען, און ער איז היימיש אין דער מיט פון די טויטע מאַרטירערס און קדושים, ווייל ער פילט זיך זעליש דער־וואַקסן צו זיין גלייך מיט זיי אין פרט פון מעשים און פון ווערטער.

ווען דעראָנדאָ פרעגט אים פאַרוואָס ער האָט געשריבן נאָר לשון־קודש, ענטפערט מרדכי עזרא מיט ווערטער, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלטן זיי מן־הסתם געקלונגען פּאַטעטיש און מליצהדיק, אָבער פון זיין מויל קומען זיי אַרויס מיט אַזא פשטות און זעלבסטפאַרשטענדלעכ־קייט, גלייך עס זאָל זיך האַנדלען ניט וועגן אַ באַגעגעניש פון צוויי וועלטן איבער די טויערן פון דערפאַרונג, נאָר וועגן עפּעס אַ זאַכלעכן ענין פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

— איך האָב געשריבן בלויז לשון־קודש — זאָגט מרדכי עזרא — ווייל איך האָב אַרום מיר געפילט די גאַנצע גאַלעריע פון די גרויסע טויטע. די מאַרטירערס האָבן זיך צונויפגענומען און זיך איינגע־הערט.

און עס איז זיך ווערט צוצוהערן צו מרדכי עזראן. ער פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע, אַ מיטרייסנדיקע באַרעדעוודיקייט. „מרדכי עזראס עלאָק־ווענץ, דריקט זיך אויס איינער אַן ענגלישער קריטיקער, איז אומ־פאַרגלייכלעך אין דער ענגלישער ליטעראַטור זינט דער איבערזעצונג פון די נביאים אויף דער שפּראַך פון שעקספּירן". איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן דעם קריטיקערס זאָג, אָבער עס ווילט זיך מיר גלויבן, אַז ער איז קרוב לאמת, וואָרעם די געשטאַלטערין פון מרדכי עזראן האָט געהאַט די כוונה, אַז איר העלדס קראַפט פון רעדן זאָל סימבאָליזירן ניט פערזענלעכע באַרעדעוודיקייט, נאָר די עלאָק־ווענץ פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ליידט און וויל איבערצייגן אַ וועלט, אַז זיין באַנייטע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ קען נאָר זיין אַ טובה און אַ גע־ווינס פאַר דער מענטשהייט.

מען האָט דאָס געפיל, אַז די באַרימטע ענגלישע שרייבערין האָט אין איר גרעסטער און לעצטער דערציילונג, „דניאל דעראָנדאָ", גע־

מאַכט דעם העכסטן אָנשטרענג פון טאַלענט און געשטאַלטונגס־קראַפט, כדי צו באַשאַפן די פיגור מרדכי עזרא, וואָס זאָל מיט איר שוואַכן גוף און ברויזיק־שטורמישער נשמה זיך קענען דערהויבן איבער אַלע גרויסע און קליינע פאַרשוינען פון איר ברייט־פאַרצווייגטן ראָמאַן.

מרדכי עזרא — דער סימבאָל פון דער גאַנצער אומה, פון דעם פאָלקס ליידן און פון דעם פאָלקס גרויסן קרעאַטיוון כוח — דערזעט און דערפילט אין דער פון יידישקייט אָפּגעפרעמדטער און דאָך יידיש־קיניגלעכער געשטאַלט פון דניאל דעראָנדאַ, דעם פירער, וואָס דאָס פאָלק דאַרף אים האָבן און וואָס דער נוטה למות, קוקט זיך אויס די אויגן אויף אים. ניט זיינע אידעען האָבן הערצלען געמאַכט פאַר דעם אויסגעחלומטן יידישן פירער. די אידעען האָבן עקזיסטירט פאַר אים. זיי האָבן עקזיסט־ירט און זיינען פאַר אים בעסער און טיפער פאָרמו־לירט געוואָרן. הערצל איז דאָס וואָס ער איז פאַר דער בענקשאַפט און פאַר דער פאַנטאַזיע פון אַ פאָלק בלויז דורך זיין געשטאַלט, בלויז דורך זיין איינמאַליקער פערזענלעכקייט.

דעם דאָזיקן פאַקט פון אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער האָט דער געשטאַלטערישער געניוס פון דזשאָרדזש עליאָט אויפגעכאַפּט און איינגעוועבט אין דער דעראָנדאַ־פיגור, וואָס פאַר מיר איז זי די וואונדערלעכע און אומהיימלעכע הערצל־וויזיע.

ביידע, דעראָנדאָן און מרדכי עזראן, האָט דזשאָרדזש עליאָט גע־מאַכט פאַר זין פון אַקטיאָרן. מרדכי עזראס טאַטע איז עפּעס אַ וואַנ־דערנדיקער יידישער אַקטיאָר און דער טראָפּ איז דאָ צו לייגן אויף „וואַנדערנדיקער”, וואָרעם דערמיט ווערט צוגעגעבן נאָך אַ שטריך און אַן עסענציעלער שטריך צו דער געשטאַלט פון מרדכי עזראן, וואָס סימבאָליזיר־ט דעם גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו.

דעראָנדאָ איז דער זון פון אַ באַרימטער פרימאַדאָנע, וואָס, ווי זי דערציילט אַליין, האָט אַ לעבנלאַנג פיינט געהאַט אין זיך און אַרום זיך איר יידישן אָפּשטאַם. זי האָט דערפאַר נאָכן פריצייטיקן טויט פון איר מאַן חתונה געהאַט מיט אַ דייטשן פרינץ און האָט אַוועקגעגעבן איר זון דניאל צו אַ באַפריינדעטן ענגלישן אַריסטאָקראַט, ער זאָל אים דערציען ווי אַ קריסט. ערשט ביים סוף פון איר לעבן דערוואַכט איר געוויסן און זי שיקט נאָך דעראָנדאָן און אַנטפּלעקט פאַר אים

דעם סוד פון זיין יידישקייט. וואָס שייך דעם פאַקט פון דעראַנדאַס אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם, איז דער אַקצענט צו לייגן אויף דער אָפּ־געפרעמדקייט.

די אָפּגעפרעמדקייט איז מוסיף צום אַרעאַל אַרום דער געשטאַלט פון דעראַנדאַן. די פרעמדע דערציאונג האָט מעגלעך געמאַכט אַז דע־ראַנדאַ זאָל אין זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפנעמען געוויסע זע־לישע עלעמענטן וואָס באַרייכערן זיין פערזענלעכקייט מיט די מעלות טובות פון צוויי קולטור־ראַסן.

דעראַנדאַ איז אַ ייד לויט זיין אָפּשטאַם און אַן ענגלענדער לויט זיין דערציאונג. ער איז אַ יידישער טרוימער און אַן ענגלישער די־פּלאָמאַט. ער איז הייס־יידיש פאַרטאָן אין די אידעען פון זיין פריינט מרדכי עזרא, וואָס זיינען איצט שוין אויך זיינע אייגענע חלומות, אָבער דאָס ענגלישע, דאָס „דיפּלאָמאַטישע" פון זיין דערציאונג האַלט אָן פאַר אים אַ געוויסע קיל־סקעפּטישע דיסטאַנץ צו די טרוימען און גיט אים די מעגלעכקייט „אויב מען מוז" זיי רעאַליסטיש צו קאָרעקטירן.

און דאָס דאָזיקע פינטעלע פון דיפּלאָמאַטיע און אָפּגעפרעמדקייט אין דעראַנדאַס געמיט האָט אפשר טאַקע געהאַט — רעדנדיק מיטן לשון פון אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער — דעם כוח צו עפענען אַ צייטווייליק שפּעלטעלע פון אוגאַנדע אין דעם אַלטן און סאָלידן חלום וועגן לאַנד און פאָלק.

אָבער מנצח געווען האָט דער אַלטער און סאָלידער חלום פונעם קראַנקן און עקסטאַטישן מרדכי עזרא. דעראַנדאַ האָט זיך ניט בלויז פאַרקנסט מיט מרדכי עזראס אידעאַל נאָר ער איז אויך באַצויבערט געוואָרן פון זיין שוועסטערס שיינקייט און האָט דורך איר פונדאַסניי זיך גופיש באַהעפט מיטן פאָלק ישראל.

אינאיינעם מיט מיראַ לפּידות, דער טאָכטער פונעם תחום המושב, האָט זיך דניאל דעראַנדאַ קודם אונטער הונדערטער און דערנאָך אונ־טער טויזנטער געמען פון אָפּגעפרעמדטע, וואַנדערנדיקע און פון אַלע מערבדיקע קולטור־לענדער קוים דערוואַנדערטע יידן געשטעלט בויען אַ נייַ יידיש לעבן אין ארץ ישראל.

(1942)

דער מערדער פון גראַף שטירק

אינאײנעם מיט טויזנטער אַנדערע ייִדן בין איך געגאַנגען אין קאַרנעגי־האָל מקבל פּנים זײַן די גרופּע סאָציאַליסטישע גדולים פון אײראָפּע, וואָס האָבן זיך אַ דאַנק דער השתדלות און הילף פונעם ניו־יאָרקער ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט אַרויסגעראַטעוועט פון היט־לערס גיהינום־לענדער און זײַנען בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

דער זאַל איז איבערגעפּאַקט און די אויגן פון די פאַרזאַמלטע זײַ־נען אָנגעשטעלט מיט נײַגיר און מיט באַוואונדערונג צו דער טריבונע וואו ס׳זיצן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַרימטקייטן.

איעדער האָט זיך זײַן העלד אויף דער טריבונע. מײַן העלד — אָט זיצט ער גאַנץ פאָרנט, דער ערשטער פון רעכטס לעבן פאָרזיצער. איך זע אים צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן.

דער פאָרזיצער האָט אויפגערופן דעם נאָמען: פרידריך אַדלער, גענעראַל - סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. איך שטרענג אָן מײַן אויער: וועל איך אין אַדלערס איצטיקע ווערטער דער־הערן עפּעס פון יענער אויסטערלישער רעדע זײַנער וואָס איך און מײַן גאַנצער דור פון עסטרײַכיש־ייִדישער יוגנט האָבן מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געלערנט אויף אויסנווייניק. גאָרנישט איז צו מיר נישט דערגאַנגען פון אַדלערס איצטיקע רייד, וואָס זאָל זײַן ענלעך צו יענע ווערטער, נײַן, זאָל כאַפּן בלויז דעם אָנבליק פון יענע הייס־אָטעמדיקע ווערטער, וואָס האָבן דעמאָלט מיט אַ קנאַפּן פערטל יאָר־הונדערט צוריק העל געצונדן אונזער יוגנטלעכע באַגײַסטערונג און אונדזער טרוים.

עמאָציאָנירט האָט מיך בלויז אַדלערס פיזישע געשטאַלט. אַ שברי־כלידיקער גוף פון אַ פרומען ייִדישן אַפּיקורס. אין די אויגן — אַ פאַ־

באַטישער בליק וואָס פלאַמט מיט גרייטקייט צו קידוש־השם. אין די הענט וואָס פליען ישיבה־בחוריש אַרום ביים רעדן, ציטערט די נער־וועאישקייט פון אַ בן־תורה, אַ גריבלער. איר קענט שווערן אַז אַזעלכע הענט קאָנען נישט אַנרירן קיין פליג אויף דער וואַנט.

אַזוי זעט אויס דער מענטש, וואָס האָט נאָך שווערע זעלישע מאַטערנישן אויף זיך גענומען דעם ביטערן גורל צו זיין אַ הורג־נפש. פרידריך אַדלער האָט מיט 25 יאָר צוריק, גענויער: דעם 21טן אָקטאָ־בער, 1916, דערשאָסן דעם עסטרייכישן פרעמיער גראַף שטירק.

עס איז געווען אין די טראַנשייען אויפן פראָנט אין איטאַליע, אויף די הויכע בערג פאַזע דעם טייך איסאַנצאַ.

חברים וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אורלויב פון ווין האָבן אונדז געבראַכט די רעדע מיט וועלכער פרידריך אַדלער האָט זיך פאַרטיידיקט פאַרן ספּעציעלן ווינער מיליטער־געריכט אין די טעג פון 18טן און 19טן מאַי 1917. זיי האָבן אונדז דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר מיט די העקטאָגראַפירטע אותיות מיט שטילע, סודותדיקע וואונקען וועגן אַ געשעענעם וואונדער און אויפגעלויכטענעם צייכן.

יונגע מענטשן מיט געוואַלט אַרויסגעריסענע פון היים און שול לעבן ווי די חיות אין נאַסע שטיינערנע קאַווערנעס אונטערן מאַנטע סאַנטאַ און מאַנטע גאַבריעלע. וואָס נענטער און לענגער עס הויכט איבער זיי דער טויט, אַלץ מערער האַסן זיי אים, אַלץ שטאַרקער און עקשנות־דיקער ווערט אין זיי דער פאַרדראָס קעגן זיין אומזיניקייט. אַ טעמפּע גאַווהדיקע בענקשאַפט נאָך לעבן באַפאַלט יעדן טאָג אויפסניי די יונגע איינוואוינערס פון דער קאַווערנע און פאַרטיפט די רוגזה און די שנאה צום טויט.

פאַראַן אָבער מינוטן ווען עפּעס אַ גריבלער, אַ מעלאַנכאָליקער פון צווישן די יונגע לעבנס־בעלי־גאווהניקעס גיט אַ פרעג: טאָקע נישט פאַראַן גאָרנישט וואָס קאָן שאַפן אַ מער פריינטלעכע באַציאונג צום מלאך המות? טאָקע נישט פאַראַן גאָרנישט וואָס קאָן איבערבעטן מיט אים אַפילו יונגע מענטשן? אפשר איז דאָס העסלעכע און אומסימפּאַ־טישע אין טויט בלויז דאָס וואָס ער קומט אָן אומגעבעטענער? אפשר

קאָן מען אים ליב באַקומען ווען מען פאַרבעט אים אַליין, פון אייגענעם פרייען ווילן?

זאָגט פרידריך אַדלער צו זיינע ריכטער און ענטפערט אויף די פראַגעס פון די יונגע גריבלערס אין די טראַנשייען ביים איסאָנצאָ: „איך גלויב, אַז איך האָב עס שוין געזאָגט בעת דער אויספאָרשונג, אַז איך בין ניט קיין פעסימיסט, ניט קיין פאַראַכטער פון לעבן און אַז איך האָב אַלעמאָל געגלויבט, אַז ס׳איז מעגלעך אַז איך זאָל נאָך דערלעבן אַ סך גליק. די סיטואַציע איז ניט געווען אַזוי, אַז איך זאָל געוואָלט ווען וועלן אַוועקוואַרפן דאָס לעבן. דערפון איז ניט געווען קיין רייד. דער ווירקלעך מאַסגיביקער מאָמענט פאַר מיר אין יענעם 21טן אָקטאָבער 1916, איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז איך פאַרענדיק דערמיט מיין לעבן; איך בין דערין געווען מער ווי זיכער. איך האָב ניט געגלויבט, אַז איך וועל פאַר אייך נאָך היינט שטיין אַ לעבעדיקער. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך זיין טויט!״

אָט איז בכן אַ מענטש אַ יונגער. ער איז אַלט ניט מער ווי 37 יאָר. ער איז דער זון פון אַ באַרימטן טאַטע. אַליין אַ ראַפינירטער אינטעליגענט, וואָס עס דערוואַרט אים אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע קאַריערע און אַ שיינע פּאָליטישע צוקונפט און פונדעסטוועגן האָט ער געשלאָסן פריינטשאַפט מיטן טויט, אים אַליין פון פרייען ווילן פאַרבעטן צו קומען.

וואָס זשע באַרעכטיקט דעם טויט אין אַדלערס אויגן? מיר אין די טראַנשייען, די ייִנגסטע צווישן די יונגע, די 20־יאָריקע, האָבן אויפגעהאָרכט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. אין דעם העקטאָגראַפירטן פּאַפּיר איז געשטאַנען געשריבן לאמר: איך האָב די פליכט זיך איינצושטעלן פאַר מיינע איבערצייגונגען, וואָס זיינען פאַר מיר אַ פיל וועזנטלעכער ענין איידער די פראַגע צי וועט מען אין עסטרייך בעת דער מלחמה אויפהענגען מער אָדער ווייניקער אַ מענטש״

... מיין טאַט איז געווען אַ סימבאָלישע, זי איז געווען אַ משל. זי האָט געזאָלט ווייזן דער מאַסע, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן אין גרויסן סטיל און מיט אמתן דערפאָלג; זי האָט געזאָלט ווייזן אַז מען מוז איינשטעלן דאָס פערזענלעכע לעבן פאַר די אייגענע איבערצייגונגען; זי

האט געזאלט ווי'זן אז הגם מען דארף ניט פראוואצירן קרבנות, מוז מען תמיד זיין גרייט צו קרבנות פאר די אייגענע צילן".

לייענענדיק די דאזיקע איינדרינגלעך פשוטע שורות פון א מענטשן וואס איז פארמשפט געווארן צום טויט (אדלער איז באגנאדיקט געווארן צו 18 יאר תפיסה און דערנאך, נאכן אויסברוך פון דער רעוואלוציע אינגאנצן באפרייט געווארן) האבן מיר יונגע בחורים, קוים אנטרונען פון חדר, פון גימנאזיע און פון געהיימע "קרייזלעך פאר יידישע געשיכטע און ארץ־ישראל־קענטעניש" דערפילט אין זיי דעם הייסן קידוש־השם־אטעם פון די עשרה הרוגי מלכות.

אט אזוי ווי דער געלערנטער פיזיקער און רעוואלוציאנער אדלער האט גערעדט צו זיינע מיליטערישע ריכטער אין ווין, אט אזוי האט אויך געקענט ריידן דער גרויסער געלערנטער און רעוואלוציאנער עקיבא בן יוסף ווען די רוימער זאלן מיט אים געווען פארפירן דעם ספעקטאקל פון געריכט. אוודאי האט אונדז, געבוירענע נאציאנאליסטן, געשטערט, שטארק געשטערט, וואס דער ייד פרידריך אדלער דערקלערט זיך באגלייך מיט זיין בארימטן טאטן וויקטאר אדלער פאר א קאנפעסיאנלאזן דייטש. אבער וואס דער רעדער זאל נישט וועלן זיין, זיין רעדע פון 18טן מאי, 1917, האט פאר אונדז געהאט אלע טעמים פון געשמאקער נביאישער און תנאישער יידישקייט, נישט אנדערש ווי דעם משומד היינריך היינעס געזאנגען וועגן ר' יהודה הלוי און דער פרינצעסין שבת.

עס וועט קלינגען פאראדאקסיש ווען איך וועל דערציילן, אז הגם א סך פון יענעם דור זיינען דורך אדלערס רעדע געקומען צום סאציאליזם, זיינען נאך מער און דווקא די אסימילירטע פון יענער גענעראציע איבער די הייסע סטעזשקעס פון אדלערס יידישן פאטאס צוריקגעגאנגען צו יידישקייט. עס האט זיך דא צום אזויפילטן מאל באשטעטיקט דער פסיכאלאגישער פאקט, אז דער כוח פון השפעה און שעפערישקייט ליגט ווייניקער אין דער אידעע און מער אין איר מענטשלעכן טרעגער, ווייניקער אין דער חריפותדיקער פארמולירונג פונעם אידעאל און מער אין דעם פלאטער פון ווארעמקייט מיט וועלכן ער קען ריידן צום מענטשלעכן געמיט.

דר. פרידריך אדלער, דער שארפער מארקסיסטישער פארמו־

לירער פון אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט מיט דער יידישער קידוש־השם־ליידנשאַפט מיט וועלכער ער האָט פאַרטיידיקט זיינע אינטערנאַציאָ־נאַליסטישע פאָרמולעס, געוועקט דאָס יידישע געמיט פון אַסימילירטע בחורים און זיי געפירט אויפן וועג פון נאַציאָנאַליזם. אין דעם פרט האָט אַדלער זיכער געזינדיקט קעגן זיינע איבערצייגונגען, געזינדיקט, הגם ער איז תמיד גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זיי.

אַ טרייסט קאָן פאַר אים זיין דער פאַקט וואָס נאָך מער פון אים אַליין האָט קעגן די פאָרמולעס פון אינטערנאַציאָנאַליזם געזינדיקט די געשיכטע. זי האָט זיי נישקשהדיק אָפּגעפרעגט.

„פונקט אַזוי — האָט אַדלער מיט אומפּשרהדיקן פּאַנאַטיזם פאָר־מולירט זיין קרעדאָ פאַר די מיליטערישע ריכטער אין ווין — ווי מען קאָן נישט גלייכצייטיק שטיין אויף דער ערד און אויף דער זון און מען מוז וויילן צווישן אָט די צוויי שטאַנדפּונקטן, פונקט אַזוי קען מען ניט גלייכצייטיק שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער איינהייט פון פאַרשיידענע קלאַסן און אויפן שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פון אַ קלאַס, פון דעם אַרבייטער־קלאַס. אויך דאָ מוז מען וויילן".

מיר, יונגע זעלנער אין די טראַנשייען אויפן איטאַליענישן פראָנט, האָבן נישט געקאָנט וויילן צווישן צוויי זאַכן וואָס זיינען ביידע געווען אייגענע. צו אונדז האָבן וועליש געהערט אי דער כלל ישראל און אי דער סאָציאַלער אידעאַל פון דער מענטשהייט. פאַר אונדז אין דער וואָר פון אונדזער געמיט איז סאָציאַלע באַפרייאונג און יידישער אויפלעב געווען איין לעבעדיקער איינס.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט איז פרידריך אַדלער קיינמאָל ענפנט־לעך נישט אָפּגעגאַנגען, נישט בכתב און נישט בעל פה, פון יענעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן קרעדאָ זיינעם וועלכן ער האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אַזוי שאַרף און קאַטעגאָריש פאָרמולירט פאַר די מיליטערישע ריכטער אין ווין.

אָבער מיט חדשים נאָך דעם קבלת פנים אין קאַרנעגי האָל האָב

איך אַדלערן געהערט רעדן צום צווייטן מאָל ביי דער לוויה פונעם בונדישן פירער נח און —

דער פאַרטרעטער פון דער פּ. פּ. ס., מאַלינאָווסקי, האָט אין זיין הספד געהאַלטן אין איין רעדן וועגן פאַרשטאָרבענעם ווי וועגן דעם „טאָוואַזשיש יוזעף" און אַדלער האָט פאַרקערט נישט אויפגעהערט איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַלעמאָל אונטערצושטרייכן יוזעפס יידישן פּאַרטיי־נאָמען „נח". מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַדלער צערטלט דעם יידישן נאָמען מיט עפּעס אַ באַזונדערער וואַרעמקייט און שפּאַרט אויף אים אָן זיין געבראָכן געמיט.

מיר האָט זיך געדאַכט אַז מיט „נח" און אַליין נאָכאַמאָל און אַליין וואַרעמער „נח" רעדט אַדלער אויף צוריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר צו אונדז גאַליציש־יידישע זעלנער אויפן איטאַליענישן פראָנט און זאָגט אונדז: איר זענט געווען און זענט געבליבן גערעכט וואָרעם דער אידעאַל פון מענטשנס גאולה איז אומצעטיילט, ער איז ווי גאָט — אחד.

איך ווייס נישט ווי אַזוי, אָבער אַדלערס „נח" האָט אין מיר גע־וועקט די אַסאָציאַציע צו לייבושל, דעם בלינדנס „ברוך שאמר". לייבושל, דער סגי נהור פון קאָלאָמייער ר' איציקל שולעכן, האָט בעתן דאַוונען זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די צוויי ווערטער „ברוך שאמר". ער האָט זיי געהאַלטן אין איין איבערחזרן און זיך איבער זיי מיט בענקשאַפט געצויגן צו גאָט ברוך הוא. אַדלער האָט אין זיין הספד געחזרט און געצערטלט דעם נאָמען „נח" און דאָס וואָרט האָט אין זיין מויל געגליט מיט „על חטא", מיט חרטה און מיט — בענקשאַפט צו זיינע יידישע זיידעס.

אַזוי האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט. אַזוי בין איך דעמאָלט זי־כער געווען. איך האָב אין יענעם מאָמענט געפילט צו אַדלערן די־זעלבע נשמה־נאָענטשאַפט ווי אין די טעג פון זומער 1917, ווען איך האָב אין די טראַנשייען געלייענט זיין רעדע צו די ווינער ריכטער.

(1942)

צווי דייטשע יידן

רודאָלף ברייטשייד און רודאָלף הילפערדינג זיינען געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע פירער אין דער דייטשער רעפּובליק. ברייטשייד — לאַנגע יאָרן דער פאָרזיצער און וואָרט־זאָגער פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין רייכסטאַג; הילפערדינג — דער אָנ־געזעענער מאַרקסיסטישער שריפטשטעלער און צוויי מאָל פינאַנץ־מי־ניסטער.

ביידע זיינען זיי געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר היטלערס צאָרן קודם אין טשעכיע און דערנאָך אין פראַנקרייך און ביידע האָט פּעטען, דער אַלטער מערדער פון ווישי איבערגעענטפערט דאָ אָנומלט צו די בלוטיקע הענט פון די נאַצישע געהיים־פּאָליציסטן.

ביז צו דער שוועל פון דער געסטאַפּאָ איז די זינד פון ביידע רודאָלפס קעגן די נאַציס געווען איין און די זעלביקע. זייער „פאַרברעך" האָט געהאַט איין און די זעלביקע וואָג.

אָבער אַז עס איז געקומען צו דעם מאָמענט ווען היטלער האָט גענומען אויסטיילן די שטראָף פאַר זייערע „פאַרברעכנס" האָט די „גערעכטיקייט" די רודאָלפס פאַנאַנדערגעשיידט: רודאָלף ברייטשייד איז פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה און רודאָלף הילפערדינג איז אי־בערגעענפערט געוואָרן צום טויט.

פאַרוואָס די אומגלייכקייט אין זייער שטראָף? — דאָס האָט ביי אַן ענלעכן פאַל פון אומגלייכקייט זייער גוט פאַרטייטשט אויף זיין שטייגער מיט אַ טרויעריק חכמהלע דער גייסטרייכער יידיש־רומע־נישער שרייבער ה. סט. שטרייטמאַן.

עס איז געווען תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. רומעניע

האָט געהאַט „געוואונען" דעם קריג אויף דער זײט פון די מערב־מלוכות און די מיליטער־געריכטן האָבן געמשפּט און געשטראָפט אַלע וואָס האָבן זיך אַקטיוו אָריענטירט אויף דײטשלאַנד. אַ גרופּע זשורנאַליסטן, צווישן זײ רומענער און ײדן, איז געשטאַנען פאַרן געריכט אונטער דער באַשולדיקונג אַז זײ האָבן געפירט אַנטי־קריג־פּראָפּאַגאַנדע און האָבן געוואָלט „פאַרקויפן" דאָס לאַנד צו די דײטשן. די מיליטערישע ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן זײער אורטײל: זײ האָבן פאַרמשפּט די רומענישע זשורנאַליסטן צו פינף יאָר תּפיסה און זײערע ײדישע קאָלעגן צו טאָפּלט אַזוי פיל יאָרן.

די ײדישע טישן אין קאַפע־הויז האָבן געשטורעמט פאַר צאָרן — סטײטש דער זעלביקער חטא און צװײערלײ שטראָף? דעמאָלט האָט עס דער קלוגער שטרײטמאַן זיך אָנגענומען פאַר די מיליטערישע געריכטן און געגעבן צו פאַרשטײן דעם שכל פון זײער פּסק.

„וואָס חידושט איר אײַך, גראַבע קעפּ?" — האָט ער זיך געווענדט צו זײנע קאָלעגן וואָס זײנען געווען אַזוי געטראָפן אין זײער גערעכטיקײט־געפיל — „די ײדן איז געקומען אַ טאָפּלטע שטראָף, וואָרעם זײער חטא איז דאָך געווען אַ צווײענדיקער: לאָ די וואָס זײ האָבן געוואָלט גלײַך מיט די רומענער פאַרקויפן דאָס לאַנד, זײנען זײ נאָך דערצו געווען אויך שווינדלערס. וואָרעם זײ האָבן געוואָלט פאַרקויפן אַ לאַנד וואָס איז נישט זײערס"...

אַוודאי האָבן די נאַציס האַרבער באַשטראָפט הילפערדינגן דערפאַר, וואָס ער איז אין זײערע אויגן געווען טאָפּלט מער זינדיק פון ברײטשײדן. הילפערדינג איז ניט בלויז געווען אַ סאָציאַליסט, נאָר אויך אַ ײד.

אַ סאָציאַליסט איז ער געווען אַן אַקטיווער, אַן אָפענער און אַ שטאָלצער. אַ ײד — אַ פּאַסיווער, אַ פאַרבאָרגענער און אַ שעמעוודיקער. פאַר זײן סאָציאַליזם האָבן עדות געזאָגט זײנע ביכער, זײנע רעדעס און זײן גאַנץ לעבן. פון זײן ײדישקײט האָט די עפנטלעכקײט ניט געוואוסט, אָבער אַפילו אין זײן, פּריוואַטער ביאָגראַפיע האָט מען קוים געקאָנט געפינען אַן אָנווײז אויפן פּינטעלע ײד. הילפערדינג איז געבוירן געוואָרן אין ווין און האָט דאָרט אָנגעהויבן זײן סאָציאַליסטישע אַרבעט. און אַ סאָציאַליסטישער ײד על־פּי נוסח ווין איז אַפילו

נישט געווען קיין דייטש פון מאַזאַאישן גלויבן, נאָר בלויז אַ קאָנ־פעסיאָנסלאָזער דייטש.

וואָלט אָט די שעמעוודיקע אויף זיבן שלעסער פאַרשלאָסענע יידישקייט פון אַ הילפערדינג געווען בלויז פאַר די נאַציס, — איך מיין, בלויז פאַר די טעאָרעטיקער און כוליגאַנעס פון דער „ראַסנריינקייט", — אַ חטא, פאַר וועלכן מען איז חיב מיתה, וואָלט איך דאָ דעם פאַקט פון טאָפּלטן שטראָף ניט דערמאָנט; אָבער פאַר דער זינד פון יידישן אָפּשטאַם האָבן יידישע פּאָליטיקער אויך אין די פופצן יאָר פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק באַצאָלט אָפּט, זייער אָפּט, מיטן לעבן. דייטשע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן האָט מען אַטאַקירט און געוואָרפן אין תפיסה, יידישע האָט מען געמאָרדעט. דייטשע מיניסטאָרן האָט מען קריטיקירט און געזידלט, יידישע האָט מען געשאָסן.

אָנהויבנדיק פון דער געניאַלער ראָזע לוקסעמבורג, וועלכער איז געווען דער ערשטער קרבן פון צווישן די פירנדיקע יידישע פּאָליטיקער אין דייטשלאַנד איבער דעם פינקעלדיקן ליטעראַט, קורט אייזנער, אי־בער דעם אידעלן בעל־חלומות, גוסטאַוו לאַנדאַוער, און איבער דעם סאָלידן סאָציאַליסטישן פּראַקטיקער, הוגאָ האַזע, ציט זיך די קייט פון הריגות צו די צוויי יידישע מיניסטאָרן פון דער דייטשער רעפּובליק: צו וואָלטער ראַטענוי און צו רודאָלף הילפערדינג.

וואָלטער ראַטענאַו און רודאָלף הילפערדינג — פון די צוויי איז ראַטענאַו בלי שום ספק דער זעליש קאָמפּליצירטערער, דער יידיש אינטערעסאַנטערער און דער מענטשלעך פּאַטעטישערער. דער עיקרשט אין פרט פון יידישקייט פאַרכאַפּט עס ממש דעם אָטעם זיך צוצוהערן און צוצוקוקן צו דעם דראַמאַטישן געראַנגל, וואָס עס פירט מיט זיך און מיט זיין יידיש פאָלק דער זון פון איינעם פון די סאַמע רייכסטע אינדוסטריע־מאַגנאַטן אין דייטשלאַנד.

הילפערדינגן פאַרשאַפט ניט זיין יידישקייט קיין נשמה־קלעמע־ניש. ער איז אַ קלאָרער קאָפּ און אַ שאַרפזיניקער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער, וואָס איז געוואוינט אָפּצוראַמען אידעאישע מניעות אויפן וועג צום סאָציאַליזם מיטן כוח פון וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטס־פאָרמולעס. ער האָט ליב אַ ריינעם אינטעלעקטועלן טיש ביי זיך און ביי אַנדערע. ער האָט פיינט מיסטישע נאָכהענגסלעך ביי זיך אין האַרצן.

וואָס איז יידישער אָפּשטאַם? אַזוינס איז טעאָרעטיש נישטאָ. ס'איז נאָר פאַראַן אַ צוגעהעריקייט צו דעם אָדער יענעם קולטור־קרייז. ער, הילפּערדינג, פילט זיך איינס מיט דער דייטשער קולטור, ער איז בכן אַ דייטש. וואָס איז שייך ווידער רעליגיע, באַלאַנגט ער על־פּי איבער־ צייגונג ניט צו קיין שום קירך, ניט צו קיין קריסטלעכער און ניט צו קיין יידישער. ער איז אַ פריידענקער, ער איז קאָנפעסיאָנסלאָז. די ווּיסנשאַפטלעכע פאָרמולע איז בכן פאַראַן: קאָנפעסיאָנסלאָזער דייטש.

מעגלעך, אַז ראַטענאַו האָט טאַקע אין זינען געהאַט דעם מענטשן־ טיפּ פונעם מין הילפערדינג, ווען ער האָט אין זיינע רעפלעקסיעס וועגן דער מעכאַניזירונג פונעם גייסט איינגעטיילט די מענטשן אין אינטע־ לעקטועלע און נשמהדיקע. דער אינטעלעקטועלער פון דעם מין היל־ פערדינג, ווי ראַטענאַו האָט אים געזען, שפּרייזט מיילנווייז און מיט גרויס פלינקייט אויף די בלישטשענדיקע געלייזן פון זיין שכל, יאָגט זיך, פאַרשט, שפּיאָנירט אויס אַלע ווינקעלעך פון מענטשלעכן צונויפ־ לעב און טראָגט צונויף די טעאָרעמעס אויף אויסצובויען פון זיי אַ זי־ כערע דירה פון גליק פאַר דער מענטשהייט.

און דער נשמהדיקער מענטש לאַכט גאָר איבער דער שכלדיקער יאָגעניש און האָוועניש פונעם בעל־מוח, וואָרעם ער ווייס, אַז „מיר זיינען ניט פאַראַן אויף דער ערד נישט צוליב באַזיץ, נישט צוליב מאַכט, און אויך נישט צוליב גליק, נאָר מיר זיינען דאָ צו דערגיין צו דעם געטלעכן פונעם מענטשלעכן גייסט אַרויס“.

ראַטענאַו איז אַ חסידישע נאַטור. ער פירט מלחמה מיט זיך און מיט זיין יצר־הרע פון שכל, מיט זיין דייטשטום און מיט זיין יידישקייט, און וויל דערגיין צום געטלעכן דורך מענטשלעכן גייסט; הילפּערדינג איז אַ מתנגד, וואָס האָט זיך צונויפגעמייסטרעוועט אַ שולחן ערוך און קוקט אין אים אַריין, ווען ער וויל וויסן, ווי אַזוי ער און אַנדערע דאַרפן לעבן.

און פון ביידע אי פון הילפּערדינגן און אי פון ראַטענאַוען, הגם זיי זיינען ביידע פאַרטוענע רק, אַזוי צו זאָגן, אין בטלנישע ענינים, — דער ערשטער אין פראַגן פון גליק־טעאָריעס און דער צווייטער אין זיין אייגענער גאָט־באַדערפעניש, — מאָנט דער דור זייערער דווקא פּראַקטישע מעשים. הילפּערדינגן, וואָס איז נאָך קאַוטסקין דער טיפּס־

טער און פּראָדוקטיווסטער טעאָרעטיקער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, שטעלט די פּאַרטיי אַוועק צו אַזאַ פּראַקטישן שטיקל אַרבעט, ווי סטאַביליזירן די דייטשע וואַלוטע און ראַטעווען די מלוכה פון פינאַנציעלן באַנקראָט. די דייטשע מאַרק ווערט טאַקע סטאַביליזירט, אָבער הילפערדינגן צווינגט מען צו דעמיסיע איידער דאָס געשעט. ער אַרבעט בלויז אויס דעם פּלאַן און דערנאָך קומען די אמתע פּראַקטיקער און רעאַליסטן (דער דעמאָלטיקער דעמאָקראַט און שפּעטערער היטלעריסט, היאַלמאַר שאַכט, און דער דייטש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיקער, לוטער), און כאַפּן אויס די גלאָריע פון דער דורכפירונג פאַר זיך.

אין יאָר 1928 ווערט הילפערדינג צום צווייטן מאָל פינאַנץ־מיניסטער אין קאַבינעט פון דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער הערמאַן מילער. אויך דאָס מאָל האָט מען אויף דעם מחבר פון דעם באַרימטן ווערק „פינאַנץ־קאַפּיטאַל" אַרויפגעלייגט אַ נישקשהדיק שטיקל אַרבעט: ער זאָל ניט אַנדערש ווי פאַרמינערן דעם גוואַלדיקן דעפיציט אין דער מלוכה־קאַסע און אויסבאַלאַנסירן דעם בודזשעט. הילפערדינגס טעאָרעטישער פּלאַן איז ווי אַלע מאָל אַ קלאָרער. ער איז אויסגעאַרבעט ביז אין די קלענסטע פּרטים. און יעדער דעטאַל האָט זיין שורש אין סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך, וואָס דער מיניסטער איז, ווי געזאָגט, איינער פון זיינע מייסטערס און באַנייערס.

אָבער הילפערדינגס כוח ליגט, ווייזט אויס, נאָר אין דער טעאָריע. די פּראַקטישע מניעות פון ווידערשטאַנד מצד דער פּאָליטיק און סאַבאָטאַזש מצד די באַנקען קאָן ער ניט בייקומען. אים פעלט צו דער גרויסער טעאָריע די קראַפט פון גרויסער אָרגאַניזאַציע, און צו דעם שיינעם פּלאַן — דער כוח צו מיאוסער פּאָליטיק. הילפערדינג, דער מענטש פון קאַבינעט, וואָס קאָן ביי זיין שרייבטיש געדאַנקלעך אויפפלאַנטערן אַלע פאַרפלאָנטערנישן און אָפּפרעגן אַלע טענות, ווערט אין דעם געדראַנג פון טונקעלע קאַריערע־אינטערעסן און שאַרפע מאַכט־אַפּעטיטן אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. ער פאַרלירט זיך און געפינט נישט ניט דאָס ריכטיקע וואָרט און ניט דעם נויטיקן זשעסט אויף צו פאַרמעסטן זיך מיטן קעגנער. און נאָך עפּעס! דער גרויסער טעאָרעטיקער הילפערדינג האָט ניט דעם פּאָליטישן אינסטינקט פאַר דער

ווירקלעכקייט פון די מאַכט־פאַרהעלטענישן. האָט דערפאַר טאַקע זיין פאַרלאַמענטאַרישער געפעכט מיט די נאַציס ערב היטלערס קומען צו דער מאַכט געמוזט ווערן היפשלעך גראָטעסק. וואָרעם אויף די נאַצישע רייד, פון הינטער וועלכע ס׳האָבן געשפּאַרט גראָבע פויסטן, האָט היל־פערדינג געענטפערט מיט ווערטער אָנגעשפּאַרטע אויף דינער טעאָריע.

פאַרגעקומען איז דער געפעכט אין די טעג פון 10טן און 11טן מאַי, 1932. בכן ניט מער ווי אַכט חדשים פאַר יענעם טרויעריקן 30טן יאַנואַר, 1933, ווען דער אַלטער עובר־בטל׳ניק הינדענבורג האָט באַ־שטימט היטלערן פאַר רייכסקאַנצלער.

דעם צענטן מאַי איז אויף דער טריבונע געשטאַנען דער „בעס־טער קאָפּ״ פון די נאַציס, גרעגאָר שטראַסער, און האָט אויסגעשטו־רעמט מיט דונער און בליץ היטלערס רעגירונגס־פּראָגראַם. דעם 11טן מאַי איז אויף דער זעלבער טריבונע געשטאַנען דער בעסטער טעאָרעטיקער פון דער ס. ד. פּאַרטיי און געענטפערט שטראַסערן. אַלץ וואָס הילפער־דינג האָט צו זאָגן וועגן דער וויסנשאַפט פון סאָציאַליזם איז קלאָר, גרינטלעך און אויף אַלע הונדערט פּראָצענט טעאָרעטיש געשליפן און באַוואָרנט, אָבער וואָס ער האָט אַקעגנצושטעלן די נאַציס קעגן זייער פּאָליטיק פון מאָרד, שענדונג, שווינדל, גזילה, רציחה און אַלע אי־בעריקע גוטע זאַכן, וואָס שטייען ניט אין הסכם מיט די צען געבאָטן פון תורת־משה, דאָס קלינגט ניט אַנדערש ווי דאָס באַרימטע „שעמען זי זיך, הער קאָזאַק!״

אָט, למשל, איז איינער פון די פּסוקים, מיט וועל־כע הילפערדינג פאַרענדיקט זיין רעדע: „אויב איר רעדט קעגן ליבע־ראַליזם,״ ווענדט ער זיך צו די שוין דעמאָלט 107 נאַצישע דעפּוטאַטן, „דאַן זענט איר דאָך קעגן פּערזענלעכער פרייהייט, קעגן פּערזענלעכער זעלבסטבאַשטימונג און קעגן געוויסנפרייהייט״. דער טעאָרעטיקער, און איך וואָלט אין דעם פאַל געזאָגט, דער יידישער טעאָרעטיקער, וואַרפט זיך אויפן נאַצי מיט אַ בפירושן „עס שטייט אין דער גמרא״, דעמאָלט ווען אין שטראַסערס רייד ברענט שוין אייגנטלעך דער רייכס־טאָג, עס הערט זיך אַרויס די קאָמאַנדע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער און עס פּאָכעט היטלערס האַק קעגן אַלע „בעסטע קעפּ״ און אַפילו שוין קעגן שטראַסערן אַליין.

הילפּערדינג פֿאַרענדיקט זיין רעדע אַט ווי אַזוי: „איך לעבט (צו די נאַציס געווענדט) פֿון קריזיס און פֿון מוח־פֿאַרפּלאָנטעריש. מיר אַפּעלירן צום שכל און מיר זיינען זיכער, אַז מיר וועלן זיגן, ווייל גרויס איז די מאַכט פֿון אמת און ער וועט זיך דורכזעצן".

און דער מחבר פֿון „פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל" איז זיין לעבן־לאַנג גע־בליבן אַן אַפּעלירער נאָר צום שכל שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס זיין אמת איז געווען, אַזוי צו זאָגן, בלויז פֿון דער גמרא, בלויז אַ טעאָרע־טישער. וואָלט די גרויסע וואָרהייט פֿון סאָציאַליזם געווען פֿאַר אים ווייניקער וויסנשאַפֿטלעך קלאָר, אָבער דערפֿאַר געוואָרצלט ערגעץ־וואו אויך אין די טונקלקייטן פֿון זיין געמיט, וואָלט ער אפשר באַצייטנס ניט נאָר געזען די קאַטאַסטראָפֿע, נאָר אויך דערזען, אַז יידישקייט איז ניט עפּעס אַ שכלדיקע פֿאָרמולע, פֿון וועלכער מען קאָן זיך באַפֿרייען, נאָר אַ טיפֿע ירושה'דיקע נשמה־סובסטאַנץ, אין וועלכער ניט איין „קאָנ־פֿעסיאָנסלאָזער דייטש" קאָן אין אַ שעה פֿון חירום געפֿינען שוץ און טרייסט.

וואָלטער ראַטענאַוען איז זיכער ניט אַלץ אַזוי טעאָרעטיש קלאָר געווען ווי הילפּערדינגן. שוין דער סימבאָל פֿון זיין געבוירנטאָג איז אים אויסגעקומען אַ היפּש ביסל פֿאַרפּלאָנטערט. ער איז געבוירן גע־וואָרן דעם 29טן סעפּטעמבער, 1867, און יענער טאָג — דערציילט ער אַליין ערגעץ־וואו — איז לויטן יידישן קאַלענדאַר געווען ערב ראש־השנה און לויטן קריסטלעכן: זונטאָג און דער יום־טוב פֿונעם הייליקן מיכאַעל, וואָס איז ניט בלויז דער פּאַטראָן פֿון קריסטלעכע חיילות, נאָר אויך אַ באַזונדערער דייטשער פֿאָלקס־הייליקער. מיט אָט דעם פּלאָנטער פֿון סימבאָלן האָט ער זיך אַ לעבן־לאַנג געראַנגלט. קודם — ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַן ערך דרייסיק יאָר — דאַכט זיך אים, אַז דער ערב ראש־השנה איז דער פֿאַלשער סימבאָל, וואָס קערט זיך ניט אָן מיט זיין זונטיק און אַוודאי ניט מיט זיין דייטשן פֿאָלקס־היי־ליקן מיכאַעל. און דער פּרוסאַק אין אים, דער פֿאַרליבטער אין די קילע זאַמדן פֿון די בראַנדענבורגער געמאַרקן קאָן ניט פֿאַרטראָגן דעם אָריענ־טאַלישן טראָפּן בלוט אין זיך. ער שרייבט אין מאַקסימיליאַן האַרדענס

„צוקונפט" אַן אַרטיקל „הערע איזראַעל!" (הער זיך צו, ישראל!) און דער אַרטיקל, הגם ער גיט עצות דעם כלל־ישראל, איז ער אייגנט־לעך מער אַן אַנטיסעמיטישער אָנגעשריי אויף זיך אַליין, אויף ר׳ ישראל וואלטער ראַטענאַו. ער מוסרט די פון דורות אַסימילירטע דייטשע יידן, אַז זיי זיינען ניט גענוג פאַרדייטשט. זיי זיינען — טענהט ער — אַן אַזיאַטישע האָרדע אויפן זאַמד פון די געמאַרקן, זיי דרייען זיך אַרום שיפּע און געבויגענע אין מיטן פון אַ מיליטעריש־דערצויגענער ראַסע, זיי פּאַלן אויף מיט זייער פאַרפוץ און... (צאַרנט ראַטענוי אַ בייזע נבואה, וואָס איז לײדער מקויים געוואָרן). זיי אַנען ניט, אַז נאָר אַ דור, וועלכער האָט געפּענטעט אין זיך אַלע נאַטירלעכע כוחות, איז גע־ווען אימשטאַנד זיי צו באַשיצן אַקעגן אַלדאָס בייז, וואָס זייערע זיידעס האָבן געליטן.

ראַטענוי איז אין „הערע איזראַעל" אַ פּאַלנער יונקער, וואָס האָט אין זיך פיינט מיט הייס־יידישער שנאה אַלץ וואָס איז יידיש און אַלץ וואָס איז ניט הונדערט פּראָצענטיק פּרוסאַקיש. אים איז אַפילו שמד צו ווייניק. ווייל אויב די העלפט פון די דייטשע יידן זאָלן ווערן קריסטן, וועט אַנטשטיין אַן אַנטיסעמיטיזם קעגן משומדים. האָט ער זיך צוליב אָט דעם מאָטיוו זיינעם ניט געשמדט? קאָן זיין. אָבער זיכער איז, אַז באַנג געטאָן, וואָס ער איז דעמאָלט ניט געווען קאָנסעקווענט, האָט אים זיכער ניט. וואָרעם עטלעכע יאָר שפּעטער קויפט ער אויף די גאַנצע אויפלאַגע פון זיין ווערק „אימפּרעסיעס", אין וועלכן ער האָט אַריינ־גענומען דעם אומגליקלעך־פּרוסאַקישן אַרטיקל און פאַרניכטעט אַלע ביכער...

וואָס פאַר אַ מהלך פון יענע פּרוסאַקישע רייד צו דער טיפער דערקענטעניש, אַז דער האַס צו יידן איז דער האַס צו מענטשן אָנגע־ווענדט אויף יידן? און אַז ניט די געהאַסטע נאָר די האַסערס זיינען שול־דיק אין דער שנאה? און וואָס פאַר אַ ווייטער וועג איז פון זיך שיעור ניט שמדן ביז צו דער געוויסהייט אַז דער אמת־פרייער מענטש איז אויסגעפּולט פון קריסטלעכער ליבע און אמת־קריסטלעכע ליבע איז... יידיש? אויפן וועג צוריק צו יידישקייט און פאַראויס צו געראַנגל מיט דעם פּרוסאַקישן אין זיך האָט זיך ראַטענאַו באַגעגנט מיט דעם באַ־

רימטן יידיש־דייטשן פילאָסאָף קאָנסטאַנטין ברונער, מיט וועלכן עס האָט אים פאַרבונדן אַ יאָרנלאַנגע פריינטשאַפט און גייסטיקע געטריי־שאַפט.

ראַטענאַו איז באַגלייך מיט ברונערן נישט געוואָרן אויס אַסימי־לאַטאָר. אָבער איצט איז דער ערב ראש־השנה שוין ניט געווען עפּעס אַ פאַלש און פאַרבלאַנדזשעט פינטעלע אין דער סימבאָליק פון זיין געבוירנטאָג. ער איז איצט געווען דער געהיימנישפולער ירושהדיקער ניצוץ וואָס ראַטענאַו האָט אַריינגעטאָן אין זיין דייטשקייט כדי זי צו פאַר־גייסטיקן און זי צו פאַראיידעלן. ראש־השנה און דער יום־טוב פון דעם הייליקן מיכאַעל, די ביבל און די עוואַנגעליע, שפּינאָזע און געטע, זייער באַהעפטונג איז געוואָרן ניט נאָר זיין אייגענע זעלישע שטרעבונג, נאָר אויך זיין גייסטיקער לאָזונג פאַר יידן און דייטשן. אָט דער נאָר־וואָס דערמאָנטער סינטעז האָט געדאַרפט באַצייכענען דעם ווייטסטן מייל־שטיין אויף דעם לאַנגן וועג, וועלכן דער געשיכטלעכער מענטש האָט אָוועקגעשפּאַנט פון דעם פּרימיטיוון, פון דעם מענטש פון נעאַנדערטאַל.

אינמיטן פון אָט דעם טיפן גייסטיקן געראַנגל און וואונדערלעכן נשמה־אויפשטייג האָט זיין דור אַפּעלירט צו אים נאָך פּראַקטישע פּאָ־ליטישע מעשים, פונקט ווי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צו הילפער־דינגן. און עס איז אפשר מאָדנע, אָבער דאָך אמת. דער נשמהדיקער מענטש, „דער חסיד" ראַטענאַו איז געווען אַ סך מער פּראַקטיקער ווי דער אינטעלעקטועלער מענטש „דער מתנגד" הילפערדינג. ער האָט, קודם ווי דער מיניסטער פאַר אויפבוי אין קאַבינעט פון דעם קאַטאָ־ליקן־פירער ווירט און דערנאָך ווי דער אויסערן־מיניסטער אין דעם זעלביקן קאַבינעט, אַרויסבאַקומען גרויסע הנחות אין דער פראַגע פון רעפּאַראַציעס און האָט פאַקטיש צוגעגרייט דעם וועג פאַרן שפּעטערן לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך צווישן בריאַנען, טשעמבערלענען (אסטען) און שטרע־זעמאַנען. יעדער טאָג, יעדע שעה פון זיין מיניסטערשאַפט איז געווען אַ געווינס פאַר דייטשלאַנד און נוצלעך פאַרן וועלט־פרידן.

אָבער איבער די זאָמדן פון בראַנדענבורג האָט זיך שוין דעמאָלט פונקט ווי איצט, פונקט ווי אַלעמאָל געטראָגן דאָס געשפּענסט פונעם מענטש מיט אומגעהאָמעוועטע אינסטינקטן. עס האָט דעמאָלט ווי איצט

און ווי אַלעמאָל פונעם נעאַנדערטאָל געשפּאַרט דער אומגייסט פון גאווה און פון מאָרד וואָס האָט אַמאָל געהייסן אַזוי און אַמאָל אַנדערש און אין אונדזער צייט רופט מען אים נאַציזם און אָט דער דייטשער אומגייסט האָט אין אַלע צייטן געענטפערט אויף דעם קול יעקב פון די ראַטעגאַוס און די הילפערדינגס מיט ביקס און מיט תליה.

(1941)

בעלײשאַ און שינוועל

(צוויי ביאָגראַפּישע עפּיזאָדן)

1

דער קאָנסערוואַטיווער יונגער ספּאָרטסמאַן לעסליע האָר בע־לײשאַ, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין קריסטלעכן הויז פון זײַן שטיפ־טאַטן, האָט בלי שום ספק קײנמאָל ניט דערפילט אין זיך דעם זשום אַפילו פון אײן טראָפּן ייד׳יש בלוט. ער איז רײַך. ער האָט געענדיקט די אַלע שולן, וואָס אַן ענגלענדער מיט יחוס דאַרף ענדיקן. זײַנע חברים זײַנען פון קינדווײַז אָן געווען לאָרדישע קינדער, זײַן טעמפּע־ראַמענט, זײַנע געוואוינהייטן און זײַן שפּיל האָבן זיך מיט גאָרניט אָפּגעשײדט פון די לאָרדישע און די חלומות זײַנע וועגן אַ פּאָליטיש־אימפּעריאַלער קאַריערע זײַנען, פאַרשטײט זיך, אויך געווען גלײַך צו זײערע ווי אײן טראָפּן וואַסער צום אַנדערן.

און אַז ער האָט דערנאָך קלוג און דזשענטעלמעניש אויסגענוצט דעם פּאָליטישן קריזיס נאָכן פאַל פון דער צווייטער אַרבעטער־רעגירונג אין 1931 און זײַן פּאַרלאַמענטאַ־רישער אויפשטײַג איז אַוועק ווי אויף הייוון, האָט ער זיך דען געקענט דעמאָלט פאָרשטעלן, אַז די פּאָליטישע קאַריערע זײַנע וועט זיך אין אײן שײנעם ווינטער־טאָג נאָך אַ בליץ־לויף אַלץ אַרויף און אַרויף אין משך פון קנאַפּע ניין יאָר, פּלוצים אָפּשטעלן און ניט קאָנען גײן ווײַטער צוליב עפּעס אַ ירושה־פאַדעם, וואָס ניט ער זעט אים און ניט ער פילט אין זיך?

אַוודאי האָט בעלײשאַ געזען אין זײַן חלום נישט בלויז

ווי ער קומט אַרויף אויף דער פּאָליטישער סצענע אונטער דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן פונעם פּובליקום, נאָר ער האָט אויך אין זינען געהאַט אַ שײנעם אָפּגאַנג פון דער בינע, ווייל סצענעס מוזן זיך ענדיקן, כדי די העלדן זאָלן זיי אָנהויבן אויפסניי מיט נאָך מער אַפּלאָמב, מיט נאָך מער פּרעסטיזש און זיכערקייט. און די נויטיקע אָפּגאַנגען, האָט ער געטרוימט, וועלן זיין דראַמאַטיש אָנ־געלאָדענע און וועלן אים געבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן דעם גאַנצן כוח פון זיין טאַלאַנט. ער וועט קרייצן רעטאָרישע שווערדן מיט קעג־נערס וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן פון אימפּעריאַלער פּאָליטיק און וועט אַרויס צייטווייליק אַ באַזיגטער, אָבער אַ באַזיגטער, וואָס פּריינט וועלן אים אַנטקעגנשטורמען מיט פאַרערונג און קעגנער וועלן אים נאָכקוקן און ניט קאָנען באַהאַלטן זייער רעספּעקט.

דער חלום, וואָס ער האָט געחלומט, איז אין אַ געוויסער מאָס געווען פּסיכיש און אינטעלעקטועל באַרעכטיקט. אין די ליטעראַרישע פאַרטרעטן, צו וועלכע זיין גיכע פּאָליטישע קאַריערע און זיין מעכ־טיקע שטעלונג אין טשעמבערלען־קאַבינעט האָבן אָנגערעגט אַ סך שרייבער אין אַ סך שפּראַכן, ווערט כמעט דורכאויס אונטערגעשטראָכן בעלײשאס גרויסע רעדנערישע באַגאַבונג; זיין, אמת, ניט צו ראַפּי־נירטער, אָבער דערפאַר שאַרפער פאַרשטאַנד; זיין ניט איבעריק ווי־ציקע, אָבער שניידנדיק־קלוגע צונג און זיין קלאָרע און געזאַלבטע, הגם אַ ביסל קאַלטלעכע שטים.

אַפילו דער איינציקער קאָמוניסט אין ענגלישן פּאַר־לאַמענט, ווילי גאַלאַגער, האָט לויב־ווערטער פאַר בעליי־שאַס פעאיקייטן ווי אַ טעמפּעראַמענטפולער רעדנער און אומגע־ווײנלעך פעאיקער מיניסטער. דורך וואָס פאַר אַ מיניסטעריום בעלײשאַ איז ניט דורכגעגאַנגען האָט ער איבערגעלאָזט שטאַרקע שפּורן ווי אַ פאַרוואַלטער און רעפאָרמאַטאָר.

ווער האָט געקאָנט זיין בעלײשאס מאָדעל אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון זיין לאַנד? נו, זיכער ניט דער פאַרמער מיט דער ליולקע, סטענלי באָלדווין. און אויך ניט דער אייזן־סוחר מיטן שירעם, נעוויל טשעמבערלען. זיי זיינען געווען די פאַרקערפּערונג פון מיטלמעסיקייט און רוטין. בעלײשאס פאַנטאַזיע האָבן גערייצט דיזראַעלי און...

טשוירטשיל. ווי אַט די ביידע גרויסע געשטאַלטן פון דער אימפּע־ריאַלער פּאָליטיק האָט ער געשטרעבט צו אַ סינטעז פון שטרענגן קאָנסערוואַטיזם און דרייסטער רעפאָרמאַטאָרישקייט, פון קילער דזשענ־טעלמענישקייט און אימפּעטיקן דינאַמיזם און פון בלינדן טראַדיציאָ־נאַליזם מיט אַ פּאָליטישער ווייטזעעוודיקייט.

טשוירטשילן, נישט קיין אַנדערן ווי ווינסטאָן טשויר־טשילן, האָט דער יונגער קריגס־מיניסטער פון טשעמבער־לענס קאַבינעט נאָכגעטאָן, ווען ער האָט באַשלאָסן דורכ־צופירן די מיליטערישע שטאַבן, צו פּענסיאָנירן אַלטע, אומ־פעאיקע גענעראַלן און זיי צו פאַרבייטן מיט יינגערע אָפיצירן, וואָס זיינען געווען בעסער צוגעפּאַסט צו דער רעאָרגאַניזירטער אַרמיי. דער וועלט־קריג האָט געהאַלטן אין גענענען און איז דערנאָך אָנגע־קומען און לויט דעם געזעץ פון קאָנסקריפּציע האָט דער קריגס־מי־ניסטער געדאַרפט אויפשטעלן אַן אַרמיי, וואָס זאָל קאָנען ניט נאָר שיין פּאַראַדירן, נאָר אויך באַגעגענען דעם שונא. און דערצו האָט מען געדאַרפט אַ פעאיקן און אַן אַרבעט־פעאיקן גענעראַל־שטאַב.

בעליישאַ האָט דרייסט רעפאָרמירט. ער האָט געשניטן ביזן ביין אַריין. קאָן זיין, אַז דאָס גאַנצע לאַנד און אַפילו זיינע קאָנסערוואַטיווע רע־גירונגס־קאָלעגן וואָלטן פונדעסטוועגן געווען באַגייסטערט און געקלאַפּט בראַוואָ ווען... ווען די רעפאָרם וואָלט געווען דורכפירן, לאָמיר זאָגן, אַ טשוירטשיל און ניט בעליישאַ. פון אַ טשוירטשילן וואָלט זיך אפשר קיינער פון די אָוועקגעשיקטע ניט געווען אַזוי באַליידיקט, און אויב אַפילו יאָ, וואָלט ער קיין ברירה ניט געהאַט און געשוויגן. אָבער קעגן בעליישאַן האָט רעוואָלטירט דאָס בלויע לאַרדישע בלוט און עס האָט געזאָטן מיט אַזאַ כעס וואָס איז זעלטן בנמצא ביי קילע ענגלישע דזשענטעלמענער. און מערקווירדיק איז וואָס אַפילו טשוירטשיל, וואָס האָט לויט זיין וויזיאָנערישן קאָפּ און לויט זיין דינאַמישער נאַטור, דאַכט זיך, יאָ געדאַרפט האָבן פאַרשטענדעניש פאַר בעליישאַס אויפ־טוען, האָט געצאָרנט און האָט צאָרנדיק אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע אויף אַרויסצושטופּן דעם יונגן קריגס־מיניסטער פונעם קאַבינעט.

פון טשוירטשילן איז, לאָמיר זאָגן, אָפּגערעדט, אָבער ס׳איז אויך ניט פאַראַן קיין גרונט צו גלויבן, הגם אַ סך האָבן וועגן דעם אָפן גע־

שריבן, אַז טשעמבערליין אָדער עפּעס אַ וויכטיקער אַרמיי־קאָמאַנדאַנט האָט זיך געלאָזט פירן פון אַן אַנטיפּאַטיע צו דעם בלוטס־טראָפּן פון יידישקייט אין בעליישאס אָדערן. אָבער שוין דער פאַקט אַליין, וואָס זשורנאַליסטן האָבן אַרויסגעזאָגט סברות און פּאָליטיקער האָבן זיך געשושקעט און ז׳ערלאָזט די מעגלעכקייט צו ספּעקולירן וועגן קריגס־מיניסטערס בלוט־פּרעמדקייט ווי וועגן אַ פּאָליטישן פאַקטאָר, שוין דאָס אַליין, זאָג איך, האָט דעם זון פון אַ פאַרגעסענעם יידיש־שפּאַניאָלישן טאַטע און דעם שטיפזון פון אַ לעבעדיקן קריסט, וואָס איז דערצו אַ הויכער רעגירונגס־באַאַמטער, געמוזט ווייטיקלעך דערמאָנען, אַז דער יידישער מאָמענט, וואָס ער האָט אים אַרויסגעלאָזט פון זיין קאַריערע־חלום, איז ניט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט און לאָזט זיך פאַר יעדן פאַל ניט צונישטמאַכן בלויז מיט פאַרשווייגעניש.

עטלעכע פאַרטרעטיסטן מיינען, אַז דאָס, וואָס פריינט און קעגנער האָבן קעגן יעדער דערוואַרטונג פּלוצעם איינגענומען שטומעניש, נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט זיי עפנטלעך פאַרזיכערט, אַז דעם קריגס־מיניסטערס דעמיסיע דאַרף ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ נייגונג צו „אַפּיזמענט" האָט זיך גענומען דערפון, וואָס בעליישאַ איז אייגנטלעך קיינמאָל ניט געווען באַזונדערס סימפּאַטיש. און איך טראַכט, אַז ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אַ היפּש ביסל פון זיין אַנטיפּאַטישער ווירקונג האָט בעליישאַ צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס ער האָט קיינמאָל מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט זיין יידישקייט. זיין גרויסער מאָדעל, וואָס איז געווען אַ משומד, האָט אַנדערש געטאָן. ער האָט דווקא יאָ דערציילט און אַ סך גערעדט וועגן זיין יידישקייט און איז, ווי איר ווייסט, אַ סך ווייטער דערגאַנגען.

2

אימעניועל שינוועל האָט דורכגעמאַכט אַ הונדערט־פּראָצענטיקע טיפּיש־ענגלישע קאַריערע פון אַן אַרבעטער־פירער. דאָס ביסל וואָס מען ווייס וועגן זיין לעבן קאָן לייכט פאַרביטן ווערן מיט די ביאָגראַפישע דאַטעס פון אַן ערנעסט בעווין. זיי זיינען ביידע כמעט אין דעם זעלבן עלטער, האָבן ביידע געלערנט אין שול בלויז ביז עלף יאָר און דערנאָך הויבט זיך אָן פאַר ביידע אַרבעט, מאַטערניש און פּאָמע־

לעכער אויפשטייג אין דער באַמטן־היעראַרכיע פון דער געווערק־שאַפט־באַוועגונג.

בעווין, היינט דער מעכטיקסטער מאַן אין ענגלאַנד נאָך טשוירטשילן, האָט זיין טרייד־יוניאָניסטישע קאַריערע געמאַכט ביי די טראַנספּאָרט־אַרבעטער. שינוועל—ביי די מאַטראָזן אין גלאַזגאָ. ביי ביידע גייט דער באַרג־אַרויף ככתוב: דער סעקרעטאַר פון דער געווערקשאַפט ווערט ראַטמאַן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און דערנאָך דעפּוטאַט. בעווינען האָט ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן דער פּאָליטישער מזל דווקא פאַרלאָזט. ער פאַרלירט די וואַל־שלאַכט און ערשט טשוירטשיל ברענגט אים אַריין קודם אין קאַבינעט און דערנאָך אין פּאַרלאַמענט.

שינוועל אָבער באַקומט שוין אין 1922 אַ פּלאַץ אין „האָוז אָוו קאַמאָנס״, עס שיקן אים אַהין די אַרבעטער פון דער אַלטער סקאָטישער שטאָט לינליטגאָ, אַ שטאָט וואָס האָט קריסטלעכע רעליקוויעס פון צוועלפטן יאָרהונדערט און אַ שטאָט וואו עס איז געבוירן געוואָרן די קיניגין־סימבאָל פון סקאָטישער אומאָפּהענגיקייט: מערי סטיוּאַרט.

דער פירער פון די סקאָטישע מאַטראָזן אימעניועל שינוועל איז טאַקע אַ ייד און איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין ווייטשעפּל אָבער ער איז אַ סקאָט מיט אַלע מעלות און חסרונות וואָס ענגלענדער און טאַקע סקאָטן אַליין האָבן ליב נאָכצוזאָגן דעם מין מענטש פון די סקאָטישע בערג. שינוועל איז עקשנותדיק, איז קרבנות־גרייט, קריגעריש, דינאַמיש, וויציק און ער ליידט פון אַן אינטעלעקטועלער שטייפקייט וואָס כאַפּט דעם אַנבליק פון טעמפּקייט.

אַזוי זעען אים זיינע חברים אין דער פּאַרטיי. און אויסערלעך לויט ווי עס מאָלט אים איינער אַן אַנאָנימער שרייבער אין אַ פּאָרטרעטן־סעריע פון ענגלישע אַרבעטער־פירער, איז אין שינוועלן אויך נישטאָ קיין שום סימן פון יידישקייט. ער איז ברייט געבויט, האָט אַ קוואַדראַ־טיש פּנים וואָס עס קוקן פון אים אַרויס אַ פּאָר שטרענגע שטעכיקע אויגן און שינוועלס זשעסטן און באַוועגונגען זיינען ווי פון אַ באָקסער. ער איז אַ קריגערישער אַטלעט וואָס אפילו ווען ער רעדט בלויז האָט מען דאָס געפיל אַז ער דערלאַנגט און כאַפּט קלעפּ.

וואָס קאָן זיין אומיידישער דערפון? און ער אַליין, שינוועל, כאַפּט זיך אויך קיינמאָל נישט אַרויס מיט אַ וואָרט וואָס זאָל פאַרראַטן זיין

נישט־סקאָטישן, זיין נישט־ענגלישן אָפּשטאַם און פונדעסטוועגן — ווען דער זעלביקער פריער דערמאָנטער פּאַרטרעטיסט וויל אונדז קלאָר מאַכן שינוועלס ריוואַליטעט מיט אַ צווייטן וויכטיקן אַרבעטער־פירער אין גלאַזגאָ, מיט דזשאָן וויטלעין, קאָן ער דעם אַנטאַגאַניזם נישט אַנדערש פּאַרטייטשן ווי נאָר מיט דעם קאָנפליקט צווישן וויטלעיס ענגלישקייט און שינוועלס יידישקייט.

פון אונטער שינוועלס האַרטער סקאָטישער מאַסקע ציט דער שרייבער אַפיר די יידישע עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער און שטעלט זיי אַנטקעגן דעם ענגלישן טעמפּעראַמענט פון וויטלעין.

דער פּאַרסקאָטישטער אירלענדער דזשאָן וויטלעי, וואָס איז געווען סאַניטעט־מיניסטער אין ראַמזעי מעקדאָנאַלדס ערשטן קאַבינעט איז אַן אוטאָפּיסט, אַ פּרינציפּן־עקשן, אַ טרוימער.

די ראיה? די הויפּט־ראיה — דזשאָן וויטלעי איז מחמת זיין אידעאישן ראַדיקאַליזם נישט אַריינגענומען געוואָרן אין מעקדאָנאַלדס צווייטן אַרבעטער־מיניסטעריום.

דער פּאַרסקאָטישטער ייד אימעניגרעל שינוועל וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון מעקדאָנאַלדס ביידע אַרבעטער־קאַבינעטן איז — אַ ראַציאָנאַליסט, אַן אָפּאָרטוניסט, אַ פּראַקטיקער.

ווי אַלע אַנטיסעמיטישע זאָגעכצער איז מן הסתם אויך די דאָזיקע אַנצוהערעניש פונעם ענגלישן אַרבעטער־פּאַרטרעטיסט ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן ווען דיווירקלעכקייט האָט איר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און באַוויזן איר אומזין. אַנטיסעמיטישע מיינונגען זיינען בטבע נישט אַזוי אָפּאָרטוניסטיש ווי עפּעס אַ יידישער אַרבעטער־פירער און זיי אַנערקענען נישט די ממשלה פון פאַקטן און: מאַכן מיט זיי נישט קיין פשרות.

אָבער אַן אומאָנגענעמען מאָמענט פון פאַרלעגנהייט האָט די אַנטיסעמיטישע אַנווינקעניש פון אויסגערעכנטקייט אויף שינוועלס חשבון דאָך געמוזט איבערלעבן, ווען ווינסטאָן טשוירטשיל האָט אַנגעבאָטן שינוועלן אַ מיניסטער־פּאָסטן אין זיין קאַבינעט פון נאַציאָנאַלער מלחמה און — דער יידישער פּראַקטיקער און אָפּאָרטוניסט האָט דעם אָנבאָט נישט אָנגענומען צוליב מאָטיוון פון סאָציאַליסטישן פוריטאַניזם.

אָט דאָ האָט די סקאָטישע מאַסקע פונעם גלאַזגאָער מאַטראָזן־

פירער אויף אַן אמת געפּלאַצט און די אידעאיש־פאַרביסענע צורה פון אַ סאָציאַליסטישן פוריטאַנער וואָס האָט זיך פון הינטער איר אַרויסגעראַטעוועט האָט נישט בלויז אַ תל געמאַכט פון דעם אַנאָנימען שרייבערס פאָרטרעט פון שינוועל דעם „פּראַקטיקער און אָפּאָרטוניסט”. נאָר האָט אויך אַ שפּאָר ביסל דורכגעריסן שינוועלס יידישע אויטאָ־פאַרשווייגעניש.

דאָס אידעאיש־פאַרביסענע פּנים האָט געכאַפּט דעם אַנבליק פון יענער יידיש־אידעאַליסטישער עקשנות וואָס איז אין תוך די זעלבע צי איר טרעגער שטאַמט פון ווילנע, פון בערדיטשעוו צי פון לאָנדאָן.

דער געגעראַל־סעקרעטאַר פונעם מאַטראָסן־פאַרבאַנד אין גלאַזגאָ האָט אין די כמעט זעכציק יאָר פון זיין לעבן אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט. אָבער אין מאָמענטן פון וויכטיקע, כלומרשט בלויז, אידעאיש־פּרינציפּיעלע אַנטשיידונגען, וואָס אין דער אמתן זיינען זיי פראַגעס פון טיפער זעלישער איינשטעלונג צום אייגענעם גורל — דעמאָלט שווימט פּלוצעם אַרויף דאָס ירושהדיקע, דאָס אומפאַרשטענדלעך־סודותדיקע וואָס אַ לאַנגע נאַציאָנאַלע געשיכטע האָט אַריינגעריזלט אין געמיט אויך פון אירע אָפּגעפרעמדטע קינדער און עס באַקומט זיך אַזאַ היפּשלעך־גראָטעסק אָבער צו דער זעלבער צייט פּאַטעטיש בילד: דער וויטשעפּלער ייד אימעניועל שינוועל ווערט פאַרבעטן צו זיין דער מיט־רעגירער אין דער מיט־רעטער פון דער ענגלישער אימפּעריע אין איר שווערסטער שעה פון סכנה און ער זאָגט זיך דערפון אָפּ ווייל ער האָט אויף זיך — מן־הסתם לויט די עיקרים פון פּראַקטישקייט און אָפּאָרטוניזם?! — גענומען די מאָראַלישע מיסיע צו היטן די פּרינציפּיעלע ריינקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון עפּעס אַ פאַרהוילענער סאָציאַליסטישער הלכה.

זיינען דאָס „ענגלישע טרוימער” — טשוירטשיל דער לאָרד און בעווין, דער אַרבעטער — בכוח געווען צו פאַרשטיין?

(1940)

וועגן אַ מענטשנס לעצטע ווערטער

אירוויִנג רובינשטיין איז פון פּראָפעסיע געווען אַן אַקראָבאַט און פון נאַטור — אַ שווייגער.

אירוויִנג האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן לעבן און מיט דער וועלט ניט אין ווערטער, נאָר אין באַוועגונגען.

זיינע פראַגעס און זיינע בקשות צו דער וועלט האָט אירוויִנג פּרעזענטירט געוויינלעך אַזוי: ער האָט מיט די דראָטיק־פלינקע הענט אַ הויב געטאָן אין דער לופט זיין דינעם, בויגעוודיקן גוף און זיך מיט אים געיאָגט אין אַ גיכן, קאָפּשווינדלעריש־גיכן קרייז; ער איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן אויף זיינע פעסטע און שלאַנקע פיס און האָט דער־לאַנגט אַ וווייטן און הויכן שפּרונג, אָדער ער האָט זיך באַוויזן פאַרן עולם מיט אַן ענלעך שאַרפער און אויסטערלישער באַוועגונג פון זיינע גלידער.

און ווי האָט די וועלט געענטפערט אויף דער שפּראַך פון רובינ־שטיינס גוף?

איר ענטפער איז אויך ניט געווען מיט ווערטער. די וועלט האָט געפּלעסקעט מיט די הענט, זי האָט אַפּלאָדירט, זי האָט הנאה געהאַט פון רובינשטיינס קונצן און געוויאָלט וואָס מער.

אַזוי — פולע פערציק יאָר. רובינשטיין האָט געמאַכט קונצן מיט זיין גוף און דער עולם האָט אַפּלאָדירט.

אָבער דאָ אַנומלט אין איינער אַ שטאָט אין דער סאַמע מיט פון אַן אויסטערלישער קונץ האָט זיך רובינשטיינען פאַרוואָלט עפּעס זאָגן דער וועלט ניט מיט באַוועגונגען, נאָר מיט פּשוטע ווערטער, אַזוי, אַז זי זאָל פאַרשטיין וואָס ער, דער קונצנמאַכער אירוויִנג רובינשטיין, טראַכט וועגן זיך און וועגן איר, וועגן זיינע קונצן און וועגן דער וועלטס אַפּלאָדיסמענטן.

ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַריבערגעשוועבט איבער פיר בענק־לעך אין דער לענג, איז געבליבן שטיין אויף די הענט מיט די פיס אין דער לופט, אויף אַ טיש, און געפּרואווט אויפהויבן פון דאָרט אַ שנופּ־טיכל מיט די ציין. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ הוריקאַן פון אַפּלאָדיסמענטן. און בעת דער עולם האָט געשטורעמט מיט חידוש און מיט הנאה האָט רובינשטיין דערפילט אַ קאָרטש ביים האַרץ, דערפילט די לעצטע שעה פון זיין לעבן — און אים האָט זיך איצט שטאַרק געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער, טאַקע אין ווערטער, אין פשוטע ווערטער און ניט אין אויס־טערלישע באַוועגונגען.

דאָס גאַנצע ליד פון זיין לעבן, ווי עס האָט זיך אין אים אויסגע־זונגען פאַר די עטלעכע צענדליק יאָר פון זיין מענטשלעכער באַ־וואוסטזיניקייט, האָט ער שוין ניט געקאָנט איבערזאָגן פאַרן עולם. ניט געווען קיין צייט דערצו. דער מלאך־המות האָט זיך געאיילט.

בלויז דעם רעפרען, בלויז די לעצטע סך־הכלדיקע שורה, בלויז אַ לעצטן קורצן אָנזאָג פון געציילטע עטלעכע ווערטער האָט רובינ־שטיין געוואָלט — — אָבער די הענט אין זאַל האָבן געדונערט און האָבן פאַרשטעלט אים, זיין מויל און זיין לעצטע שורה.

אוירווינג האָט זיך אין דער סאַמע ערב־מינוט פון זיין אייביקער שוויגעניש געפּרואווט צובויגן צום בינע־פּאַרוואַלטער ראַלף און אים אַריינשעפּטשען זיין לעצט וואָרט, אָבער ער איז ניט געווען בכוח אַריבערצושעפּטשען די אַפּלאָדיסמענטן.

— ער האָט מיר בפירוש געוואָלט עפּעס זאָגן, — האָט ראַלף דערנאָך דערציילט, — אָבער דער עולם האָט צו שטאַרק און צו הויך אַפּלאָדירט און איך האָב ניט געקאָנט הערן.

די טרויעריקע מעשה וועגן דעם אַקראָבאַטס טויט האָב איך דאָ מיט טעג צוריק געלייענט אין אַ ניו יאָרקער צייטונג.

איך האָב זי דאָ איבערדערציילט ניט ווייל זי וויזט צום אַזויפילטן מאָל, און דערצו מיט פאַרשפּיצטער שאַרפקייט, ווי קאָמיש, ווי אומ־ענדלעך אָפּנאַרעריש און טרויעריק עס איז דער אַזוי גערופענער דערפאָלג אין לעבן און ווי גראָטעסק ער שטויסט זיך אָפּט צונויף

מיט דעם מענטשנס טיפערן באַגער, מיט דעם מענטשנס עכטערן זשעסט און מיט דעם מענטשנס אמתן טראַפן גליק.

מיך האָט אין דער געשיכטע וועגן רובינשטיינס לעצטע מינוטן פאַרכאַפּט עפּעס אַנדערש. עס האָט מיך פאַרכאַפּט דעם אַקראַבאַטס פאַרלאַנג צו זאָגן זיין לעצט וואָרט. דעם אַקראַבאַטס טראַגישער גע־ראַנגל אַריבערצושרייען און אַריבערצושפּטשען זיין דערפאָלג מיט אַ לעצטן זאָג, האָט אין מיר פאַרשטאַרקט אַ געפיל, וואָס גייט מיר נאָך שוין פון לאַנג און שושקעט מיר אין געמיט אַריין, אַז די זכיה אַרויס־צוברענגען פון זיך ערב אַריינגאַנג אין דער גרויסער שטילקייט אַ מין סוף פּסוק פון וואָרט, פון קלאַנג, פון זשעסט, וואָס זאָל געבן די אונ־טערשטע שורה פון אַ לעבן, זאָל געבן אַן אָנוואונק אויפן סך־הכל פון דערפאַרונגען און פון איבערלעבענישן — אַז אַזאַ זכיה געהערט צו דעם זעלטענעם ביסל עכטע פרייד, וואָס איז דעם מענטשן באַשערט.

פאַר די אַלע טויזנטער טעג פון זיין לעבן, וואָס דעם בן־אָדם איז געגעבן די געטלעכע גאָב פון שפּראַך, נוצט ער זי פאַרשווענדעריש און נוצט זי ניט אַזוי אויף צו אַנטפּלעקן זיך פאַר דער וועלט, ווי אויף זיך פאַר איר אויסצובאַהאַלטן.

ער רעדט גוטע און שלעכטע רייד, דער מענטש. איינמאָל נאַרט ער אַרויס וואוילגעפעלעניש מיט זיי און אַ סך מאָל רופט ער מיט זיי אַרויס אומצוטרוי, בייזע בליקן און האַס.

און איבער דער גאַנצער לענג פון די דורות, פון די אַלטע צייטן און ביז צו די סאַמע נייסטע שטייט איבערן מענטש דאָס קלוגע פאָלקס־ווערטל און ווינקט זיך מיט אים איבער אין אַלע לשונות אי מוסרדיק און אי איראָניש. עס עצהט און עס דערמאָנט, עס בייזערט זיך און עס שמייכלט: „היט די צונג", „ווען זאָלסט געווען שווייגן, וואָלט מען דיך געהאַלטן פאַר אַ פילאָזאָף", „צו נישט ריידן קומט עס נישט" און „שווייגן איז גאָלד".

פּלוידערט ער, דער מענטש, דרויסנדיק, און פון אינעווייניק — שווייגט ער.

און דער סוד פון אייגן לעבן, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער אָנגע־זאַמלטער פּיין און פרייד פון דערפאַרונגען און איבערלעבענישן, ווערט אַלץ געדיכטער, אַלץ אינטענסיווער אין דעם מענטשנס געמיט. אָבער

ברענגען איבער די ליפּן ברענגט ער אים ניט. אַלערליי עמאָציאָנעלע אָפּהאַלטענישן און מוראס מאַכן שותפות און דערלאָזן ניט —

וועט ער צוּוואַרטן, בן־אָדם. ער וועט צוּוואַרטן ביז צום סאַמע לעצטן מאָמענט, ביז צו ערב דער גרויסער שוויַיגעניש. דעמאָלט וועט ער ריידן צו די מענטשן אַרום זיך. דעמאָלט איז די לופט בעצם אַ געליַיטערטע, אַ יום־טובדיקע און אַן אָנגעלאָדענע מיט עכטקייט. אין דער שעה פון צעשיידונג מיטן לעבן פאַרשווינדן ווי דורך אַ כישוף אַלע וואָכעדיקע מינעס פון אומגעדולד, אַלע גערוישן פון גליַיכגילטיקייט און אַלע שמייכלען פון תכלית. אין יענע מינוטן פון כולה פייערלעכקייט און פון אָנגעשטרענגט־הייליקער צוהערעניש וועט ער זיך ווי יעקב אָבינו אין דער חומשדיקער מעשה „שטאַרקן און אויפֿזעצן אין בעט" און אַרויסזאָגן דאָס סאַמע לעצטע און עכטע וואָרט זיַינס — דעם סך־הכלדיקן סוד פון אייגענעם לעבן און דעם אַנטפּלעקערישן אָנזאָג פאַר דעם לעבן פון זיַינע קינדער.

אין דער דאָזיקער דערוואַרטונג צו זאָגן דאָס וואָרט פון אייגענעם לעבן אין דער שעה פון צעשיידונג, ליגט ערגעץ־וואו אויך באַהאַלטן דעם מענטשנס טיפער באַגער אָנצוצינדן פאַר זיך אַ „נר תמיד" אויף דעם זאַמד פון ווערטער, וואָס איז געדויערדיקער פון אַלע זאַמדן און שטאַרקער פון אַלע פונדאַמענטן. עס איז אין דעם דאָזיקן באַגער צום לעצטן וואָרט פאַראַן עפּעס פון דער סאַמע טראַגישסטער בענקשאַפט, וואָס דער באַשאַף האָט איינגעפלאַנצט אין דעם געבוירענעם צו שטערבלעכקייט — די בענקשאַפט צו אומשטערבלעכקייט.

און אַז עס קומט יענע פון דעם לעבנס־אינסטינקט אַזוי אומגעוואונטשענע אָבער פון דער גייסט־פּאַטעטיק אַזוי אויסגעבענקטע שעה צו זאָגן דאָס עכטע, אייגענע און לעצטע וואָרט, איז זי ווי אַלע אויסגעבענקטע שעהן געוויינלעך דער פונקט קאַפּויער צו דעם וואָס מען האָט דערוואַרט און זיך אויסגעמאָלן.

זעלטן און נאָך זעלטענער ווען דער מענטש קאָן זיך „שטאַרקן און אויפזעצן אין בעט" און מאַכן זיַין סך־הכל. דער מלאך־המות איז וואָכעדיק און אומגעדולדיק ניט אַנדערש ווי עס זיַינען געווען די מיטמענטשן אין די פאַרפלאָכטענע טעג פונעם לעבן און ס'פאַרפעלט גע־מיט דאָס וואָרט זיך צו דערמאָנען און אָטעם עס אַרויסצוזאָגן. און

טרעפט, אַז גאָטס טויט־שליח האָט צייט און געדולד און ער טוט זיין שליחות מיט מילדקייט און אָן איבעריקן אימפעט — דעמאָלט פּאַסירט, אַז בן־אָדם דערקענט ניט די שעה און פאַרשפּעטיקט מיט זיין וואָרט, ווייל ער וויל עס ניט אַרויסריידן צו פרי.

און אָפט געשעט ווי ס׳איז געשען ביי אוירווינג רובינשטיין דעם אַקראָבאַט. די רגע איז טאַקע אויסגעמאָסטן, אָבער זי איז פאַראַן. דאָס וואָרט איז אַרויס פון די געמיט־טיפענישן און עס איז דערגאַנגען צו דער צונג. עס רייסט זיך פון די ליפּן. עס וויל און קאָן געזאָגט ווערן. אָבער דער „דערפאַלג" האָט עס אַריבערגעשריען, האָט עס אַריבערגע־ליאַרעמט און האָט אויסגעלאָשן דעם פונק נאָך איידער ער האָט אויפ־פלאַמט.

אָבער טוט אַמאָל דער גורל, אין אַן אויסנעמלעכן אַמאָל, חסד מיט שטאַרבענדיקע ליפּן און זיי באַוויזן אַרויסצוברענגען דאָס לעצ־טע און עכטסטע וואָרט זייערס —

האָט דאָס דאָזיקע לעצטע וואָרט פון אַ זעלבסט־פאַרסך־הכלטן לעבן מער קינסטלערישע און מער מאָראַלישע שליטה איבער אונזער געמיט און איבער אונזער זכרון ווי „גאַנצע שאָפעס מיט ביכער".

זיינען די זאָגערס געווען „מענטשן מיט נעמען", מענטשן, וואָס האָבן צו אונדז גערעדט זייער לעבן־לאַנג מיט גרויסע מעשים און מחשבות — ווערט זייער ווערק באַלויכטן דורך דעם לעצטן וואָרט נאָך שאַרפער און נאָך העלער, אָדער עס ווערט, ווי ס׳טרעפט אַמאָל, גאָר ניי און אַנדערש פאַרטייטשט.

די לעצטע ווערטער, ווידער, פון די אַנאָנימענדיקע, פון די „בני בלי שם" — זיי ווירקן אָפט ווי טיפע אַנטפּלעקערישע אויטאָ־ביאָגראַ־פיעס פון פּלוצים נתגלה געוואָרענע גרויסע קינסטלער. אַלע יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן און געשוויגן און אין דער לעצטער מינוט אָנגעשריבן אין עטלעכע געציילטע ווערטער אַ לעבנס־־געשיכטע, וואָס פאַרכאַפּט מיט איר קינסטלערישן כוח און מיט איר מאָראַלישער מאַנונג.

די ווערק אין עטלעכע ווערטער פון די פּלוצעם נתגלה געוואָרענע דיכטער לייענען זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין אַלעמאָל אויפסניי אין

אונזער געמיט, און לייענענדיק הערט מען ניט אויף צו שטוינען איבער דעם אויסשעפּנדיקן צמצום פון די ווערטער און איבער דער פולקייט פון אידעאישע אַסאָציאַציעס און פון מאָראַלישע אָנווינקעניש, וואָס איז אין זיי פאַראַן.

אָט איז אַ פרוי, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן ביי דער זייט פון אַ וועלט־גאון אין נויט, אין עלנט און אין קלעמעניש פון אַן אַ שיעור פיזישע און זעלישע יסורים און געווען דערביי שטענדיק באַשיינט מיט דער הייסער שיין פון גלאָריע און אומשטערבלעכקייט. וואָס־זשע קאָן זיין מער קינסטלערישער צמצום פון אויטאָביאָגראַפישן סך־הכל און מער קאָנצענטרירטע מאָראַלישע עלעגיע אויף דעם דאָזיקן לעבן ווי דער פרויס לעצטע ווערטער: „כ'האָב שוין מער ניט קיין כוח״?

די אַריסטאָקראַטקע זשעני פאָן וועסטפאַלען, „דאָס שענסטע מיידל פון טריער״, האָט כמעט פערציק יאָר אָפּגעלעבט מיט איר מאַן קאַרל מאַרקס. אין משך פון די פיר צענדליק יאָר האָבן הונגער, ביטערניש, חולאת, טויט און זעלבסטמאָרד כמעט ווי ניט אָפּגעטראָטן פון זשעני מאַרקסעס שטוב. אָבער ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ מינוט האָט אויך די טיפע פרייד פון האָפענונג אויף איר קאַרלס געגענענדיקער אָט־אָט קומענדיקער און שוין באַלד דאָאיקער וועלט־גלאָריע און אומשטערב־לעכקייט.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג פון 1881 האָט אַ שטראַל פון האָפערדיקייט אַריינגעשיינט אין הויז פון קאַרל מאַרקס. עס איז גראָד אָנגעקומען אַ לאָנדאָנער צייטשריפט און אין דער דאָזיקער צייט־שריפט איז אין דער סעריע אַרטיקלען וועגן „די פירער פונעם מאָ־דערנעם געדאַנק״ אויך געווען אַן אַרטיקל וועגן קאַרל מאַרקס.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַרטיקל פון פריינטלעכער אָפּ־שאַצונג פון מאַרקסן אין אַן ענגלישער צייטשריפט. ענדלעך האָט אַן אָנגעזעענער זשורנאַל אין ענגלאַנד מודה געווען, אַז מאַרקס געהערט צו די פירער פונעם מאָדערנעם געדאַנק.

מאַרקס האָט די צייטשריפט געוויזן זשענין. זי איז געלעגן אין בעט און האָט געראַנגלט די לעצטע ראַנגלענישן מיט דער אומרחמנותדיקער קראַנקהייט, וואָס דאָקטוירים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן קרעבס. זשעני האָט זיך זייער געפרייט. זי האָט געקוקט אויף

דעם זשורנאַל, געהאַלטן אין איין קוקן און אין איר טויט־קראַנקן גוף האָט געציטערט פרייד.

און אַז די צייטשריפט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט, האָט זשעני שטיל געשעפּטשעט: „כ׳האָב מער קיין כוח ניט". דאָס זיינען געווען אירע לעצטע ווערטער און אין די פינף ווערטער האָט זי איינגעשלאָסן די לעבנס־דראַמע פון אַ פּרוי ביי דער זייט פון אַ גאון, די לעבנס־דראַמע פון אַזוי פיל פרויען אין דער געשיכטע ביי דער זייט פון קינסטלער, פילאָזאָפן און מענער פון גייסט מיט זיכערן עולם־הבא פון גלאָריע און אומשטערבלעכקייט.

און פונעם גאונישן יחיד מאַרקס איז די אַסאָציאַציע אַ נאַטיר־לעכע צום גאונישן כלל־ישראל. לעבן דעם גאונישן יידישן פאָלק מיט דער פרייד פון זיינע עולם־הבא־האָפענונגען און פון זיינע משיח־טרוימען, איז נאָך שווערער, אָן אַ שיעור שווערער דורכצושפּאַנען די יאָרן ווי אין פאַרקנסטקייט צו יידישע גאונים און מענער פון גייסט.

האָט געשפּאַנט אַריינגעטאָן אין עול פון יידישע חלומות, פון יידישער עבודה און פון מידות טובות אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יוחנן לעווין. געשפּאַנט מיטן יידישן פאָלק צו זיינע נאָענטע און ווייטע אי־דעאַלן און גאולה־טרוימען, פון חדר און ישיבה ערגעץ אין אַ ווייס־רוסישן שטעטל איבער געטרייער כלל־אַרבעט אין אַ שטאָט פון דער ווייך־געמיטיקער יידישער וואָלין און צו נאָך געטרייערער אין דער מעטראָפּאָליע פונעם יידישן וועלט־הויף — ניו־יאָרק. געשפּאַנט און איבערגעלאָזט אויפן וועג פון חורבן נאָענטע און נענטערע משפחה: אַ גאַנצן ישוב פון ברידער און שוועסטער, אַ ווייב און אַן איינציק קינד.

ער האָט ניט גערעדט און ניט געשריבן. ס׳הייסט, ער האָט יאָ גערעדט, ער האָט גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען און ביי זיצונגען, ער האָט גענומען אַ וואָרט און געקרייצט אַזוי פיל ווערטער מיט פריינט און מיט קעגנער — אָבער דאָס עכטע, דאָס סאַמע פיינפול־עכטע וואָרט וועגן זיין אייגענעם גאַנג אין יסורים פון ממשות און אין פרייד פון האָפענונג ביי דער זייט פונעם גאונישן יידישן פאָלק, האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט.

ער האָט מן־הסתם ניט איינמאָל געפּרואווט איבעררייסן די שוויי־געניש און עס אַרויסזאָגן (מיר דאַכט איצט, אַז איך בין אויך געווען אַן עדות פון אַזאַ פּרואוו ביי לעווינען), אָבער מער ווי צו ערב־שטאָמל איז עס ניט דערגאַנגען. ווי ביי אַזוי פיל אַנדערע זיינס גלייכן האָבן עמאָציאָנעלע אָפּהאַלטענישן און מוראס געמאַכט שותפות און ניט דער־לאָזט — — —

אָבער אַז ס׳איז אין זיבן־און־פערציקסטן יאָר פון דעם יידישן גייער יוחנן לעווין געקומען דער קאַרטש ביים האַרץ און די לעצטע שעה פון לעבן, האָט ער געהאַט די זכיה צו קאָנען מאַכן אויף גיך דעם סך־הכל און דעם אָנזאָג. יוחנן לעווינס לעצט וואָרט איז געווען אַ שטראָמענדיקער געוויין. אין אויסגעוויינטער איז ער געשטאָרבן.

דער געוויין האָט דערציילט וועגן אַלע צערן באַגעגנטע אויף די וועגן פון מאַלאַדעטשנע איבער ראַווע און איבער ימים און לענדער קיין ניו־יאָרק; דער געוויין האָט געזאָגט דעם סאַמע אויפטרייסלענ־דיקסטן קדיש פון אַ טאַטע און אַ מאַן אויפן אַש־קבר פון זיין ווייב און קינד; דער געוויין האָט געזונגען דעם כאַמע צענעמענדיקסטן „אל מלא" פון אַ פוילישן ייד איבער דעם ברודער־קבר פון אַ גאַנצן יידישן ישוב. און דער געוויין האָט אַראָפּגעוויינט באַפרייעריש פון האַרץ מיט אַן אָנזאָג פון אַ ניי־צעבליטן חלום און אַ ניי־צעשטראַלטער האָ־פענונג.

האָט ווער אָנגעשריבן אַ מער אויספירלעכע געשיכטע פון זיין לעבן, געמאַכט אַ קאָנפערן און גריינטלעכערן סך־הכל, טיפער און עכטער אַרויסגעבראַכט זיין אָנזאָג ווי יוחנן לעווין אין די עטלעכע רגעס פון געוויין מיט שטאַרבענדיקע אויגן און מיט ליפּן אין גסיסה?

די דאָזיקע יידישע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס יוחנן לעווין האָט זי אויסגעוויינט אין עטלעכע קורצע מינוטן ערב־טויט, געהערט צו יענע פּריער־דערמאָנטע ווערק, וואָס הערן זיך ניט אויף צו לייענען פון זיך אַליין אַלעמאָל אויפסניי אין אונזער געמיט, הערן ניט אויף אָנצוזאָגן מיט זייער צער און צו מאָנען מיט זייער סך־הכל.

אַזאַ גסיסה־געוויין ווי יוחנן לעווינס האָט אַ פּלאַץ אין דער פאָלקס־מעשה, אין דער מסורה, וואָרעם די טרערן האָבן עפּעס צו זאָגן אויך דעם דור נאָך אונדז.

(1948)

מײַנע לאַנדסלײַט

דער קיניג פון דער יידן־גאַס

אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט איז ראש הקהל אין טשערנאָוויץ געווען נפתלי טיטינגער. ער איז געווען אַ רייכער ייד, אַ לייענער פון דער ווינער „נייע פרייע פרעסע", אַ ליבעראַל אין דער עסטרייכישער פּאָליטיק און אויך אין דער יידישער רעליגיע און דער עיקרשט איז ער געווען — פון די טיטינגערס.

די טיטינגערס, די באַלטינעשטערס, די וואַגנערס און די שטיינערס זיינען געווען די רייכע און אַריסטקאַראַטישע משפחות וואָס האָבן באַהערשט דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין דער בוקאָווינער רעזידענץ־שטאָט. זיי האָבן רעגירט אין קהל־שטוב און זיי האָבן געזאָגט די יידישע דעה אין שטאָט־ראָט. זיי האָבן געהאַלטן די אַקציזן און געהאַט דערפון עולם הזה אין זיי האָבן געגעבן צדקה און געטאָן טובות און — זיך געזיכערט דערמיט עולם הבא.

זיי — און קיינער ניט מער. טאָמער האָבן עטלעכע פאַרמעגלעכע בעל־מלאכהס מיט אַ ביסל גלוסטעניש צו מאַכט, דערשפּירט דעם אָטעם פון געזעלשאַפטלעכן אויפקום אַרום זיך און גענומען רודעווען ביי די וואַלן, האָבן זיי כמעט ווי גאָר ניט געפּועלט. זיי האָבן די אייזערנע וואַנט פון דער ירושה־ און יחוס־פּאָליטיק נישט דורכגעבראָכן.

עד שקם שטראָוכער. דער טאָג ווען דעם קרעטשמער יאָסל גערבעלס שטיפזון, דער יונגער אַדוואָקאַט דר. בענאָ שטראַוכער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר ראַטמאַן פון דער קהילה און פאַר מיטגליד אין שטאָטראַט איז געווען דער באַסטיליע־טאָג אין דער טשערנאָוויצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דעמאָלט איז ענדגילטיק געפאַלן דער אַריסטאָקראַטישער משפחה־רעזשים און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ממשלה פונעם פלעבעאישן פאָלקס־פירער.

און עס ווייזט אויס אַז סיי „עמך" און סיי די רעגירערס האָבן, אַזוי צו זאָגן, תיכף אויפֿן אָרט דערשפּירט די היסטאָרישקייט פֿון דער געשעעניש פֿאַר די יידן אין לאַנד. אַן אַלטער טשערנאָוויצער שטובן־מאָלער, וואָס האָט אַליין אויך געשפּילט אַ שטיקל ראָלע אין דער „שלאַכט קעגן דער משפּחה" האָט מיר אַן ערך פֿינף־און־דרייסיק יאָר שפּעטער דערציילט וואָס עס האָט זיך אין יענעם אויפֿדערנאַכט נאָך דער וואַל אָפּגעטאָן ביי חיים ברונוואַסער אין ווײַנשענק און אין אַ היפּש ביסל אַנדערע שענקען. ס'איז געווען אַן אמתע פֿאָלקס־שמחה, וואָרעם קינד און קייט — האָט מיר פֿאַרזיכערט דער אַלטער בעל־מלאכה, וואָס איז זיין לעבן־לאַנג פֿאַרבליבן שטראָוכערס אַ חסיד — האָט, דאַכט זיך, פֿאַרשטאַנען אַז דאָ האָט מען נישט סתם געהאַט אַ דערפֿאָלג ביי די וואַלן, נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט פֿאַר דער יידישער פּאָליטיק אין דער בוקאָווינע. דאָס פֿאָלק אונטן אין די יידישע גאַסן אַרום דעם „האָם" האָט זיך גע־פֿרייט — האָט מיין דערציילער הנאה געהאַט דערפֿון איצט פּונקט ווי מיט דריי צענדליק יאָר צוריק — און אויף די פּני, אויבן אין דער „קולטוס־געמיינדע" איז געפֿאַלן אַ פּחד. נפתלי טיטינגער און די משפּחה־קינדער האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי האָבן אַזש איבערגעכאַפּט די מאָס פֿון דעמאָקראַטישקייט און האָבן ביי דער ערש־טער זיצונג אויסגעקליבן דעם נייעם, יונגן „קולטוס־ראַט" פֿאַר אַ מיטגליד אין „פֿאַרשטאַנד" (עקזעקוטיוו־קאָמיטעט) כדי צו באַרואיקן ס'פֿאָלק.

און „דאָס פֿאָלק" האָט זיך אויף אַזאַ נצחון אין תוך ניט גערעכט. עס איז גאָר ניט געווען אַזוי אומרואיק און אַזוי רעוואָלוציאָנעריש געשטימט ווי די מורא האָט געשושקעט די פּני אין אויער אַריין. פּונקט ווי ס'געשעעט אָפֿט אין גרויסן פֿאַרנעם פֿון מלוכה, אַזוי איז אויך דאָ אין קליינעם מאַסשטאַב פֿון דער טשערנאָוויצער לאָקאַל־פּאָליטיק דער דערפֿאָלג פֿון דער רעוואָלוציע געווען מער אַ רעזולטאַט פֿון דער שרעק אויבן ווי פֿון דעם אויפֿברויז אונטן.

דער פּאָליטישער פּראָגראַם וואָס האָט שטראָוכערן געפֿירט אין משך פֿון לאַנגע יאָרן פֿון נצחון צו נצחון און האָט אים פֿאַרהאָלפֿן אָנצוהויבן אַ געזעלשאַפֿטלעכע מאַכט וואָס קיין שום אַנדערער

ייד אין פראַנץ יאָזעפס מלוכה האָט זי קיין מאָל נישט דערגרייכט, איז געווען אַ פּשוטער און זייער אַ קורצער. דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון צוויי ווערטער בלויז, וואָס שטראַוכער איז זיי נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג און זיי טריבוניש אַריינצושטורעמען אין געמיט פון די הונדערט טויזנט בו־קאָווינער יידן. צוויי ווערטער בלויז — „עברי אנכי".

מיט עפּעס אַ באַזונדערער פּאַרשפּיצטקייט פון זיינע חושים האָט דער יונגער שטראַוכער נאָך כמעט אין סאַמע אָנהויב פון זיין קאַ־ריערע דערשפּירט די נויטווענדיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידי־שער פּאָליטיק אין דער בוקאָווינע — אין דער קליינער מדינה מיט דער גרויסער ריוואַליטעט צווישן די פעלקער, וואָס האָבן זי באַוואוינט. בלויז מיט געציילטע יאָרן שפּעטער, ווען די אוקראַינישע אינטעליגענץ אין לאַנד, האָט אונטער דער השפּעה פון דער שכנות־דיקער מזרח־גאַליציע געגומען ווערן נאַציאָנאַל אַלץ וואַכער און וואַ־כער, איז די „יידיש־נאַציאָנאַלע" פּאָליטיק געוואָרן אַ הכרח. די יידן האָבן געמוזט ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע גרופּע אויב זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן רייבונגען און סכסוכים מיט די אַנדערע פעל־קער. דריי הונדערט טויזנט אוקראַינער האָבן געוואוינט אין דער בו־קאָווינע און פּונקט אַזוי פיל רומענער. די נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניק־געוואָרענע אוקראַינער האָבן אָכטונג געגעבן אַז די יידן זאָלן מיט זייער צאָל ניט פאַרשטאַרקן די רומענישע פּאָזיציע און די רומענער האָבן דאָס זעלבע אין זינען געהאַט בנוגע די אוקראַינער און ביידע פעל־קער אין איינעם האָבן פיינלעך געהיט אַז פון די בלויז זיבעציק טויזנט דייטשן אין לאַנד, זאָל דורכן שותפות מיט הונדערט טויזנט יידן נישט ווערן אַ מאַכט־פּאָזיציע פון הונדערט מיט זיבעציק טויזנט דייטשן.

ס'האָט זיך בעל־כרחא אויפגעהערט די צייט פון „פּרייזיניקער דייטשקייט" אין דער יידישער פּאָליטיק. און דער גרויסער אויפטו פון שטראַוכערן איז געווען וואָס ער איז פאַראויסגעלאָפן דער נייער פּאָליטישער אָריענטאַציע און האָט פאַר איר אָנגעגרייט אַ קאַמף־לאָזונג וואָס האָט פון איין זייט פאַרמאַגט בירגער־שטאָלץ און דע־מאַגאָגישע שטויס־קראַפט און איז פון דער אַנדערער זייט געווען

נייטראַליסטיש־בלייך און גאַרנישט־זאָגנדיק און האָט דערפאַר נישט אָנגערירט מיט גאָרנישט דאָס ווייטיק־פּינטעלע פון באַזונדערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן. פון דעם לאָזונג האָט יעדער געקענט עפּעס געווינען און קיינעם איז נישט געשטאַנען וויכטיקס צו פאַרלירן.

שטראַוכערס „עברי אנכי" האָט לחלוטין גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס לאָזן זיך בטבע אַסאָציאירן מיט די דאָזיקע ווערטער אין פּרט פון נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, פון קולטור און פון דערציאונג. „עברי אנכי" האָט בלויז געמיינט אַז אַזוי ווי שותפות מיט זיבעציק טויזנט דייטשן לוינט זיך מער ניט און ווערט פון זיך אַליין בטל, דאַרף געשאַפן ווערן אַן אייגענער פּאָליטישער מאַכט־אַפּאַראַט אויף וועלכן עס זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן דעם יידנס אַספּיראַציע אויף אַ מלוכה־פּאָסטן, אויף אַ האַנדל־דער־לויבעניש, אויף אַן אַרבעט־ביכל, אויף אַ ביסל כבוד אין די הויכע קרייזן און לויטן עסטרייכישן שטייגער, אויך אויף אַ מעדאַל און אַ שיינעם טיטל פון פראַנץ יאָזעפן. און עס איז געווען די צייט פון עקאָנאָמישער אויסברייטערונג אין לאַנד און עס האָט זיך געפילט די באַדערפעניש נאָך אַן אייגן ביסל פּאָליטישע מאַכט, וואָס זאָל זיכערן דעם יידישן יחיד זיין ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן אויפשטייג. די טיטינגערס און די אַנדערע „משפחה־קינדער" האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס ס'גייט פאָר. זיי האָבן בלויז מורא געהאַט...

מיט „עברי אנכי" איז שטראַוכער אין 1897 אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעפּוטאַט צום ווינער רייכסראַט און עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער אויף דעם זעלבן סמך געוואָרן אויך אַ מיטגליד פונעם בוקאָווינער לאַנדטאָג (רעגיאָנאַל־פּאַרלאַמענט). אַרום 1905, ווען שטראַוכער האָט געירשנט נפתלי טיטינגערס אַמט פון ראש הקהל אין טשערנאָוויץ, האָט ער שוין פאַרמאָגט אַחוץ דעם, אויך אַ פאַלנע קאָלעקציע פון אַנדערע פּאָליטישע מאַנדאַטן און איז געשטאַנען בראש פון אַ מעכטיקער פּאַרטיי־מלוכה צו וועלכער עס האָבן געהערט כמעט אַלע בוקאָווינער יידן מיט דער אויסנאַם פון עטלעכע קליינע אידעאָלאָגישע גרופּעס. עס האָבן געהערט צו איר די בעל־עגלהס, די טרעגערס, די קרעטשמערס, די מעלער־יונגען, די קצבים און בכלל אַלע

„עמך״־לייט פון די טשערנאָוויצער יידישע גאַסן און פון אַלע איבע־ריקע שטעט און שטעטלעך. עס האָבן צו איר באַלאַנגט די זיידענע פרומע יידן פון די בתי־מדרשים און שולן און די רייכע סוחרים און אַדוואָקאַטן וואָס זיינען געזעסן אין דער מזרח־וואַנט פונעם טעמפּל און עס האָבן אויך געדינט מיט געטרייער סימפּאַטיע צו שטראַוכערס נאַציאָנאַל־פּאַרטיי די סאַמע שפּיצן פון דער יידישער באַאַמטן־אינטע־ליגענץ, די ריכטערס, די גימנאַזיע־לערערס און די הויכע רעגירונגס־אָנגעשטעלטע וואָס אָפיציעל האָבן זיי זיך ניט געטאָרט באַטייליקן אין דער פּאָליטיק. די דאָזיקע אינטעליגענטישע שפּיצן זיינען צום גרויסן טייל געווען היפּשלעך אַסימילירט און צום טייל אַפילו „קריסט־באַום־יודען״ און אַ מינוט פאַר שמד. אָבער אַלע זיינען זיי געווען אויך „יידיש־נאַציאָנאַל״, וואָרעם זיי האָבן דער מאַכט־פּאָזיציע אונטער דער דאָזיקער שילד געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע שטעלעס און זייע־רע קאַריערעס.

ווען איך האָב פריער געזאָגט, אַז „עברי אנכי״ איז געווען שטראַוכערס פּאָליטישער פּראָגראַם, האָב איך אין תוך פאַרשמעלערט דעם באַדייט פונעם דערמאָנטן לאָזונג. אין דער אמתן האָבן די צוויי ווערטער אויך באַצייכנט די רעגירונגס־פאָרם פון זיין פּאַרטיי און זיינען געווען איר נישט־געשריבענע קאָנסטיטוציע. דער קאַמף־פּראָ־גראַם כלפּי חוץ, האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף „עברי״; די פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע האָט זיך אָנגעהויבן און זיך געענדיקט מיטן וואָרט „אָנכי״. עס איז גאָר ניט געווען קיין פּאַרטיי, נאָר אַ מלוכה פון אַן אַבסאָלוטן קיניג מיט אַ הויף, מיט הויף־לייט, מיט אַדיוטאַנטן, אינטריגאַנטן און אַפילו מיטן קיניגס אַ שטיינערנעם דענקמאָל ביים אַריינגאַנג צום פּאַלאַץ. מיט איין וואָרט: אַ הויף מיטן גאַנצן נויטיקן קלאָפּערגעצייג. פרומע יידן האָבן זיך אין דער שטיל מיט פאַר־דראָס געשושקעט אַנטקעגן דעם „באָק״ וואָס שטראַוכער האָט זיך ביים לעבן אָוועקגעשטעלט ביים פּאַראַדנעם אַריינגאַנג צום קהילה־בנין, וואָס האָט געהייסן „דאָס יידישע נאַציאָנאַל־הויז״ און האָט פאַרנומען אַ גאַנצע גאַס ביים גרויסן שיינעם סקווער אַנטקעגן דעם דייטשן שטאָט־טעאַטער.

בלויז אין דער שטיל זיך געשושקעט, וואָרום זאָגן עפּעס הויך

אויפן קול האָט געמיינט באַוויזן „אומגעטריישאַפט צו אים" און אַזאַ אומגעטריישאַפט איז געווען אידענטיש מיט אַ געבראָכענער שבועה און איז געשטעמפּלט געוואָרן פאַר פאַראַט פון אים און פונעם פאָלק. ער האָט פאַר אַזעלכע זינד אַוועקגענומען זיין גנאַד מיט אַלע אירע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַטריבוטן און דאָס פאָלק האָט געשטראָפט די ווידערשפּעניקע ניט זעלטן מיט קלעפּ.

שטראָוכערס געטרייסטע גוואַרדיע איז געווען „דאָס פאָלק", די העקער־יונגען, די טרעגערס, די שמייסערס און די גאַנצע וואוילע חברה פון די געסלעך אַרום דעם „האָם". אַז דער „קיניג" האָט זיך באַוויזן אין גאַס אין זיין דאַרן קאַפּעלוש, מיטן שטעקן אין האַנט און מיט זיין געוויינטלעך אי ברוגזלעכן און אי שמייכלענדיקן פּנים, האָט „דאָס פאָלק" געגריסט מיט יראת הכבוד און מיט די בליקן אים געפּראָשעט די קליידער אויפן לייב און אים איינגעהילט אין אַ וויטן היקף מיט זיכערקייט קעגן מינדסטן בייזן ווינטל און דערעיקרשט קעגן אומגעטריישאַפט.

ער איז געווען אַ פאָלקס־קיניג, אַ טיפּ פון אַ פּלעבעאישן מלך. דאָס פאָלק האָט אים פאַרגעטערט און ער האָט אים דערפאַר אָפּ־געצאָלט מיט אַ געוויסער מאָס ליבשאַפט. ער האָט אַנגענומען און זיך געפרייט מיט דעם המונס אַפּלאָדיסמענטן און האָט הנאה געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיינע „געטרייע" אין די ווינשענקן. אַ מאָדנע קאָמבינאַציע פון פּלעבעאישער פאַניע־בראַטישקייט און מלכותדיקער דיסטאַנץ איז געווען די שטראָוכער־געשטאַלט. אַ תקיפותדיקער און דיקטאַטאָרישער פּרנס הקהל און צו דער זעלבער צייט — אַ פלאַמיקער פאָלקס־טריבון. אַ פאָלקס־מענטש וואָס פּראָוועט הוליאַנקעס מיט „עמך" אין די שענקען און — אַ מאַסן־באַהערשער מיט אומפאַר־הוילענע זשעסטן פון פאַראַכטונג צום המון. אַ מאַסן־פירער מיט אַ געוואַלדיקן אָרגאַניזאַטאָרישן כוח און מיט אַן אויסנעמלעכער זעלי־שער צוציאונגס־קראַפט און גלייכצייטיק אַ קאַפּריזנער אינדיווידואַ־ליסט וואָס שטויסט פון זיך אָפּ, האָט צו קיינעם קיין צוטרוי ניט, קען מיט קיינעם ניט אויסקומען און בלייבט סוף כל סוף איינזאַם און פאַר־לאָזן ווי אַ פאַראַטענער קיניג.

ביז אַרום 1910 איז שטראָוכערס מאַכט און גלאָריע געווען

גאַנץ און סאָליד און אָן דעם מינדסטן קריטישן שפּעלטעלע נישט נאָר ביי זיך אין דער בוקאָווינע, נאָר אויך איבער אַלע „הונדערט און זיבן־און־צוואַנציק מדינות" פון פראַנץ יאָזעפס מלוכה און איבער גאָר דער יידישער וועלט. אין טשערנאָוויץ האָט אים ס׳פאָלק ממש געטראָגן אויף די הענט צו און פון פאַרזאַמלונגען און אין לעמ־בערג, אין קראָקע און אין אַלע אַנדערע שטעט פון גאַליציע האָבן נאַציאָנאַלע יידן זיך איבערגענומען אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרן מיט שטראַוכערס זעלבסטשטענדיקער יידישער פּאָליטיק און מיט זיין מאַכט־פּאָזיציע אין דער בוקאָווינע. און אויך איבער די גרענעצן האָט אָפּגעקלונגען דער נאָמען פון דעם טשערנאָוויצער יידישן פירער. פון 1897 ביז 1907 איז שטראַוכער דער איינציקער יידיש־נאַציאָנאַלער דעפּוטאַט אין ווינער רייכסראַט און ער לאָזט הערן פון דער עסטריי־כישער פּאַרלאַמענט־טריבונע זיין שטים קעגן קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903 און קעגן די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין רומעניע פון 1907. הערצל שיקט אים אַ דאַנק־בריוו און דוד וואָלפסאָן — אַ באַגייסטערטן בריוו פון אָנערקענונג.

און ווען אין דעם זעלבן יאָר 1907 ווערט צום ערשטן מאָל גע־קליבן אין עסטרייך אַ רייכסראַט אויפן סמך פון אַ דעמאָקראַטישן וואַל־ געזעץ און עס באַווייזן זיך אין פּאַרלאַמענט אויך דריי יידיש־נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן פון גאַליציע (אַדאָלף שטאַנד, דר. היינריך גאַבעל און דר. אַרטור מאַלער) און עס ווערט דאָרט געגרינדעט אַ „יידישער קלוב" — ווער ווערט דער פּרעזידענט פונעם דאָזיקן קלוב און ממילא אין אַ געוויסער מאָס דער פירער פונעם גאַנצן עסטרייכישן יידנטום? פאַרשטייט זיך אַז שטראַוכער, דער פּאָליטיקער מיט פּאַר־לאַמענטאַרישער דערפאַרונג, דער דעפּוטאַט מיט גרויס קענטשאַפט אין עסטרייכס פּאָליטישע קרייזן, דער מאַן מיט געוואַלטיקער פּאָפּולאַ־ריטעט ביי יידן פון איין עק מלוכה ביז צום אַנדערן און דער עיקרשט דער מאַן מיט דעם פּרעסטיזש פון אַ זיכערן און סטאַבילן פּאַרלאַמענט־מאַנדאַט.

אָבער דווקא אין אָט דער צייט פון שטראַוכערס העכסטן פּאָליטישן דערפאָלג האָט אין דער היים, אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבן יוירן די ערשטע אָפּאָזיציע. דער נייער יידישער דור אין דער בוקאָווינע,

דער דור פון שטראַוכערס זין האָט אונטערן רושם און אונטער דער השפּעה פונעם הערצלישן ציוניזם גענומען שפּינען אַרום דעם וואָרט „עברי" אַלץ מער פעדים און קלאַנגען פון יידישן חלום, פון היסטאָרישן ניגון און פון אייגענעם קולטור־אינהאַלט. שטראַוכערס „עברי" האָט מיטאַמאָל אָפּגעקלונגען אין זייער אויער פּוסט און ליידיק און געגענעצט צו זיי פרעמדלעך און מיט פאָרמאַליסטישער הוילקייט. און וואָס שייך דעם ראש הקהלס „אנכי"־קאָנסטיטוציע, האָט די דעמאָקראַטישע וואַל־רעפאָרם פון 1907 וואָס אויף אירע פליגלען איז שטראַוכער דערפלויגן צו דער כמעט פירערשאַפט פון עסטרייכישן יידנטום, אויפגעברויזט דאָס רעבעלישע געמיט ביי דער יוגנט און שטאַרק צעטרייסלט איר דרך־ארץ פאַר אויטאָריטעט. אַ דעמאָקראַטיש אויפגעברויזטע און נאַציאָנאַל צעוואָרעמטע יוגנט האָט זיך דערפילט געפענטעט דורך דער דיסציפּלין פון „געטריישאַפט" און — זי האָט זיך צעבונטעוועט.

דער בונט קעגן שטראַוכערן האָט געקראָגן ממשות, כוח און פּאָליטישן שוואונג ווען אין דער שפּיץ פון די בונטאַוושטשיקעס האָט זיך געשטעלט דער פּראָפעסאָר פון טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט, לעאָן קעלנער. שוין דער פאַקט אַליין וואָס אַ ייד אַ פאַלנע אוני־ווערסיטעט־פּראָפעסאָר וואָס דאַרף לויטן שטייגער זיין אַ משומד אָדער ביים ראַנד פון שמד, האָט נישט מורא צו זיין אַ ציוניסט און זיך צו פאַרנעמען מיט יידישער פּאָליטיק, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די עלטערע און האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון דער יוגנט. אָבער קעלנער איז נישט געווען סתם אַ פּראָפעסאָר, נאָר אײנער פון די וויכטיקסטע שעקספּיראָלאָגן אין עסטרייך און זיין נאָמען האָט געהאַט גרויס פּרעסטיזש ביי דער גוישער אינטעליגענץ. און קעלנער איז אויך ניט געווען סתם אַ ציוניסט, נאָר אַן אינטימער פריינט פון טעאָדאָר הערצל און על פּי טעסטאַמענט דער פאַרוואַלטער פון זיין ליטעראַרישער ירושה — און דאָס האָט געוועבט לעגענדע אַרום זיין געשטאַלט. און דער באַרימטער פּראָפעסאָר און הערצלס פריינט האָט נאָך דערצו פאַרמאָגט אַן אויסנעמלעכן טאַלאַנט צום רעדן, אַ חריפותדיקן הומאָר און אַ וואַרעם יידיש געמיט און — די הערצער און בפרט די יונגע יידישע הערצער זיינען אים פאַרכישופט אַנטקעגן געפלויגן.

די אַנטי־שטראַוכער גרופּע, אָדער די גרופּע פון „פאָלקס־ראַט", ווי זי האָט זיך אָפיציעל גערופן, איז זיך אין משך פון חדשים צע־וואַקסן צו אַ מעכטיקער מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט ביז אין די טי־פענישן אויפגעטרייסלט די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד. און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא פון מיין זייט ווען איך וועל זאָגן, אַז וואָס שייך זעלישע אינטענסיווקייט קאָן די דאָזיקע אויפטרייסלעניש אין קליינעם ראַמען פון בוקאָווינער יידישן לעבן פאַרגליכן ווערן בלויז מיט דעם דרייפוס־אויפברויז אין פראַנקרייך.

ווי „דרייפוס" אין פּאַריז ביים סוף פונעם יאָרהונדערט, אַזוי האָט „פאָלקס־ראַט" אין טשערנאָוויץ מיט צען יאָר שפּעטער צעברוגזט פריינטשאַפטן פון יאָרן, צעטיילט משפחות, פאַרטריבן זיך פונעם טאַטנס טיש און איבערגעבעטן „אייביקע שונאים". שטראַוכער האָט געשטור־רעמט ביי זיינע פאַרזאַמלונגען מיט כעס און מיט חוזק. „וואָס וויל דער מלמד?" — האָט ער געשאָסן פיילן פון שפּאָט אויפן פּראָ־פעסאָרס חשבון. — „ציוניזם? — שטראַוכער האָט דערלאַנגט צו זיין בוזעם־קעשענע, אַרויסגענומען הערצלס בריוו, וואָלפזאָנס בריוו און געליינעט זיי פאַרן עולם און אונטערגעשטראָכן דערביי באַזונדער דעם און יענעם זאַץ — איין מאָל און צוויי מאָל. וואָס וויל דער מלמד? דעמאָקראַטיע? — האָט געברילט שטראַוכערס לייבנשטים און ער האָט גענומען דערציילן וועגן זיין קאַמף קעגן דעם „משפחה־רעזשים" אין קהל־שטוב און קעגן דער קאָרופּציע אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און וועגן אַלץ וואָס בוקאָווינער יידן האָבן אַ דאַנק אים ווירט־שאַפטלעך און פּאָליטיש דערגרייכט.

און אַלץ וואָס שטראַוכער האָט איצט ביי די וואַל־פאַרזאַמלונגען פון 1911 געהאַט צו זאָגן איז געווען אמת און זיכער נישט ווייניקער אמת, ווי מיט צוויי און דריי יאָר צוריק, איידער ס'איז אויפגעקומען דער „פאָלקסראַט". און דער עולם ביי די פאַרזאַמלונגען האָט איצט פּונקט ווי אַמאָל און אַלעמאָל רעאַגירט לויט באַדאַרף אויף שטראַו־כערס רייד מיט ענטוזיאַזם, מיט געשרייען פון הסכמה, מיט אַפּלאָ־דיסמענטן און מיט געלעכטער. נאָר וואָס דען? אַ קעגנער אין זאַל האָט שוין געקאָנט מאַכן אַ צווישנרוף און בלייבן לעבן. און ס'האָט זיך שוין געטראָפן אַז אַ חוצפהניק האָט זיך דערוועגט איבערצופרעגן

דעם ראש הקהל אויף דער טריבונע וועגן עפּעס אַ פּיינלעך מאַ־רקלישן „אַזוי און אַזוי״, און מען האָט אים אויך ניט „אָוועקגעטראָגן אין ווייסע ליילעכער״. דער דרוק פון דעם געשריי וואָס שטראָוכערס „געטרייע״ אין זאָל האָבן אויפגעהויבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער פּרעגער האָט זיך געמוזט באַלד אָוועקזעצן אָבער — געשלאָגן האָט מען בלויז זעלטן אָדער בכלל נישט.

ראשית איז דער ענין מיט די „ווייסע ליילעכער״ געוואָרן אַ ביסל געפערלעך. דעם „מלמדס״ סטודענטן האָבן זיך אָרגאַניזירט און אַנטקעגנגעשטעלט. שנית — און דער שנית איז געווען נאָך גע־פערלעכער. ווארום האָט מען דען איצט אין געדרענג פון געשלעג געקענט וויסן צי מען דערלאַנגט נישט מיט דער פויסט אַ נאָענטן קרוב, צי גאָר אַן אייגענעם זון? אַז וואו אַ הויז האָט דער „פאָלקס־ראַט״ געהאַט זיינס אַ מענטש. זיינען טאַקע די געזונטע און שטאַרקע הענט פון די העקער־יונגען, פון די טרעגערס און פון די שמייסערס ביי דער גאַנצער געטריישאַפט זייערער צו שטראָוכערן געוואָרן אַ ביסל שלאַפער און אין מיטן פון זייער האַרטער רוגזה, אַזוי צו זאָגן, עטוואָס לירישער און פאַרחלומטער.

אין דעם סאָלידן בנין פון שטראָוכערס פּאָליטישער מאַכט און פּרעסטיזש האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן וואָס האָבן קיין מאָל מער ניט געקאָנט פאַרקלעפּט ווערן.

פונדעסטוועגן האָט אַפילו דער מעכטיקער פליץ פון דער קעלנער־באַוועגונג נישט געקאָנט צעברעכן שטראָוכערס פּאָליטישן אַפּאַראַט. בלויז אין רעגיאָנאַל־פּאַרלאַמענט איז קעלנערן געלונגען אַפּצורייסן פון שטראָוכערס בלאָק עטלעכע מאַנדאַטן און צו שאַפן דאָרט אַ „פאָלקס־ראַט״־פראַקציע. וואָס שייך דעם עיקר: זיין אייגענעם מאַנדאַט אין ווינער רייכסראַט איז שטראָוכער אַפּגעקומען מיט שרעק. די סכנה איז געווען גרויס. ער האָט פאַרלאָרן אַ היפּשע צאָל שטימען אָבער ער האָט סוף כל סוף מנצח געווען. ער איז אויסגעקליבן גע־וואָרן אין עסטרייכישן לעצטן פּאַרלאַמענט פון 1911 און איז איצט ווידעראַמאָל געווען דאָרט דער איינציקער יידיש־נאַציאָנאַלער דעפּו־טאַט ווי אין זיינע ערשטע צען יאָר צווישן 1897 און 1907.

אין לעצטן סך־הכל האָט אַפילו די דאָזיקע טיפע און שטורמישע

באַוועגונג פון ז׳ער בוקאָוו׳ינער יידישער יוגנט נישט געקענט אויפ־קומען קעגן דער אויסנעמלעכער פערזענלעכקייט פון אַ פּאָליטישן פירער ווי עס איז געווען בענאָ שטראַוכער. שטראַוכער האָט נישט פאַרמאָגט, ווייט נישט פאַרמאָגט נישט די גלענצנדיקע בילדונג און נישט די רעדנערישע ברילי‍אַנטישקייט פון פּראָפ. קעלנער און אויך נישט די שריפטשטעלערישע באַגאַבונג און די פּאָלעמיש־שאַרפע פען פון קעלנערס הויפּט־געהילף, דעם דעמאָלט נאָך יונגן דר. מאיר עבנער, אָבער ער האָט זיין אייגנס געהאַט עפּעס וואָס איז, ווייזט אויס, די עיקר־פּאָראויסזעצונג פון פּאָליטישן דערפאָלג. ער האָט געהאַט אַ הייסן ווילן צו מאַכט, אַן אייזערנע ענערגיע פון נערוון און פון אַרבעט און ער איז נישט געווען געפּענטעט פון קיין שום אידייען און פון קיין שום פּראָגראַמען.

שטראַוכער האָט דערפאַר אויך איבערגעדויערט דעם פּאָליטישן בייט פון 1918. ער איז צוריקגעקומען פון ווין קיין טשערנאָוויץ און האָט געגומען שפּילן אַ פּאָליטישע ראָל אין רומעניע.

ער איז שוין געווען אַ בן־שבעים. די פּאָליטישע באַדינגונגען אין רומעניע זיינען אים געווען פרעמד. ער האָט נישט באַהערשט די שפּראַך פונעם לאַנד. דאָס בוקאָווינער יידנטום איז איצט געווען דע־פיניטיוו אידעאיש פאַנאַנדערגעטיילט און אָרגאַניזירט. דער נאַציאָ־נאַלער פליגל האָט זיך גרופּירט אַרום זיין וואָרט־זאָגער מאיר עבנער. די יידישע סאָציאַליסטן, ווידער, האָבן אין דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם יעקב פּיסטינער געהאַט אַ פירער מיט אַ קלוגן פּאָליטישן קאָפּ און מיט אַ היפּשן פּראָפּאַגאַנדע־כוח. שטראַוכערס „געטרייע״ זיינען איצט ניט מער ווי אַ קליינע גרופּע מיט ווייניק געזעלשאַפטלעכער השפּעה. אָבער דער אַלטער שטראַוכער האָט זיך נישט געלאָזט אויסוואָרצלען. ער איז געווען אַ בוים וואָס בליט שוין קוים, אָבער פאַרנעמט פונ־דעסטוועגן מיט זיינע קאָרעניעס אַ ברייטן שטח און צווינגט מען זאָל זיך אָנשטויסן אָן אים אָדער אין אַ וויי‍טן היקף אויסמיידן.

צוויי צי דריי מאָל האָט ער נאָך באַוויזן אויסגעקליבן צו ווערן פאַר דעפּוטאַט מיט דער הילף פון קאָאַליציעס מיט רומענישע פּאַר־

טייען און מיט דעם זעלבן כוח איז ער עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד געווען אויך ראש הקהל און געפֿירט די ממשלה אין „יידישן נאַציאָנאַל־הויז“ מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט שטראָף און מיט לויז, ווי אַמאָל ערב 1914.

דער עיקר־לאָזונג וועלכן שטראַוכער האָט איצט אַרויסגעשטעלט ביי וואַלן איז געווען: דאַנקבאַרקייט. „יידיש־נאַציאָנאַל“ איז געשטאַנען אויפֿן צווייטן פּלאַן. איך זע אים פֿאַר מיינע אויגן ביי איינער אַ וואַל־פֿאַרזאַמלונג אין גרויסן זאַל פֿונעם „דייטשן הויז“. ער איז פֿון מיטעלן וואוקס. זיין קערפּער איז אַ פֿולער און נישט קיין שיינער. זיין פּנים מיט דער פּריציש־דיקער וואָנצע דריקט אויס לייבישע תקיפֿות און געוואַגטקייט. לעבן אים אויפֿן באַלעמער זיצט זיין מקורב יהושע ראָזענבלאַט מיט פּריילעך פֿאַרפּלאַמטע בעקעלעך און מיט אַ גרויער באָרד מיט צוויי שפּיצן וואָס צעגייען זיך קיין דרום־מזרח און קיין דרום־מערב ווי ביים באַרימטן דייטשן אַדמיראַל טירפּיץ. יהושע ראָזענבלאַט איז דער באַלעבאָס פֿון אַ ווײַנשענק, וואָס טראָגט, לויט דער אינספּיראַציע פֿון שטראַוכערס אַ וואַל־רעדע וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט „דער ערשטער פּונקט פֿון מיין פּראָגראַם איז דער מינאַריטעטן־שוץ“ — דעם אַ ביסל באַמבאַסטישן נאָמען „צום מינאָריטעטן־שוץ“. אין ראָזענבלאַטס שענק קומט זיך שטראַוכער צונויף מיט זיינע „געטרייע“. און יהושע ראָזענבלאַט איז אויך אַ פּראָפּאַגאַנדיסט מיט דער ספּעציעלער עובֿדה צו דערוויזן מיט פּסוקים פֿון דער סדרה, אַז מען דאַרף שטימען פֿאַר דר. שטראַוכער. ראָזענבלאַטס רעדע איז אָפּט זייער קלוג און וויציק און ברענגט אַריין גוטע שטימונג אין זאַל.

קודם נעמט דאָס וואָרט דער געוועזענער טשערנאָוויצער בירגערמייסטער סאַלאָ פֿאָן ווייסעלבערגער. ער איז אַ הויכער ריכטער אויף פּענסיע, ער איז אַן אַלטער טשערנאָוויצער „קריסט־באום־יודע“ וואָס האָט שטראַוכערס „יידיש־נאַציאָנאַלער“ מאַכט־פּאָזיציע געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זיין בירגערמייסטערשאַפֿט. די רוסישע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט אים אין 1915 גענומען פֿאַר אַ לעבעדיקן משכון און ער איז פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. ער האָט זיך אומגעקערט בשלום, האָט באַקומען דעם טיטל „פֿאָן“ פֿונעם קייסער און איצט איז ער אויף

שטראַוכערס צעטל אַ קאַנדידאַט צום רומעניש ן סענאַט. ווייסעל־בערגער איז נישט בלויז אַ „קריסט־באום־יודע" נאָר ער זעט אויך לחלוטין נישט אויס יידיש. זיין הויכוואוקסיקייט און זיין פאַרשלאָסן פנים דערמאָנען גיכער אין אַ דייטשן גענעראַל, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן ציוויל און איז נישט צופרידן מיט דער אומדיסציפּלין פון זיינע בגדים. וואָס פאַן ווייסעלבערגער האָט געזאָגט געדענק איך שוין נישט, אָבער פאַרבליבן איז מיר אין זכרון אַ מאָמענט פון נאָך זיין רעדע. ווען ווייסעלבערגער האָט פאַרענדיקט און האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט זיך דערהערט אַ פראַגע פון ערגעץ פון די טיפעניש ן פונעם זאַל: „זינד זי, הער דאָקטאָר, איין נאַציאָנאַלער יודע?" ווייסעלבערגער איז נישט איבעראַשט געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט גע־מאַכט עטלעכע אַריסטאָקראַטיש־סאָלדאַטישע שריט ביז צום שטענ־דער און געענטפערט דעם פרעגער קורץ און זאַכלעך: „זעלבסטפאַר־שטענדלעך בין איך יידיש־נאַציאָנאַל".

נאָך אָט דער איבעריקער פראַגע און זעלבסטפאַרשטענדלעכן ענטפער האָט זיך אויפגעשטעלט צום ריידן שטראַוכער אַליין. ער האָט דעם ענין „יידיש־נאַציאָנאַל" געלאָזט אָן אַ זייט. ער האָט גענומען דערציילן וועגן „די גאַנצע ביכער וואָס יעדער שטיין אין טשערנאָ־וויץ רעדט פאַר דר. שטראַוכער" און האָט דערנאָך מיט אַ דראַמאַטישער קראַפט וואָס האָט באַוואונגען און דורכגענומען איעדן אין זאַל, די „אומגעטרייע" פּונקט ווי „געטרייע", אַ שליידער געטאָן דעם עולם אין פנים אַריין: „אַפילו אַ דינסט, וואָס האָט אָפּגעדינט אַזויפיל יאָרן, וואַרפט מען אויך נישט אַרויס".

קיין מער צו דער זאַכיקן פראַגראַמאַטישן עקספּאָזע פון אַ פּאָלי־טישן קאַנדידאַט און מיט מער פּראָפּאַגאַנדיסטישער שטויסקראַפט ווי דעם אַלטן שטראַוכערס רעדע אין יענעם זומער־טאָג אין זאַל פון טשערנאָוויצער „דייטשן הויז" איז מיר, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט אויס־געקומען צו הערן.

ווען שטראַוכער האָט זיך אין די דרייסיקער יאָרן שוין אַ זקן פון אַכציק און אפשר עפּעס מער נאָך, געמוזט צוריקציען פון דער קהילה און האָט זיך באַזעצט אין אַ סאַנאַטאָריע, האָט ער פון דאָרט

נישט אויפגעהערט צו שרייבן מעמאָראַנדומס צו דער פאַרוואַלטונג און קול קוראס צו דער יידישער באַפעלקערונג, כדי צו באַווייזן אַז די בוקאָווינער יידישע פּאָליטיק אין דער היים און אין פּאַרלאַמענט טויג נישט, ווייל „מען האָט אים באַזייטיקט".

ער האָט פשוט נישט געקאָנט לעבן אָן אַ ביסל מאַכט און האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע. דער מעכטיקער בוים שטראַוכער האָט נישט נאָר אויפגעהערט בליען, נאָר ער האָט אויך אָנגעוואָרן אַלע צווייגן, די גאַנצע משפחה איז אָוועקגעשטאָרבן ביי זיין לעבן: די פרוי, די איינציקע טאָכטער און ביידע זין. ער איז גע־בליבן איינער אַליין, אַלט און עלנט אין סאַנאַטאָריע. פריש און לע־בעדיק האָט זיך בלויז דערהאַלטן זיין באַגער נאָך מאַכט.

אין זומער 1940 איז טשערנאָוויץ וואָס ער האָט זי פאַרטראָטן אין ווינער רייכסראַט און דערנאָך אין דער בוקאַרעשטער קאַמער, גע־וואָרן סאָוועטיש. אַרום יענער צייט — האָט מען מיר איבערגעגעבן — האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן מעמאָראַנדומס און קול קוראס. דער ניינציק־יאָריקער זקן האָט פונדעסטוועגן אָבער נישט אויפגע־הערט צו דערציילן זיינע „אויפרופן" בעל פה. ער האָט פאַר יעדן וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ביסל געדולד אים אויסצוהערן פאַנאַנדער־געלייגט זיינע טענות קעגן דעם „אומגעטרייען געזינדל" וואָס האָט אים פאַראַטן און מאַכט אַ תל פון זיין קהילה און פון דער „יידי־שער פּאָליטיק", וועלכע ער האָט מיט זיינע כוחות אויפגעשטעלט און אויסגעבויט. ביז צו די סאַמע לעצטע מינוטן פון זיין לעבן וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ פרילינג־טאָג פון יאָר 1941, האָט ער אין זיין אייגענעם דמיון זיך געזען נישט אַנדערש ווי אין דער געשטאַלט פון אַ טראַגישן קיניג ליר וואָס האָט פאַרטיילט די מלוכה צו אומווערדיקע יורשים אין זיי האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט שרעקלע־כער אומדאַנקשאַפט.

(1946)

צירעלסאָן און דער מלבי״ם

דער פון אַ נאַצישער באַמבע טראַגיש אומגעקומענער רב הכולל פון בעסאַראַביע ר׳ יהודה לייב צירעלסאָן, איז בלי שום ספק געווען די פּאָרביקסטע און שטאַרקסטע פּערזענלעכקייט וואָס דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום אין רומעניע האָט אַרויסגעגעבן זינט די טעג פונעם מלבי״ם. עס קען זיין אַז וואָס איז שייך גייסטיקן כוח וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן האַלטן אַז דער פאַרשטאָרבענער באַקוועמער רב ר׳ בצלאל שאַפּראַן איז ניט אָפּגעשטאַנען פון צירעלסאָנען אין בקיאות און אַז דער טשערנאָוויצער מורה הוראה ר׳ משולם ראָט שליט״א האָט דעם קעשענעווער רב אַריבערגעיאָגט אין פּרט פון עמקות, פרומקייט און אַסקעטישער לעבנס-פירונג. זיכער איז אָבער, אַז סיי שאַפּראַן און סיי ראָט האָבן ביידע ניט פאַרמאָגט ניט צירעלסאָנס אינטעלעקטועלן גלאַנץ, ניט זיין געזעלשאַפטלעכע וואָג און השפעה און אוודאי ניט זיין גרויסן טאַלאַנט פון אַ פּאָליטישן פירער און אָרגאַניזאַטאָר.

און ווי אַ פּאָליטישער פירער און אָרגאַניזאַטאָר, ווי אַן אָרטאָדאָקס מיט אַ קלאָרן געזעלשאַפטלעכן פּראָגראַם באַגעגנט זיך דער פאַרשטאָרבענער קעשענעווער רב אויף דער היסטאָרישער אַרענע פונעם רומענישן יידנטום מיט איין און איינציקן זיינסגלייכן: מיטן מלבי״ם ז״ל, וועלכער איז מיט אַכציק יאָר צוריק געזעסן אויפן כסא-הרבנות אין דער רומענישער רעזידענץ-שטאָט בוקאַרעשט.

אין די פופציקער און אַפילו אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט בוקאַרעשט פאַרמאָגט אַ געדיכטן און מאַסיוון יידישן שטייגער. די שפּראַך פון די יידישע קרעמערס און בעל-מלאכהס איז געווען יידיש; דער לעבנס-נוסח — דער נוסח פון פרומער און טראַדיציאָנעלער יידישקייט; דער אָרט פון געזעלשאַפט-

לעבן צונויפקום — די קלויז און דער פירער און באַראַטער — דער רב.

דאָס וואָס מען רופט השכלה, דאָס האָבן אין דעם לאַנד פון „גערעכטע פּאָפּשויעס און פעטע אָקסן" אַראָפּגעבראַכט עטלעכע גאַליצישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן דאָ מיט דייטשע דאָקטאָר־דיפּלאָמעס אין האַנט געזוכט פּאַר זיך אַ בעסער און לייכטער שטיקל ברויט. צווישן די „אַראָפּברענגער" איז דער אינטערעסאַנטסטער און איידלסטער געווען יענער פרומער יונגערמאַן פון דער גאַלי־צישער ק"ק טיסמעניץ וואָס האָט זיך נאָך דער חתונה גענומען שטודירן אויף דאָקטאָר אין בערלין און אין לייפּציג און איז דערנאָך אין בוקאַ־רעשט געוואָרן איינער פון די טאַטעס פון רומענישער מעדיצין, דער מיטבאַגרינדער פונעם מעדיצינישן פאַקולטעט און דער לערער פון אַ דור דאָקטוירים. ער האָט געהייסן יוליו באַראַש און איז געווען פאַר דער קורצער צייט פון זיין לעבן (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 47 יאָר) דער גייסטיקער פירער פונעם מענדעלסאָניזם אין רו־מעניע. נאָר דער גייסטיקער, וואָרעם די מענדעלסאָנישע פּראַקטי־קער זיינען געווען עטלעכע רייך געוואָרענע יידן, וואָס האָבן באַזוכט די לייפּציגער ירידים און דאָרט מיט אייגענע אויגן געזען די שיינע טעמפּלען אין די שטעט פון דייטשלאַנד און עסטרייך און אַהיים געבראַכט מיט זיך אַ בענקשאַפט נאָך אַ „געאָרדנטן און האַרמאָנישן גאָטעסדינסט פון וועלכן די גויים זאָלן ניט דאַרפן חוזק מאַכן".

די מענדעלסאָנישע פּראַקטיקער האָבן דעמאָלט קיין גרויסע השגות ניט געהאַט. זיי האָבן חלילה ניט פאַרלאַנגט קיין טיפע רעליגיעזע רעפאָרמען. זיי האָבן ניט געחלומט פון זונטיק אַנשטאָט שבת אָדער אָפילו פון אַ מיידלשן כאָר אין טעמפּל. אפשר האָבן זיי זיך אַליין נאָך געשראָקן פאַר אַזעלכע פאָדערונגען און אפשר נאָך מער ווי פאַר די פאָדערונגען האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן מלבי"ם. זיי האָבן מן הסתם געוואוסט אָדער מעגלעך בלויז געאַנט, אַז דער בוקאַרעשטער רב ר' מאיר לייבוש איז ניט פון יענעם מין דייטשע רבנים וואָס מאַכן לייכט אַ פּשרה מיטן „פּראָגרעס". דאָס איינציקע אויף וואָס די רייכע בוקאַרעשטער יידן האָבן מיט אַכציק יאָר צוריק געבעטן די הסכמה פון זייער רב איז געווען: אַ טעמפּל מיט

אַן אָרגל און אַ חזן וואָס זאָל דאַוונען אַן געקרייזלטע דריידעלעך אין אַ שיינעם העברעאיש מיט דער טעמפּלישער חברה.

און דעם מלבי״מס ענטפער אויף אָט דער באַשיידענער **בקשה?** ער האָט געשריבן אין אַ קול־קורא: „דאָס הייסט אָוועקגיין פון די עיקרים! דאָס איז אַפּיקורסות! און וואָס עס מיינט אַפּיקורסות און וואָס עס זיינען אירע רעזולטאַטן—אויף דעם לאָזט זיך לייכט ענטפערן: אומאָרדענונג, קעגנערשאַפט צו טראַדיציע, מאַנגל פון דיסציפּלין, איינגעשפּאַרטקייט. אָט דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אַפּיקורסות״.

איך שטרייך אונטער די ווערטער: „קעגנערשאַפט צו טראַדיציע און מאַנגל פון דיסציפּלין״. דער מלבי״ם האָט געהאַט די קלאָרע וויזיע, אַז די קלענסטע שפּאַרונג וואָס וועט דורכגעהאַקט ווערן אין דער מאַסיווקייט פונעם יידישן לעבנס־שטייגער אין רומעניע, וועט שטעלן אין סכנה די גאַנצע קולטור־פאָרם. עס גייט נישט, האָט ער פאַרשטאַנען, וועגן טעמפּל מיט דעם אָרגל און מיט דער טעמפּלישער חברה, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן דעם צי עס זאָל אין דער צוקונפט נאָך עקזיסטירן אַ קאָנקרעט יידיש פאָלק מיט אַן אייגענער גייסטיקער דיסציפּלין און אַן אייגענעם קולטור־פּרצוף, אָדער עס וועט געענוג זיין אַ טעמפּל מיט לויזע גאָטעסדינסט־פאַרשריפטן און מיט נאָך לויזערע לעבנס־רעגולאַציעס.

דער מלבי״ם האָט געוואָלט אַ קאָנקרעט, פרום און לעבעדיק יידיש פאָלק, וואָס זאָל קאָנען וואַרטן און אָקעגנגיין משיחן, ווען עס קומען עס איז לויט זיין אמונה און לויט זיינע קבלה־חשבונות געווען בלויז אַ פראַגע פון געציילטע יאָרן.

דערפאַר האָט דער קאַמף אַרום דעם בוקאַרעשטער טעמפּל גע־מוזט אָננעמען אַזעלכע פאָרמען פון טיפערליידנשאַפט און דערפאַר איז דער קאַמף אויך געווען אַזוי גאַליק־ביטער. דער מלבי״ם האָט געהאַט די פאַר אים שרעקלעכע זעאונג אַז אונטער די ציגל פונעם קאָר־טעמפּל ווערט חרוב דער אידישער שטייגער. אָבער די עטלעכע גאַליצישע אינטעליגענטן און די עטלעכע רייכע בוקאַרעשטער יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען מה כל רעש. זיי האָבן דעם מלבי״מס אומקאָמפּראָמיסלעכע שטעלונג אויסגעטייטשט ווי תקיפותדיקע ביי זוויליקייט און פאַנאַטישע עקשנות.

מיט זעכציק יאָר שפּעטער האָט דער קעשענעווער רב צירעלסאָן, אמת, מיט מער פּאָליטישער בויגעוודיקייט אָבער מיט דער זעלבער גייסטיקער עקשנות, געקעמפּט פאַר איינהאַלטן אַן אייגענע קולטור־צורה פאַרן בעסאַראַבער יידנטום. די סכנה וואָס האָט געלויערט אויפן לעבעדיקן יידישן ישוב, דאָס מאָל פון אַקערמאַן ביז כאָטין, איז געווען ניט דער אָרגל פונעם טעמפּל, וועלכער האָט אַמאָל, בימי מלבי״ם געמינעוועט דאָס אַלט־רומענישע יידנטום מיט זיינע זיסע מעלאָדיעס, נאָר דער באַס פון וועלטלעכע „איזמען״ וואָס האָט אַ רעווע געטאָן מיט גרויס אימפּעט אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

צוגלייך מיטן מלבי״ם האָט דער קעשענעווער רב געפּרואווט זיך אַקעגנשטעלן, אַזוי צו זאָגן, מיטן אייגענעם גוף די שווערע געפאַרן וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון אינעווייניק און פון דרויסן אַקעגן זיין יידיש פאָלק פון דאַוונערס, פון מחזיקי שבת און פון שפּאַנערס אין עול פון מצוות. אויך די פּאַרטרעטער פון די „איזמען״ האָבן געהאַט ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און געגלויבט אין זיין קיום, אָבער פונ־דעסטוועגן האָט זייער קאַמפּס־ליידנשאַפט ניט געקענט פאַרמאָגן יענעם העלן ברען פון דער לעצטער שעה און ניט געקענט גרייכן ביז פאַר־צווייפלונג, וואָרעם זיי, די „איסטן״, האָבן דאָך געהאַט זייערע אי־דעאַלן. די סאָציאַליסטן — דעמאָלט אַ מענטשהייט אין אויפשטייג; די ציוניסטן — אַן אייגן לאַנד אין ווערן, און די יידישיסטן — די אי־לוזיע פון קיום דורך שפּראַך.

צירעלסאָן, ווי אַמאָל דער מלבי״ם, האָט געהאַט בלויז איין אי־דעאַל, און דער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אידעאַל־לאָזיקייט, דאָס הייסט, דאָס פאָלק זאָל בלייבן ווי עס איז איצט, כדי צו קענען לעבן מיטן אידעאַל פון משיחן. און ביידע, דער מלבי״ם און צירעלסאָן, זיינען געווען טראַגישע פיגורן שוין דערפאַר וואָס זיי האָבן געזען קלאָרער פון אַנדערע, קלאָרער פון די גלויביקע און קלאָרער פון די גלייכגילטיקע, אַז דאָס יידישע לעבן וואָס איז פאַר זיי געווען יסוד און ציל קרישלט זיך, צעשטויבט זיך און האַלט ביים אונטערגיין.

און אַט די העלע זעאונג זייערע, אַט די, וואָלט איך געזאָגט, פּע־סימיסטישע מורא, האָט ביידע גרויסע פיגורן פון רומענישן יידנטום אָנגעגורט מיט יענער קרבנות־גרייטקייט און העראָאישער עקשנות,

וועלכע מיטצייטלער האָבן צומאָל אַ טבע צו פּאַרקוקן, אָבער די קו־מענדיקע דורות וועלן זיכער באַוואונדערן און גלאָריפיצירן.

דער מלבי״ם האָט זיך מיט אַכציק יאָר צוריק אָקעגנגעשטעלט מלכות, זיך דערוועגט צו זאָגן אַ הארב און ווערדיק וואָרט ניט נאָר זיינע „שונאים פון אינעווייניק״, נאָר אויך די רומענישע מושלים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די טעמפּל־יידן. ער האָט דערמיט גע־שטעלט אין סכנה זיין רבנות, זיין פרייהייט און אויך זיין לעבן. אין אָט דעם קאַמף מיט דער רעגירונג איז ער באַזיגט געוואָרן. די מיניסטאָרן האָבן אים געשטעמפּלט פאַר אַ „פאַרשווארצער, אַ באַ־שמוצער פון רומענישקייט״ און אים סוף כל סוף אַרויסגעטריבן פון לאַנד. אין יענעם טאָג פון 18טן מערץ, 1864, ווען דער מלבי״ם האָט געמוזט פאַרלאָזן רומעניע און איז אַריבערגעפאָרן דעם דונאַי קיין דזשורדזשו,—דערציילט אונדז משה שוואַרצפעלד אין זיין באַראַש־ביאָ־גראַפיע, וואָס איז געשריבן מיט היפש משכילישער שנאה צום מלבי״ם און צו זיין „אַנטי־פּראָגרעסיווקייט״ — האָט אַ גרויסער המון יידן באַ־גלייט דעם פאַרטריבענעם און יאָמערלעך געוויינט וואָרעם דער עולם האָט אים ממש פאַרגעטערט אַדאַנק דעם אופן ווי אַזוי ער האָט פאַר־שטאַנען צו זיי צו רעדן.

ווען צירעלסאָן האָט נאָך די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין פּאַקשאַן רעזיגנירט פון סענאַט, ווייל די סענאַטאָרן האָבן באַשלאָסן ניט אָפּצו־דרוקן זיין רעדע אין סענאַט־פּראָטאָקאָל און די מיניסטאָרן האָבן אים, ווי אַמאָל זייערע קאָלעגן מיט זיבעציק יאָר צוריק דעם מלבי״ם, געשטעמפּלט פאַר אַ „באַשמוצער פון רומענישקייט״ האָט נישט קיין קלענערער יידישער המון אים אויפגענומען אין קעשענעוו און הונדער־טער טויזנטער האָבן אים אַרומגענומען ביי זיך אין האַרצן מיט נישט ווייניקער ליבשאַפט און באַוואונדערונג, ווי עס איז מיט צענדליקער יאָרן צוריק צוגעטיילט געוואָרן דעם בוקאַרעשטער רב, ווען ער האָט זיך געזעגנט אויפן וואַגן (די לעגענדע וויל: אויף אַ וואַגן פון מיסט) צו פאָרן צום פּאָראָם וואָס פירט איבערן דונאַי קיין בולגאַריע.

ביידע אי דעם מלבי״ם און אי צירעלסאָנען האָבן די מיטצייטלער אויפגעוואָרפן זייער אויטאָריטאַרישקייט און זייער תקיפות. און די מיטצייטלער זיינען אין ביידע פאַלן געווען גערעכט. דער פענאָמען פון

רבנים וואָס מיינען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט ערנסט דעם קאַמף פאַר זייער יידישקייט און ווייסן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן קאַמף, האָט זיך אין דער מאָדערנער געשיכטע פון רומענישן יידנ־טום מיט אַזאַ בולטקייט און מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקייט איבערגעחזרט בלויז צוויי מאָל: אין בוקאַרעשט אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט און אין קעשענעוו אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט.

דער אַפּאַראַט פון די קלויז־גבאים האָט אין ביידע פאַלן פונק־ציאָנירט נישט ערגער ווי, לאָמיר זאָגן, דער אַפּאַראַט פון די פּאַר־טרזיענס־מענער אין דער אויסגעמלעך גוט אָרגאַניזירטער ווינער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די פאַרבינדונגען צווישן די איינצלנע פרומע חברות, די פאַרבינדונגען צווישן די שולן און דעם רב זיינען געווען איינגעשטעלט מיט צוועקמעסיקייט. סיי דער מלבי״ם און סיי צירעלסאָן זיינען געווען די העכסטע שטאַפּלען פון אַ גוט אָוועקגע־שטעלטער אָרגאַניזאַטאָרישער לייטער און האָבן זיך געקענט שטיצן אויף זייערע אָרגאַניזאַציעס מיט דער זיכערקייט פון פּאַרטיי־פירער.

און צו דער זעלבער צייט זיינען די צוויי פּאָליטישע רבנים אויך געווען די גדולי התורה פון זייער דור. עס איז אין זיי ביידע געווען אַ ניצוץ פון יענער וואונדערלעכער כעמישער צונויפשמעלצונג פון תורה און פּאָליטיק, פון גייסטיקייט און געזעלשאַפטלעכן ווילן וואָס איר שענסטער פאַרטרעטער אין אונדזער געשיכטע איז, דאַכט זיך, געווען עקיבא בן יוסף.

דער מלבי״ם — באַרימט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט ווי אַ מפרש פון דער תורה, ווי אַ מקובל און ווי דער מחבר פון אַ היפּש ביסל „משל ומליצה״ איז צו דער זעלבער צייט אויך געווען אַ ליידנ־שאַפטלעכער טריבון. ער האָט געזען סכנות, ער האָט געגלויבט אַז ער קאָן זיי אָפּווענדן, איז ער נישט זיצן געבליבן מיט גייסטיקער גאוה (זי פירט צו גלייכגילטיקייט) אויף זיין כסא־הרבנות. ער איז געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר, האָט געפּרואווט איבערצייגן, משפּיע זיין, זיך איינצו־שטעלן. ער האָט געפּרואווט צו — זיגן. ער האָט פאַרלוירן דעם קאַמף און אין יענעם 18טן מערץ 1864 ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן רו־מעניע, איז פאַרזיגלט געוואָרן דער גורל פונעם אַלטרומענישן יידנטום.

דער יידישער לעבנסשטייגער מיט קלויז, מיט שבת, מיטן ריח פון טראַדיציע און מיט אַן אייגענעם קולטור־פּנים האָט גענומען פּאַוואָליע אָפּראַמען דעם וועג פאַרן טעמפּליזם וואָס איז פון נאַציאָנאַל־גייסטיקן שטאַנדפּונקט אַ קאָמבינאַציע פון חצי עם הארצות און חצי פּאָליטור פון פרעמדקייט.

צירעלסאָן, דער מחבר פון „שאלות ותשובות״, מיט אַן אָנזען אין דער לומדישער וועלט, אַ פּובליציסט מיט אַ סך לאָגישער חריפות און, ווי דער מלבי״ם, אַ געניטער שלייפער פון העברעאישן פערז לויטן אַלטן נוסח, איז, ווי דער מלבי״ם, צו דער זעלבער צייט און צוליב די זעלביקע זעלישע מאָטיוון געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער, אַ פלאַמפייערדיקער רעדנער און אַ דרייסטער אָרגאַניזאַטאָר. אויך ער בלייבט ניט זיצן אין זיין עלפענביין־טורעם פון תורה און לומדות. אויך ער שטעלט זיך קעגן זיינע אייגענע פעסימיסטישע זעאונגען מיטן כוח און מיט עקשנות און... אויך ער ווערט באַזיגט.

דער מלבי״ם און צירעלסאָן זיינען געווען די לעצטע פון טראַגישער שיינקייט באַלויכטענע גרויסע קעמפער פאַר פרומער יידישקייט אין רומעניע.

(1941)

דער טשערנאָוויצער רב

אַ בוקאָווינער יידישער כלל־טוער וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טשערנאָוויץ און געפינט זיך איצט אויפן אינזל ציפּרוס, האָט אין אַ בריוו קיין ניו יאָרק באַשטעטיקט, אַז אין די טעג צווישן 5טן און 10טן יולי, 1941, האָט די רומענישע מיליטער־קאָמאַנדע אומגעבראַכט אַן ערך צוויי טויזנט יידן און צווישן זיי „אונדזער ראַבינער דר. מאַרק".

„אונדזער ראַבינער" — דאָס איז די ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק. זינט די פופציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ד. ה. זינט דער צייט ווען די אויפגעקלערטע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין דער קהילה און דערנאָך זיך פאַרגלייכט מיט די אָרטאָדאָקסן, האָט טשערנאָוויץ געהאַט דריי רבנים־דאָקטוירים מיטן טיטל „אָבער־ראַבינער". דער ערשטער האָט געהייסן דר. לאַזאַר איגעל און האָט ביז צום יאָר 1873 געטראָגן דעם נאָמען „לאַנדעס־ראַבינער". דר. איגעל איז דווקא געווען אַ לעמבערגער ייד אָבער אין דעם פאַרוואָרפענעם סלאָוויש־מאָלדאַווישן לענדל וואָס האָט דעמאָלט קוים קנאַפּע הונדערט יאָר גע־הערט צו עסטרייך איז ער פונדעסטוועגן געוואָרן דער עקספּאָנענט פון „פרייזיניקער דייטשקייט". ווען פּרץ סמאָלענסקין און זיין ברודער לעאָן זיינען אויף זייער רייזע פון אָדעס קיין מערב־אייראָפּע פאַר־בייגעפאָרן טשערנאָוויץ זיינען זיי טאַקע איינגעשטאַנען ביים אָבער־ראַבינער דר. איגעל *), אָבער דאָס האָט, ווייזט אויס, דעם טשערנאָ־וויצער רב ניט פאַרשאַדט. ער איז געבליבן אומבאַרירט פון סמאָלענס־קיס נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

---

*) מאַנפרעד רייפער: היסטאָרישע שריפטן, טשערנאָוויץ, 1938 (דייטש).

דר. איגעלס נאָכפֿאָלגער איז געווען דער קלוגער אונגאַרישער ייִד, דר. יאָזעף ראָזענפֿעלד. איך פֿערזענלעך געדענק אים בלויז פֿון די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, וואָס זיינען געווען די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן. איך זע אים ביי שטורמישע זיצונגען פֿון יענער שטורמישער צייט, וואָס האָט געשוואַנגערט מיט אַזוי פֿיל נאַציאָנאַלע האָפֿענונגען. ער איז אַ מיטלוואוקסיקער מיט אַ קיילעכדיק ווייסער באָרד און מיט אַ פּאָר קילע סקעפּטישע אויגן. דאָס פּלאַכע סאַמעט־טענע יאַרמולקעלע, וואָס דאַרף אים אָפּשיידן פֿון די איבעריקע דאָקטוירים און אַפּיקורסים אַרום דעם טיש, האַלט ער איין פֿערטל שעה אויפֿן קאָפּ און דריי פֿערטל שעה אין דער האַנט און אויפֿן טיש. עס איז אים שווער צו זיין אַנדערש ווי די אַנדערע. דר. ראָזענפֿעלד איז אַ חריפֿותדיקער דיפּלאָמאַט און די פּאַרטייען מאַכן אים גערן פֿאַר זייער בורר, וואָרעם ער איז נישט נאָענט צו קיינער פֿון זיי. פֿאַר אים, דעם סקעפּטיקער, זיינען ציוניסטן און בונדיסטן אַלץ איינס. ביידע לויפֿן זיי נאָך דער כימערע פֿון אידעאַלן און זיינען פֿאַרטאָן אין געזעלשאַפֿטלעכער אומפּראַקטישקייט.

און וואָס האָט פֿאַר דר. ראָזענפֿעלדן יאָ געהאַט אַ ממשות? פֿאַר אים האָט געגאָלטן גוט־אָרגאַניזירטע צדקה, וואָס העלפֿט דעם מאַ־טעריעלן אויפֿשטייג פֿונעם יידישן יחיד און גוט דיריגירטע צופּאַסונג צו דער קולטור פֿונעם לאַנד, וואָס פֿאַרלייכטערט דעם יחיד דעם אויפֿבוי פֿון זיין קאַריערע און פֿון זיין געזעלשאַפֿטלעכער חשיבֿות. האָט ער טאַקע ניט געפֿעלט ביי קיין שום פֿילאַנטראָפּישער אַקציע, ניט פֿון די היימישע און ניט פֿון די אויסלענדישע יידן. און וואָס שייך דעם פּונקט צוויי: קולטורעלע צופּאַסונג, האָט דער אָבער־ראַבינער, וואָס איז אונטער קירהס הערשאַפֿט און דערנאָך עטלעכע יאָר אונטערן רומענישן רעזשים, געווען על פּי געזעץ דער פֿאַר־וואַלטער פֿון די יידישע מעטריקעס, אין זינען געהאַט אַז די טשער־נאָוויצער אַוורעמעלעך, הערשעלעך און פֿייוושלעך זאָלן פֿאַרשריבן ווערן נישט אַנדערש ווי אַדאָלף, הערמאַן און אַלפֿרעד. ווען דער קלוגער און פּראַקטישער דר. ראָזענפֿעלד וואָלט געקענט זען אַז פֿון דער „קולטורעלער צופּאַסונג“ האָט זיך אויסגעלאָזט ניט מער ווי אַ געפּיל פֿון פּיינלעכער בושה פֿאַר יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען

פאַרמשפּט געוואָרן צו טראָגן היטלערס, גערינגס און ראָזענבערגס נאָמען, וואָלט ער מן הסתם געוואָלט ווידער לעבעדיק ווערן כדי גרינטלעך חרטה צו האָבן. און אפשר, פאַלט מיר איין, בין איך זיך טועה. קען זיין אַז דער אָבער־ראַבינער, וואָס האָט אָפּגעלעבט כמעט זיין גאַנץ לעבן אין דעם מילדן פראַנץ־יאָזעפינישן קולטור־קלימאַט, וואָלט בלויז געווען צופרידן, וואָס ער איז באַצייטנס גע־שטאָרבן.

די קורצע פּאָרטרעטן פון די ערשטע צוויי „אָבער־ראַבינער" זיי־נען געווען נויטיק כדי צו פאַרשטיין אויף ווי ווייט דער דריטער איז לויט אָפּשטאַם, לויט דערציאונג און לויט אידייאישער אָריענטאַציע געווען ממש אַ רעוואָלוציע פאַר טשערנאָוויץ. קודם איז אברהם יעקב מאַרק געווען „אַן אונדזעריקער" שוין דערמיט וואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן נישט אין אונגאַרן און נישט אין אַזאַ כרך ווי לעמבערג, נאָר אין אַ קליין יידיש שטעטל ביים דניעסטער, אין מיין שטעטל איסטיטשקע סמוך להאָראָדענקע. זיין מאַמע חיה־איטע די שניטקרע־מערקע איז געווען אונדזער שכנה. זי האָט מיין מוטער און אַנדערע יונגע ווייבלעך געגעבן רפואות און עצות פאַר די קינדער און מיט־געהאָלפן שפּינען חלומות וועגן זיי. דער פאָטער ווידער, ר' משה לייב — דער איז קיינעמס שכן נישט געווען. אים האָט כמעט קיינער ניט געקענט. וואָרעם וואָס פאַראַ קענטשאַפט האָט געקענט זיין מיטן אַלטן משה־לייב, אַז די אויערן האָבן אים שוין לאַנג ניט געדינט און די אויגן האָט ער כמעט שטענדיק געהאַלטן אין דער גמרא?

דער יינגסטער פון די זין, אברהם יעקב איז געגאַנגען אין פאָטערס דרכים. ער האָט עוסק געווען אין תורה. מיין פעטער ר' חיים דרעשער, אַליין אַ ייד אַ לערנער און אַ ייד אַ גרויסער קענער, פלעגט ליב האָבן צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט משה לייבס מעזיניק געבראַכט קיין טשערנאָוויץ צו ר' בנימין הכהן וויס און דער שטרענ־גער רב האָט ניט נאָר סמיכה געגעבן, נאָר פאַר צופרידנקייט אויך אַ קוש אין שטערן.

האָט זיך אַר״ינגעמישט די השכלה. זי האָט אברהם יעקבן באַקענט מיט מיין טאַטן וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פאַר אַן אײדעם אין שטעטל, אים געלאָזט נאַשן פון זיין רייכער ביבליאָטעק און אים דערנאָך

געהייסן פאָרן נאָך אַ נייער סמיכה קיין טשערנאָוויץ — נאָך אַן עק־זאַמען פון דער דייטשישער גימנאַזיע. די דאָזיקע בשורה האָט, פאַר־שטייט זיך, קיינער דעם אַלטן משה לייב נישט אונטערגעטראָגן. אָבער ער האָט זי דווקא וואו אַרומעט דערהערט און, ווי מיין מאַמע גיט אי־בער, זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט פאַר צער און פאַר מורא.

די מורא איז געווען אַן איבעריקע וואָרעם מנצח געווען האָט ניט דער עקזאַמען נאָר די סמיכה. די השכלה פון טשערנאָוויצער גימ־נאַזיע און פון ווינער אוניווערזיטעט איז געבליבן אַ טפל צו דער סמיכה. זי איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון פרומקייט. ווען דר. אברהם יעקב מאַרק איז אין עלטער פון עפּעס איבער פערציק נאָך עטלעכע יאָר רבנות אין ביליץ־ביאַלאַ (אַ פאַרדייטשטע צווילינגס־שטאָט אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט) אָנגעקומען פאַר רב הכולל אין זיין כמעט־היימשטאָט טשערנאָוויץ, האָט ער זיך אָנגע־שטויסן ראשית אויף דער נאַטירלעכער פיינטלעכקייט, וואָס ווערט זיך קעגן „נביא אין זיין אייגענער היים" און שנית אויף אַ טראַדיציע פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט אָבער־ראַבינערשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען אין קאַמף פון די אויפגעקלערטע קעגן די פרומע און האָט זיך אַנטוויקלט מער צו אַ געזעלשאַפטלעכן פאָסטן ווי צו אַ גייס־טיקער אינסטיטוציע.

איז אים טאַקע לכתחילה אָנגעקומען שווער. ער האָט געהאַט צופיל שמייכלערס צווישן די פרומע און אַ שפע פון צווייפלערס צווישן דער אַן צאָל דאָקטוירים אין טשערנאָוויץ. ער האָט די פרומע איבערצייגט מיט זיין פרומקייט און די אינטעליגענטן האָט ער באַצוואונגען מיט זיין אידעאישער פעסטקייט און מיט זיינע מוטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט טשערנאָוויץ שוין פאַר־מאָגט אַ נייעם טיפּ אָבער־ראַבינער. די טראַדיציע איגעל־ראָזענפעלד וואָס האָט דאָס רבנות צוגעלאָזט דעם אָרטאָדאָקסישן רב און אַליין בלויז געזעלשאַפטלעך רעפּרעזענטירט, האָט דר. מאַרק דעפיניטיוו געבראָכן. דער אָבער־ראַבינער האָט איצט געלערנט גמרא מיט יידן אין אַ קליין צימערל פון גרויסן טעמפּל, האָט אין זיבען געהאַט דינים פון כשרות, איז געווען „מזרחיסטיש"־פּאַרטייאיש אין דער וועלט פון

יידישע אידעאַליזמען און איז מיט איינעם וואָרט געוואָרן אַ היטער פון דעם יידיש־רעליגיעזן דין קעגן דעם קאַפּריז פון וועלטלעכקייט און ניט פאַרקערט ווי זיינע פאָרגייער.

דערמיט האָט זיך דער שטול פון אָבער־ראַבינער ממילא אויך סאָציאָלאָגיש אַ דריי געטאָן מיט מער ווי אויף אַ האַלבן ווינקל אַוועק פון דער אינטעליגענץ צום פאָלקסמענטש. אַזוי ווי דער פרומער ייד האָט אין אָבער־ראַבינער איצט געזען אויך אַ רב, האָט ער אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר זיין דייטשער דרשה און האָט זי, פאַרקערט, גע־סמאַקעוועט. ער האָט געגומען שטאָלצירן מיט דר. מאַרקס שיינער באַלעמער־רעדנעריי (לויט מיין געשמאַק אזוי זי געווען אַ ביסל צו גע־טאָקט, צו גלאַטיק, צו זייער „געריעדט ווי געדרוקט") ווי אַמאָל דער־מיט וואָס דער אָרטאָדאָקסישער רב בנימין הכהן ווייס האָט געקענט האַלטן אַ דרשה אויף דייטש.

אַוודאי האָט דערפאַר דר. מאַרק נישט געקענט פאַרנעמען יענע געזעלשאַפטלעך־רעפּרעזענטאַטיווע פּאָזיציע ווי זיינע פאָרגייער. ער האָט ניט פאַרמאָגט ניט די טעאַטראַלישע ווערדיקייט פון דר. איגעל און ניט די דיפּלאָמאַטישע בויגעוודיקייט פון דר. ראָזענפעלד. נאָך מער. זיין געטריישאַפט צו אַן אייגענעם ציוניסטישן פּאַרטיי־פּראָגראַם און זיין עכטער רעליגיעזער אייפער האָבן אים געזעלשאַפטלעך אָפּט געמאַכט אומבאַהאָלפן און געשאַפן אַפילו אַ דיסטאַנץ צווישן אים און אַזעלכע קרייזן, וואָס מען האָט געקענט לייכט געווינען מיט אַ ביסל מער פערזענלעכער און אידייאישער עלאַסטישקייט.

ער איז פּאָליטיש־רעפּרעזענטאַטיוו געשטאַנען אין שאָטן. נאָר פון צייט צו צייט ווען ער האָט געמוזט אַרויסטרעטן האָט ער דאָס געטאָן מיט ווערדע און מיט קוראַזש. זיינע מוטיקע ווערטער פון צער און פּראָטעסט ביי דער פאָלקס־לוויה פונעם יידישן סטודענט פאליק (פּרי־האַרבסט 1927) וואָס איז אומגעקומען פון אַן אַנטיסעמיטישער קויל, האָבן בשעתם געמאַכט אַ רושם און אָפּגעקלונגען איבערן לאַנד.

אָבער דער עיקרשט האָט דער דריטער טשערנאָוויצער אָבער־ראַבינער זיין אַמט צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ כסא רבנות, געמאַכט פון איר צוריק אַ מורה הוראהשאַפט פאַר כל העם. פון אָבער־ראַבינער דר. אַבראַהאַם יאַקאָב מאַרק איז געוואָרן הרב אברהם יעקב מאַרק. און איצט

קומט דער קולמינאַציע־פּונקט פון דער פּאַרוואַנדלונג פון אָבער־ראַבי־נאַט אין רב: דער טשערנאָוויצער מורה הוראה גייט אין טויט אַריין מיט אַ גרויסן טייל פון זיין קהילה און ווערט באַגראָבן (עס וואַכט אויף די דערמאָנונג פון די רבנים־קדושים אין די צייטן פון גזירות ת״ח ות״ט) אין אַ מאַסן־קבר ביים ברעג פון טייך פּרוט אינאיינעם מיט צוויי טויזנט יידן.

ווען איך זאָל ניט מורא האָבן אַז מיין פּאַטעטיש וואָרט וועט קלינגען ביליק, ווייל עס קומט פון אַ באַקוועמען שרייבטיש אין דעם פון קריג און מסירת־נפש וווייטן ניו יאָרק, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַזאַ טויט ווי הרב מאַרקס (דער טויט פונעם מורה־הוראה אין דער מיט און אין איינעם מיט זיין עדה) — איז לוין און זכיה.

(1943)

דער פּיאָנער פון יידישן סאָציאַליזם

יידן האָט דער רומענישער סאָציאַליזם תמיד פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל אי אין זיינע „רייען" און אי צווישן זיינע פירערס. עס וועט זיכער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז אויף דער אידעאַליסטישער גע־טריישאַפט פונעם יידישן פּאַרטיי־סאָלדאַט האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אָנגעשפּאַרט די רומענישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אַן ערך זיבעציק יאָר זינט איר אויפקום און ביז אויפן היינטיקן טאָג. און מיטן וואָרט „אַרבעטער־באַוועגונג" מיין איך סיי די „אַלטע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי", וואָס אירע גויישע פּני האָבן זי אידעאיש פאַראָטן און ליקווידירט ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, סיי די „נייע" וואָס יידן האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן מיט עטלעכע יאָר שפּע־טער און סיי די „אומאָפּהענגיקע" און די קאָמוניסטן וואָס האָבן זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעשפּאָלטן פון דער „סאָציאַליס־טישער מוטער" און אויסגעבויט אייגענע און זעלבסטשטענדיקע פּאָ־ליטישע אָרגאַניזאַציעס. ביי אַלע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען האָט זיך בולט אָנגעזען נישט נאָר די צאָל פון די יידן, נאָר אויך און קודם כל די יידישע קאַמף־עקשנות און די יידישע קרבנות־גרייטקייט.

און וואָס שייך די פירערשאַפט זיינען יידן אין איר געווען פּראָ־מינענט ווי טעאָרעטישע וועג־ווייזער, ווי טעאָרעטישע אויסטייטשער, ווי גלענצנדיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן, ווי פּראַקטישע טוערס און ווי — פּאָליצייאישע קרבנות. דער פּאָליציייס קרבנות האָבן זיך געטיילט אויף פאַרמוטשעטע צום טויט און אויף פאַרמאַטערטע אויפן לעבן. צווישן די מאַרטירער דערמאָן איך דעם יאָסער בוכהאַלטער, דעם

איידעלן מאַרקסיסטישן תלמיד־חכם מאַקס וועקסלער וואָס איז אומגע־בראַכט געוואָרן אין 1917 און דעם באַקוייער דאָקטאָר אַראָנעאָנו, וואָס סיגוראַנצע־אַגענטן האָבן אים בעת דעם גענעראַל־סטרייק אין 1920 אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז זיי האָבן ענדלעך געקאָנט מעלדן אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. און צווישן די בלויז פּאַרמאַטערטע רוף איך אָן די נעמען פון דעם שטורמישן סאָציאַליסטישן סעק־רעטאָר איליע מאָסקאָוויטש און פון דעם פאַנאַטישן קאָמוניסטישן טוער מאַרטשעל פּאוקער. דער ערשטער — אַ זון פון אַן אָרעמען שענקער אין מאָלדאַווישן שטעטל פּאַשקאַן, דער צווייטער — דער בן־יחיד פון אַ רייכן ציישונגס־אַרויסגעבער אין בוקאַרעשט, אָבער ביידע מיט קאָכיקן מאַרטירער־בלוט אין זייערע אָדערן, האָט יעדער פון זיי יאָרן־לאַנג געטראָגן דעם עול פון זיין פּאַרטיי און פרייוויליק אויף זיך גענומען די אחריות פאַר אירע „שקאַצישקייטן" און דער־פאַר געליטן תפיסה, קלעפּ און יסורים.

געטרייע יידישע זעלנער האָט דער רומענישער סאָציאַליזם, ווי געזאָגט, פאַרמאָגט אַ סך. מאָראַליש און אינטעלעקטועל באַגאַבטע יידישע פירערס — אויך ניט ווייניק. אָבער גרויסע און פאַרביקע יידישע פּערזענלעכקייטן האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רו־מעניע אין משך פון אירע כמעט דריי דורות ביז היינט, אַרויסגע־בראַכט בלויז צוויי: קאָנסטאַנטין דאָבראָדזשאַנו־געריאַ (נתן קאַץ) און דר. ליטמאַן (לודוויג) געלערטער.

און ערשט איז נתן קאַץ, וואָס איז אונטער דעם לאַנגן און אַ ביסל טעאַטראַלישן נאָמען קאָנסטאַנטין דאָבראָדזשאַנו־געריאַ גע־וואָרן אי דער פּלעכאַנאָוו און אי דער בעלינסקי פון רומעניע, געווען נישט קיין היימישער נאָר אַ פרעמדער ייד פון ערגעץ אַ ווייטער שטאָט אין רוסלאַנד. אַן אַנטלאָפענער פונעם צאַרס זשאַנדאַרן האָט דער הינקענדיקער יידישער בחור אַריבערגעשמוגלט אַהער די גרענעץ אַרום 1880, איז דאָ געבליבן וואוינען, האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ רומענערין און האָט דאָ דערנאָך אויף אַן אויסגעלערנט רומעניש לשון, וואָס געטרייע תלמידים האָבן אַלעמאָל אין זינען געהאַט עס צוצופּוצן און אויסצוצוואָגן אין מאַנוסקריפּט, אַרויסגעגעבן פונדאַמענ־טאַלע ווערק פון סאָציאַלער און ליטעראַרישער קריטיק.

קאָץ וואָס איז געוואָרן דאָבראָדזשאָנו־געראַ איז אַזוי אַרום, ווי מע זאָגט אויף רומעניש־יידיש, געווען אַ „ווענעטיק“ (אַ צוגעפּאַרענער פון דער פרעמד) אָבער געלערטער וואָס איז געבליבן געלערטער איז לויט דער טערמינאָלאָגיע פון דעם זעלביקן רומעניש־יידישן דיאַ־לעקט געווען אַ „פּעמינטעאַן“ ד. ה. אַ געבוירענער אויף רומענישער ערד און אַ צונויפגעוואַקסענער מיט אַלע אירע ספּעציפישע יידישע צרות און פּראָבלעמען.

ביידע זיינען זיי געווען טראַגיש־יידישע פיגורן און יעדער פון זיי על פי זיין געאָגראַפיע און על פי זיין צייט. דער גאונותדיקער טעאָרעטי־קער פונעם רומענישן סאָציאַליזם קאַץ־דאָבראָדזשאָנו איז געאָגראַפיש געווען אַן אויסגעוואָרצלטער און כראָנאָלאָגיש האָט ער באַלאַנגט צו דער פּרילינג־גענעראַציע פונעם קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס יידיש ־ווייי־טיק־פינטעלע ביי דאָבראָדזשאָנון איז געווען: ווי ווערט מען פּטור פון קאַצן אַזוי אַז מען זאָל אַפילו נישט קענען אָנען זיין אַמאָליקע עקזיס־טענץ? פאַר געלערטערן, דעם פאָלקס־דאָקטאָר, דעם טריבון און דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס איז דערצו געווען אי אַ „פּעמינטעאַן“ און אי מיט אַ דור יינגער פון דאָבראָדזשאָנון איז זיין אייגענע יידי־שע פּראָבלעם געשטאַנען אַן אַן ערך קאָמפּליצירטער און טיפער. זי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרענטפערן בלויז מיט אַן אויסגלייך צווישן ווערלן פאַרווישן דעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם און ווערלן אויפהיטן די פּערזענלעכע ווערדע.

פאַר געלערטערן האָט סאָציאַליזם קודם כל געהאַט דעם מיין פון עמאַנציפּאַציע, פון בירגער־רעכט, פון רעכט אויף אַרבעט און פּרנסה און פון רעכט אויף אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן — פאַר זיין יידישן פאָלק אין רומעניע. דאָס — געזעלשאַפטלעך. און פאַר זיך פּערזענלעך האָט דאָס געלערטערישע געמיט פאַרשטאַנען סאָציאַליזם ווי די גרויסע מעגלעכקייט פון באַפרייען אין זיך אַלע שעפערישע כּוחות מיט וועלכע ער קען דינען דעם דאָזיקן פאָלק און דאָמינירן איבער אים. געלערטער איז געווען געקנאָטן פון לאַסאַלישן שטאָף. ער האָט פאַר־מאָגט לאַסאַלישע קראַפט פון רעדן אויף דער טריבונע, לאַסאַלס קאָנ־סטרוקטיווע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע און — צום טייל אויך די אומ־געהאַמעוועטע הערש־אַמביציעס פונעם גרויסן סאָציאַליסטישן טריבון פון מיט הונדערט יאָר צוריק.

פערדינאַנד לאַסאַל, דער פּרעזידענט פונעם „ערשטן דייטשן אַר־בעטער־פאַראיין" איז אין תוך געווען אָדער האָט באַגערט צו זיין דער קיניג פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד. ליטמאַן געלערטער וואָס ער זאָל פאָרמעל נישט געווען זיין: דער פּרעזידענט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין יאַס, דער פּאָרזיצער פון דער יידישער גרופּע „דער וועקער", דער פירער פון די אָפּגעשפּאָלטענע „אומ־אָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" אין בוקאַרעשט, דער גרינדער און פּאַר־וואַלטער פונעם קינדער־שפּיטאָל אין יאַס און פון דער גרויסער קליניק „מענטשן־ליבע" אין בוקאַרעשט, צי גאָר דער הויפּט־טוער פון די אַמעריקאַנישע „דזשאָינט"־בענק פאַר קליינעם קרעדיט אין אַלט־רומעניע — ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּרעזידענט, קיין פּאַרוואַלטער און פירער נאָר אַלעמאָל אַ חסידישער רבי. אַ פירער דאַרף האָבן פּאַרטיי־חברים, אַ פּרעזידענט — קאָמיטעט־מיטגלידער. גע־לערטער האָט זיך גענייטיקט אין חסידים, וואָס זאָלן נהנה זיין פון זיין אויסערלעכן הדרת־פּנים, פון זיין כישופדיקן אופן רעדן, פון זיינע גוטע וואַרעמע רייד ווי ברכות און פון זיינע אָן אַ שיעור פּערזענלעכע טובות און זיי זאָלן אים דערפאַר אָפּצאָלן מיט אמונה און מיט ליב־שאַפט צו אים און צו אַלץ וואָס ער זאָגט און טוט.

איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט זיין הדרת פּנים. ער איז שוין ריין אויסערלעך געווען דער רבי, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעהויבן מיט זיין אויסזען פון צווישן אַלע. די גרויסע מאַסיווע געשטאַלט מיט דעם קאָפּ פון אַ לייב, זיין שוואַרצער ברייטער קאַפּעלוש און זיין שטענדיק הויך פאַרקנעפּלט רעקל מיט דעם שוואַרצן פלאַטער־קראַ־וואַט — שוין דאָס אַליין האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנע חשיבות אין זיך און האָט באַפוילן אי צו מאַכן פּאַר אים אַ וואָרע און אי אים מעשה חסידים אַרומצוטאַנצן. און ער האָט שטענדיק געזאָגט תורה. אַזוי האָט ער אויסגעזען ווען ער האָט גערעדט מיט אַ גרופּע פּאַרוואַלטערס אין הויף פון דער קליניק אָדער מיט פּאַרטיי־חברים ביי אַ קאָמיטעט־זיצונג. ביי זיך אין דער היים תמיד אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע יידישע סטודענטן איז ער אוודאי געווען דער רבי וואָס האָט געפּראַוועט טיש. אגב, די דאָזיקע מקורבים און תורה־הערערס האָבן געלערטערן גע־רופן „דער דאָקטאָר", נישט דאָקטאָר געלערטער, נישט חבר גע־

לערטער, נאָר סתם „דער דאָקטאָר". און דער נאָמען „דער דאָקטאָר" איז געווען פאַרשפּרייט אין ווייטע יידישע קרייזן אין יאַס און אין בוקאַרעשט.

געלערטערס יידישע קרייזן זיינען אַריבערגעוואַקסן די פּאַרטיי־גרענעצן. „דעם דאָקטאָר" זיינען געקומען הערן און פאַרן דאָקטאָר האָבן געשטימט ביי די וואַלן די טויזנטער פּאַציענטן פון זיינע שפּיטאַלן, די לייערס פון זיינע בענק און זיינע אָן אַ צאָל פערזענלעכע חסידים און מקורבים. און הערן געלערטערן פון דער טריבונע איז אָן גוזמא געווען אַ זעלטענע קינסטלערישע הנאה.

לאַסאַל האָט ווי אַמאָל דער גרויסער רוימישער אָראַטאָר ציצעראָ איבעראַשט מיט זיינע לאָגישע המצאות. לאַסאַל האָט ווי ציצעראָ מיט אַרגומענטן ווי מיט בייטשן אַריינגעטריבן זיינע צוהערערס אין איין שמאָלן ווינקל פון צווינגענדיקן אויספיר. געלערטער האָט ווי דער פראַנצויזישער טריבונע־קינסטלער זשאָרעס גערויבט דעם אָטעם מיט זיינע געדיכטע, פאַרביקע און דעטאַלירטע וואָרט־בילדער. פאַר מיר בלייבן אומפאַרגעסלעך יענע האַלבע און גאַנצע שעהן ווען איך האָב געהערט געלערטערן מאָלן די אָרעמקייט און די אומבאַהאָלפנקייט פון יידישע מאַמעס וואָס קומען מיט זייערע זויג־קינדער, איינגע־וויקלטע אין צייטונג־פּאַפּיר אָנשטאָט אין ווינדלען, זוכן מעדיצינישע הילף אין זיינע שפּיטאָלן אָדער די פאַרלוירנקייט און דערשראָקנקייט פון די קינדער פון די אָרעמסטע יידישע קוואַרטאַלן אין יאַס און אין בוקאַרעשט ווען זיי דערפילן זיך מיטאַמאָל אין אַ וואַרעמער שטוב. די שפע פון גראָטעסק־לירישע דעטאַלן אויף די ברייטע געמעל־קאַנוועס פון געלערטערס רעדעס האָט מיך אַלעמאָל דערמאָנט אין די אומשטערבלעכע מאַרק־בילדער פון פּעטער ברויגעל אין ווינער קונסט־היסטאָרישן מוזעאום.

און ווי ביי זשאָרעסן האָבן זיך געלערטערס רעדעס אַלע־מאָל פאַרענדיקט מיט אַ ווייט־האָריזאָנטיקער נביאישער פּעראָראַציע וואָס האָט אונטערגעצונדן די הערצער פון זיינע צוהערער מיט אַ פלאַם פון האָפענונג און פון טרייסט.

האָט געלערטער געקאָנט זיין אַ מאַן פון פּאַרטיי, אַ דעמאָקראַטיש געוויילטער פירער און אַ מענטש געבונדן צו דער שמאָלקייט פון

פּראָגראַמען? פּאַרטיי איז געווען אַ צו קליינער שטח אי פאַר זיין אויסגעברייטערטן מענטשלעכן קאָנטאַקט און אי פאַר זיין קאָנסטרוקטיווער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע; ער איז על פּי זיין געמיט און טעמפּעראַמענט געווען פירער, פּרעזידענט, פּאַרוואַלטער און אַלץ אינאיינעם מלידה און עס איז אים אויסגעקומען מאָדנע און אומגעלומפּערט אַז מען זאָל אים דאַרפן אויסקלייבן אָדער גאָר אַז עס זאָל מעגלעך זיין אים נישט אויסצוקלייבן; און וואָס שייך פּראָגראַם איז געלערטער טאָקע געווען פּונקט אַזאַ שטרענגער און געלערנטער מאַרקסיסט ווי די בעסטע מאַרקסיסטן אין דער רומעניש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער קען מען דען מיט מאַרקסיסטישע פאָרמולעס אַליין קומען צו דער יידישער אָרעמשאַפט פון דער יאַסער „רויטער בריק" און פון דער בוקאַרעשטער „קאָלעא דודעשט"? סאָציאַליזם איז אַ סך־הכל צונויפגעשטעלט פון אַלע לעבנס־דעטאַלן און פון אַלע לעבנס־באַדערפעניש פונעם יידישן פאָלק אין רומעניע.

אין סאָציאַליזם, נישט ווי ער האָט געלעבט און לעבט נאָך איצט אין די ביכער, נאָר ווי ער האָט געברויזט אין געלערטערס געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, איז פאַראַן געווען אַחוץ קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג אין רומעניע, אויך קאַמף פאַר יידישע בירגער־רעכט און אויך ביליקע מצות אויף פּסח און כשר פלייש אויף שבת און אַן אומזיסטיק אָרט אין שפּיטאָל און אַ גמילות־חסד און אַ „זשאַרגאָניש" ביכל פאַר הנאה וועגן און אַפילו דער מאַמע רחלס קבר אויף צו באַפרידיקן דאָס נאַטירלעכע ביסל יידישע ראָמאַנטיק.

ווען מ. איסאַק מאָסקאָוויטש פון יאַס וואָס איז געווען געלערטערס הויפּט־אַדיוטאַנט און בעסטער יידיש־רעדנער (געלערטער אַליין האָט עפנטלעך נישט גערעדט יידיש) איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און געפרעגט ביי אַ וואַל־פאַרזאַמלונג די יידן פון דער יאַסער „רויטע בריק" ווער עס האָט געזאָרגט אַז זיי זאָלן האָבן ביליקע מצות און כשר פלייש און אַלע האָבן געענטפערט בפה אחד: „דער דאָקטער" איז דאָס נישט געווען, ווי עס קען זיך אויסדאַכטן, עפּעס אַ ביליקע דעמאַגאָגיע, נאָר אַ קלאָר אָנגעשטעלטער אַרגומענט קעגן אַלע מינעלייקע פּאַרטייען און פּראָגראַמען אויף דער יידישער גאַס, וואָס זיינען אומגויטיק וויבאַלד ס'איז דאָ דער פּראָגראַם און די פּאַרטיי

דר. געלערטער וואָס איז כולל אין זיך אַלע יידיש־מאַטעריעלע און יידיש־גייסטיקע לעבנס־באַדערפענישן פונעם יידישן פאָלק אין רומעניע. און ווען דער זעלביקער איסאַק מאַסקאָוויטש האָט אין זיינע הייסע וואָל־רעדעס געגומען אַנאַליזירן די געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין רומעניע און ביי אים איז אויסגעקומען אַז מיט דר. געלערטערן הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידיש־רומענישער היסטאָריע (מאַסקאָוויטש פלעגט דעם דאָזיקן עפּאָכע־אָנהויב רעדנעריש דראַמאַטיזירן אין דעם פּאַטעטישן זאַץ: „און עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען אַ יידישער אינטעליגענט מיטן נאָמען געלערטער האָט אַראָפּגענידערט אין דער יידישער גאַס") איז דאָס אויך נישט געווען סתם וואָלוועלער דרש אויף צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די יידן פון דער „רויטער בריק", נאָר אויפריכטיקע און סוביעקטיוו־באַרעכטיקטע היסטאָריאָזאָפיע פון אַ חסיד וואָס די התגלות פון זיין רבין קען פאַר אים ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי געשיכטלעכער באַגינען.

און אין אַ געוויסער מאָס האָט עס טאַקע געמוזט אָטעמען מיטן ריח פון בראשית ווען מיט אַ יאָר פאַרן אויפקום פון ציוניזם און פון בונדיזם האָט זיך אין יאַס אונטער דער רעדאַקציע פון דר. געלערטער און פון זיין שוואָגער מאַקס וועקסלער באַוויזן דאָס סאָציאַליסטיש־„זשאַרגאָנישע" וואָכנבלאַט „דער וועקער". איך זאָג בכיוון ניט אַ סאָציאַליסטישע צייטשריפט אויף „זשאַרגאָן", נאָר אַ סאָציאַליסטיש־„זשאַרגאָניש" וואָכנבלאַט, וואָרעם „דער וועקער" איז דאָך אין תוך געווען אַ שוואָלב פון יידישן סאָציאַליזם נישט נאָר פאַר דער אָפּגעשטאַנענער רומעניע נאָר אויך פאַר די גרויסע יידישע ישובים פון אַריבער דער רומענישער גרענעץ. דער באַגריף „יידישער סאָציאַליזם" ווי ער איז מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן פון „בונד" און פון די „פּועלי־ציון" איז מן הסתם צו אַן איבערגעטריבענער אין שייכות מיט אַן „אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע „לומינא" אין יאַס אָבער „דער וועקער" איז פאָרט געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן אויפן אַלטן קאָנטינענט, וואָס האָט נאָך ערב „בונד" און ערב ציוניזם דערשמעקט די אייגנאַרטיקייט פונעם יידישן לעבן און פאַרשטאַנען אַז

קלאַסן־קאַמף מוז בלייבן פאַר די יידן פון די מאָלדאַווישע שטעט און שטעטלעך אַ וואָרט אָן אַ מיין און אָן אינהאַלט, אויב די מלחמה צווישן אָרעם און רייך ווערט נישט אַריינגעשטעלט אין דער ראַם פון די גרעסערע און קלענערע פּראָבלעמען פון זייער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן שטייגער. די גוייש־סאָציאַליסטישע פירערס פון בוקאַרעשט האָבן געהאַט צייט און כוח צו וואַרטן מיט רעכט פאַר יידן אין רומעניע ביז דער סאָציאַליזם וועט האָבן מקויים געווען, אָבער פאַר די יידן פון בוקאַרעשט, פון באָטאָשאַן און פון פּיאַטרע איז די יידישע רעכטלאָזיקייט געווען אַ פראַגע פון אַ בעל־מלאכה־פּאַטענט, פון אַ מסחר־באַווייליקונג און פון אַ פּראָפעסיע פאַר די קינדער. פאַר יידן און פאַר יידן־סאָציאַליסטן אין מאָלדאַווישן תחום־המושב איז בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע בכן געווען נישט קיין ענין פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, נאָר אָן אַקטועלע „קעגנוואַרט־פּראָבלעם”. און עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל און קיין אַמעריקע איז אויך געווען אַ פראַגע וואָס האָט אַריינגעהערט אין דער קעגנוואַרט־פּאָליטיק פון די רומענישע יידן. און די ענינים פון שבת, פון שול און פון מרחץ האָט מען אויך נישט געקענט אָפּקומען מיטן פּסוק „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק.”

„דער וועקער” איז טאַקע, ווי געזאָגט, נישט געווען יידיש־סאָציאַליסטיש אין זינען פון אַ סינטעטיש־אידייאישער פאָרמולע אָבער ער איז געווען דער „דעפּאַרטמענט־סטאָר” אין וועלכן עס זיינען אָן אַ סדר געווען אויסגעשטעלט אַלע לעבנס־באַדערפענישן פון יידישן „עמך” אין די שטעט פון מאָלדאַוויע. מאַרקס און טשאָלנט זיינען געשטאַנען ביינאַנד אויף די שפּאַלטן פון געלערטערס צייטשריפט. זיי האָבן זיך וואָס אמת איינס ס'אַנדערע פרעמדלעך אָנגעקוקט אָבער זיך נישט געקריגט, נאָר פאַרקערט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו לעבן אין חברשאַפט. אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע באַשטייט אַזוי אָרום די באַרעכטיקונג צוצופּסקענען דעם „וועקער” און זיין דעמאָלט נאָך זייער יונגן רעדאַקטאָר ליטמאַן געלערטער דעם טיטל: פּיאָנער פון יידישן סאָציאַליזם.

און דער דאָזיקער ערן־טיטל קומט געלערטערן אויך דערפאַר ווייל ער האָט פאַר זיין „וועקער”־יידישקייט אין דער סאָציאַליסטישער

פאַרטיי אַ לעבן לאַנג געליטן. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פאַר דער בוקאַרעשטער פאַרטיי־פירערשאַפט געווען אַ „שאָוויניסט" און אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות ווען ער אַליין האָט שוין געוואוינט אין בוקאַרעשט, האָט מען אין די אויבערשטע פאַרטיי־אינסטאַנצן געקוקט קרום אויף זיין יידישן שפּיטאַל און אויף זיינע „בענק פאַר קליינעם קרעדיט" און מען האָט די אַרבעט זיינע געשטעמפּלט פאַר קליינבירגערלעך.

מען האָט אין דער פאַרטיי נישט געהאַט קיין פולן צוטרוי צו זיין סאָציאַליסטישער אויסגעהאַלטנקייט און אפשר האָט מען אים דערפאַר — אים דעם גרעסטן סאָציאַליסטישן רעדנער אין לאַנד — נישט געגעבן די מעגלעכקייט געוויילט צו ווערן אין פאַרלאַמענט. די זיכערע פּלעצער אין טראַנסילוואַניע און אין בוקאָווינע האָבן פאַר־נומען אַנדערע, קלענערע, אַ סך קלענערע פון אים און אין זיין יאַס, וואו ער איז געווען אַזוי פּאָפּולער איז ער אויך געבליבן הינטער־שטעליק. אין 1920 ווען די מאַכט פון „גענערטעריזם" איז נאָך געווען אומבאַגרענעצט אין דער מאָלדאַווישער קרוינשטאָט, איז גע־לערטער יאָ אויסגעקליבן געוואָרן. אָבער דעמאָלט — ס'איז געווען אין סאַמע פרילינג פון דעמאָקראַטישקייט אין רומעניע — האָט זיך די רעגירונג מן הסתם דערשראָקן פאַר דער וויזיע פון געלערטערס גילדענעם מויל אויף דער פאַרלאַמענטאַרישער טריבונע און זי האָט אין דער לעצטער מינוט „אויסגעפונען" אַז דער צווייטער אויף דער סאָציאַליסטישער ליסטע געאָרגי טאַנאַסע האָט מיט עטלעכע געציילטע שטימען מער ווי זיין יידישער רבי און אים קומט דאָס בענקל אין דער קאַמער פון דעפּוטאַטן. און דערנאָך ביי די שפּעטערע וואַלן איז דאָס פּלאַץ אין יאַס סיי־ווי געוואָרן אומזיכער. דער רבי געלערטער האָט שוין געוואוינט אין בוקאַרעשט און צווישן די יידן אין יאַס האָט זיך געשטאַרקט דער ציוניזם.

געלערטערן איז על־פּי געמיט שווער געווען צו פאַרשטיין אַז פאַרוואָס די סאָציאַליסטישע פאַרטיי יאָגט זיך ב י ט נאָך זיין פירערשאַפט און אַז פאַרוואָס די יידישע נאַציאָנאַל־פאַרטיי שטעלט אַרויס קאַנדידאַטן קעגן אים. קיין בעסערן, וויכטיקערן און מער באַרעדעוודיקן פאַרטרעטער האָט דער סאָציאַליזם אין רומעניע ניט

פאַרמאָגט און וואָס שייך די יידישע נאַציאָנאַליסטן האָט ער געפילט אַז זיי האָבן צוגענומען אַ טייל פון זיין פּראָגראַם און אים אַליין, זיין רעדנער־קונסט און זיין גרויסע שעפערישע און קאָנסטרוקטיווע ענערגיע, האָבן זיי געלאָזט אָן אַ זייט.

ביטערניש און חשד האָבן אַריינגעפּויזעט אין געלערטערס האַרץ. דער אין תוך פּערזענלעכער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאַרטיי איז, ווי עס געשעט געוויינלעך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אידעאישער מחלוקה און האָט געפירט צו אַ שפּאַלטונג און עס איז זיכער אַן איראָ־נישער קאַפּריז פון שיקזאַל וואָס די פּאַרטיי איז געבליבן אויף רעכטס און דער „שאָוויניסט״ און „קליינבירגער״ אין דער שפּיץ פון די אויף אַ ניואַנס לינקערע „אומאָפּהענגיקע״. די נייע סאָציאַליסטי־שע גרופּע איז געווען צו קליין אַז זי זאָל איר פירער געווען קענען פאַרשאַפן אַ פּאָליטישע פּאָזיציע אין לאַנד. זיין גאַנצע געזעלשאַפט־לעכע ענערגיע האָט געלערטער איצט אויסגעלאָדן אין זיין אַרבעט אַרום דעם יידישן שפּיטאָל און אַרום די „דזשאָינט״־בענק, אָבער אויך דאָרט איז עס נישט אָפּגעגאַנגען אָן צוזאַמענשטויסן. צום טייל איז די סיבה געווען וואָס דער „דזשאָינט״ פון אַמעריקע איז אַליין אויך גע־ווען אַ רבי—אַ רבי פון קאַפּיטאַל און אַרום דעם דאָזיקן רבין האָבן זיך מיט דער צייט גענומען שאַרן ניי אויפגעקומענע קאָלעקטיווע און יחידישע כוחות וואָס האָבן געלערטערס פירערשאַפט ניט אָנערקענט. אָבער נאָך מער, דוכט מיר, האָבן געלערטערס מחלוקתן מיט די פון אים אַליין געשאַפענע און מיט אַזוי פיל ברילִיאַנטישקייט געפירטע אינסטיטוציעס זיך גענומען פון זיין אַלץ וואַקסנדיקן אומצוטרוי צו מענטשן. יעדער זשעסט פון זעלבסטשטענדיקייט ביי זיינע מקורבים און חסידים איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק און אים האָט זיך רק אויסגעדאַכט אַז די סאַמע געטרייסטע הענט „שטרעקן זיך נאָך זיין קרוין״.

ער איז זיין לעבן לאַנג געבליבן אַ כישופדיקע פּערזענלעכקייט צו וועלכער עס האָבן זיך געצויגן מענטשלעכע הערצער מיט געזאַנג פון באַוואונדערונג אָבער ער, דער באַוואונדערטער האָט אין די לעצ־טע צען, פופצן יאָר פון זיינע טעג געוואָרפן אַן אומחן אויפן געזאַנג פון מענטשלעכע געמיטער. ער האָט געהאַט מער צוטרוי צו דער

געהאָרכיקער שווייגעניש פון מענטשן אַרום זיך. און ער האָט דאָס אויך אויסגעפירט, אָבער דער קרייז פון מענטשן איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

ווי אַזוי געלערטערן האָט זיך געלעבט אין משך פון די עט־לעכע שווערע מלחמה־יאָרן, אין די יאָרן פון אייזן־גוואַרדייאישער „כשר־שחיטה" און פון טראַנסניסטריע איז מיר נישט באַוואוסט. דאָ מיט עטלעכע חדשים צוריק איז מיר צום ערשטן מאָל ווידער אויס־געקומען צו לייענען וועגן זיינער אַ פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע. ער האָט גערעדט צו חלוצים אין בוקאַרעשט, אויסגעדרוקט זיין סימ־פּאַטיע צו זיי און זיי געגעבן זיין ברכה. עס האָט מיך ניט איבעראַשט. זיינע ציוניסטישע סימפּאַטיעס זיינען נישט געווען קיין סוד. ארץ־ישראל איז אַ יידיש לעבנ־באַדערפעניש און האָט זיך ממילא אַריינ־געפּאַסט אין געלערטערס אַלץ אַרומנעמענדיקן סאָציאַליזם. איך האָב נאָר געטראַכט אַז ס'איז גאָר נישט אַזוי זיכער צי זיין „אומ־אָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" וואָס האָט איצט פּאָליטיש מיט־געזיגט אין רומעניע, איז מסכים מיט דער ציוניסטישער דעקלאַראַ־ציע פון איר פירער. אויב מען זאָל משפּטן לויט די לעצטע דערקלערונ־גען פון די פּראָלעטאַריש־רומענישע מיניסטאָרן בין איך גיכער נוטה אָנצונעמען אַז געלערטערס פּאַרטיי־חבר, אַדיוטאַנט און איצט מיניס־טער סטעפּאַן וואויטעק איז נישט איינשטימיק מיט אים אין פּרט פון ציוניזם.

אָבער אפשר האָט געלערטער געגעבן זיין ברכה דער חלוצישער יוגנט טאָקע ווייל ער האָט שוין געזען דעם זיג פון זיין פּאַרטיי און ווייל, ער דער ערשטער אויף דער ליסטע, איז ווידער געבליבן איב־דרויסן. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן. עס לייגט זיך אַפילו אויפן שכל.

(1945)

דער דערציילער הערש לייב קאַזשבער

„דער שוואַרצער, בייזער הינטערגרונט פון דעם טאָוול איז אין אייביקער גלייכגילטיקייט צו די ציפערן, וואָס ווערן אויף אים גע־בוירן: חשבונות קאָמפּליצירטע, געבויטע מיט וויסן און אַפילו מיט חריפות קומען אויף כדי נאָך אויגנבליקן פון לעבן צו פאַרשווינדן אינעם ניט־זיין, פאַרווישט צו ווערן מיטן שוואָם מיט דער זעלבער שפּורלאָזיקייט, מיט וועלכער עס האָבן די שטורעמס פון צייט פאַר־ווישט שיינע און שטאָלצע אַלטערטום־שטעט".

אָט די ווערטער פון טרויער, פון רעזיגנאַציע און דער עיקרשט פון שרעק פאַר דער בייזקייט און גלייכגילטיקייט פונעם „שוואַרצן טאָוול" צו די „חשבונות, וואָס ווערן אויף אים געבוירן" האָט הערש לייב קאַזשבער אַריינגעשריבן אין דער איינציקער דערציילונג זיי־נער וואָס איז אַרויס אין בוך־פאָרם *). און געקומען איז אַזוי, אָדער נאָך ערגער ווי קאַזשבער האָט אין זיין פחד געזאָגט. איך זאָג „נאָך ערגער" וואָרעם דער שוואָם האָט אַ וויש געטאָן צו פרי, נאָך איידער די ציפערן האָבן געהאַט רעכט צייט זיך אויסצושטעלן, זיך צו באַ־העפטן און אונדז צו געבן דעם שעפערישן חשבון פון דעם דער־ציילער הערש לייב קאַזשבער. דער מלחמה־שטורעם האָט קאַזשבערן אַרויסגעריסן פון טשערנאָוויץ וואו ער האָט די לעצטע יאָרן געשריבן און געלערערט און אים פאַרטריבן העט ווייט קיין אַזיע, אין דער כאָרעזימישער געגנט פון דער סאָוועטישער רעפּובליק אוזבעקיסטאַן און דאָרט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן. לויט מיין אויסרעכענונג איז ער אַלט געווען קוים דרייסיק יאָר.

---

*) הערש לייב קאַזשבער: „קאַזיאָנע גימנאַזיע", ביבליאָטעק „אליעזר שטיינבאַרג", טשערנאָוויץ, 1937, 136 ז.

דריי תלמידים פון דער „תרבות״־שול אין קעשענעוו האָבן אָנ־הויב פון די דרייסיקער יאָרן אַרויסגעגעבן אַ דין זאַמלביכל פון מייסטנס אומצייטיקע ליטעראַרישע פּירות אונטערן נאָמען „אָנזאָג״ און אָנגע־זאָגט זייער אָנקום אין דער יידישער ליטעראַטור פון רומעניע. ס׳איז געווען בפירוש אומגעוויינלעך. געוויינלעך האָט זיך אַן אָנפאַנ־גער ליטעראַריש געמעלדעט מיט אַ הכנעהדיק בריוול צום רעדאַק־טאָר פון איינעם פון די געציילטע צוויי דריי וואָכנבלעטער און ער האָט דערביי נישט פאַרגעסן בייצולייגן מאַרקעס פאַר קעריק־פּאָרטאָ אויב „די זאַך וועט ניט געפעלן״. „אָנזאָג״ האָט דערפאַר געמיינט אַז די יונגעלייט נישט סתם זיי קומען, נאָר זיי קומען מיט פּראָגראַם און מיט געזעלשאַפטלעכער אַחריות. די אַרויסגעבער האָבן טאַקע געהאַט וועגן דעם אַ ספּעציעלן אַרטיקלביים סאַמע אַריינפיר צום זאַמלבוך וואו זיי האָבן צו וויסן געגעבן אַז זייער פּראָגראַם איז קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, בכן: פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

די אָנזאָגער זיינען געווען יאַנקל יאַקיר פון פערליץ, אַ שטעטל ביי דער בעסאַראַביש־אַלטרומעניש׳ער גרענעץ; הערצל גייזינער פונעם שטעטל קאַפּרעשט לעבן בעלץ און הערש לייב וויינשטיין, אַ בעל־זער תושב, וואָס האָט געשטאַמט פונעם דערבייאיקן דאָרף קאָזשבער. פון די דריי איז נאָר דער קריטיקער און פּובליציסט יאַנקל יאַקיר געבליבן ביי זיין אָנגעזאָגטן נאָמען און — און ביי דער אָרטאָדאָק־סער קולטור־פּראָלעטאַרישער ליניע. דער דיכטער הערצל גייזינער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן לידער־ביכל אונטערן פּסעוודאָנים הערץ ריווקין און דער דערציילער הערש לייב וויינשטיין האָט אַדאָפּטירט דעם נאָמען פון זיין היים־דאָרף און זיך ליטעראַריש געחתמעט הערש לייב קאָזשבער.

וואָס אָנבאַטרעפט דעם „אָנגעזאָגטן״ אידעאישן פּראָגראַם האָט דער ערנסטער און באַגאַבטער הערץ ריווקין עטלעכע יאָר שפּעטער אין זיין שוין דערמאָנטער לידער־זאַמלונג אַזוי צו זיך געטענהט:

וויל איך וויס, וויל איך פיל —
ס׳איז ספקות די שלאַנג
וואָס טריפט מיט איר גיפט
אין מיין יונגן געזאַנג

און פאַרסמט מיר מיין האַרץ, מיין געדאַנק,
ווייל איך ווייס —

ווער איך
מיט שטריק פּרוּאוון בינדן מיין גלויבן
אַזוי ווי עס פלעגן די זיידעס און באָבעס
די טעג בינדן,
ווען ס'האָט די נשמה יתירה
זיך אָנגעהויבן
קלויבן
אין וועג.

ביי הערש לייב קאַזשבערן, דעם דערציילער, האָט דער וועג צו זיך געפירט נישט ווי ביי ריווקינען איבער אידייאישע ספקות, נאָר איבערן געראַנגל צווישן דעם עלעמענט פון אינטעלעקט און פון געמיט אין דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון זיינע פאַר־שוינען. דער אינטעלעקט, די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע איבער־צייגונג איז גוזר: בייזע און האַרטע סאַטירע, אָבער דאָס שעפע־רישע געמיט זאָגט אונטער: טרויעריקן שמייכל און עלעגישע צאַרט־קייט.

די שווערע און ביטערע לערן־יאָרן וואָס קאַזשבער, דער מע־זונעק פון „פרומעלע די טוערין" און דער עלנטער יתום פון „לוי, דער מאַרקזיצער" האָט פאַרבראַכט אין דער קעשענעווער מלוכה־גימנאַזיע, דיקטירן אים אַז ער זאָל זיך אין זיין ערשטן ביכל דער־ציילעריש אָפּרעכענען מיט די אַנטיסעמיטישע לערערס, מיט דעם בייזן שול־דינער אַלעקסיי, מיט רומענישע מיטשילערס, וואָס זיי־נען געווען כוליגאַנעס און מיט יידישע חברים וואָס האָבן ווי גע־טאָן זיין אָרעם־יתומשאַפט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען טעמפּ, רייך און „אַ טאַטנס אַ קינד". און ניט נאָר מיט זיי האָט קאַזשבער אַ דערציילערישן חשבון, נאָר אויך מיט דער גימנאַזיע גופא וואָס איז אַמאָל בימי צאַר ניקאָלאַי געווען „פּערוואַיאַ גאָסודאַרסטווענאַיאַ מוזשעסקאַיאַ גימנאַזיאַ" און דערנאָך אונטער רומעניע געוואָרן דער „ליטשעאול שטעפאַן טשעל מאַרע" (די גימנאַזיע פאַר יינגלעך אויפן נאָמען פון שטעפאַן דעם גרויסן) און איז אַלע אירע יאָרן געווען און

געבליבן אַ סאַדיסטישע מרשעת וואָס טראַכט רק ווי צו איזדעקעווען זיך איבער אירע תלמידים און דער עיקרשט, פאַרשטייט זיך, איבער די יידישע תלמידים.

די סאַטירישע כוונה איז אין קאַזשבערס „קאַזיאָנע גימנאַזיע" אַ בולטע, אָבער דווקא די סאַטירישע באַשרייבונגען און פּאָרטרעטן דאָרט זיינען די שוואַכסטע, די קינסטלעריש אומגעראָטנסטע. קלוג ווערט דעם יונגן קאַזשבערס אָבסערוואַציע און רייף זיין דערציילונג ווען זאַכן און פאַרשוינען נעמען זיך ביי אים שלייערן ראָמאַנטיש. און ראָמאַנטיק איז ביי קאַזשבערן די טייטש: האַרבסט־לופט, אָפּ־גאַנג־טרויער, אַטמאָספער פון וויאַנענדיקע בלעטער. (אַט דער גע־מיט־צושטאַנד, וואָס איז ביי קאַזשבערן ניט קיין אַנגעוויייטער פון דער פרעמד, נאָר אַן אייגענער, אַן אָרגאַנישער, מאַכט דעם מחבר פון „קאַזיאָנע גימנאַזיע" אַלע מאָל פאַר בערגעלסאָנס אַ זעלישן קרוב, שטעלנווייז פאַר זיינעם אַ תלמיד אין סטיל און אין מעטאַפער, אָבער קיינמאָל ניט פאַר זיינעם אַ נאָכמאַכער).

„ווען־זשע, אויב ניט אין האַרבסט. ווער־זשע, אויב ניט
דו, האַרבסט, ביסט דער פאַן צום צייכענען די
געשטאַלט פון אַלעקסייען?" —

זאָגט זיך אַליין אונטער קאַזשבער. און אויף דעם הינטערגרונט פון דער צייט, ווען ביי אַלעקסייען פאַלן אויס די האָר פון קאָפּ פּאַס־מעסווייז, וואָס „אַט אַזוי שיטן זיך אָפּ „זשמעניעסווייז" בלעטער פון די בוימער, פאַלן מיט אַ שטייל שאָרך, אַזוי ווי אין לעצטן אָטעם זאָלן זיי צווישן זיך נאָך אָפּריידן, אַז אונטן, אויף דער ערד זאָל מען זיך זאַמלען אין איינעם אין שוועסטער־קברים" — אויף אָט דעם הינטער־גרונט פון ווייכן האַרבסטיקן טרויער צייכנט קאַזשבער ניט נאָר די קינסטלערישע געשטאַלט פונעם אַלטן „סטאַראָזש" אַלעקסיי, נאָר אויך די פּאָרטרעטן פונעם תלמיד מרדכי טראָסט, וואָס אים שענקט ער אַוועק אַ היפּש ביסל אויטאָ־ביאָגראַפישע שטריכן און אַפילו פון זיין קלאַס־קאָלעגע מישאַ וואָס שטאַמט שוין נישט ווי טראָסט פון סאַמע אָרעמסטן „עמך", נאָר איז אַ זון פונעם אַפּטייקער איסאַק נאַומאָוויטש דובינסקי.

יאָ, אויך ביי די געראָטענע פּאָרטרעטן פון די „יונגע" איז

דער דאָמינאַנטער געשטאַלטונגס־שטריך: טרויער, וואָרעם קאַזש־בערס אמת איז: אַז „פרייד איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון טרויער. און אַז די פרייד גייט פון עמעצן אַוועק — שיקט זי תיכף אונטער דעם טרויער". און ביי וועמען אויף גאָטס וועלט פאַרזיצט זיך דען די פרייד צו לאַנג?

וואָס שייך דעם אָרעמען בחור פון בעסאַראַביע, הערש לייב מיט זיין רוחיש־קלוגן פּנים און מיט זיין פיינלעך קראַנקן פוס — דאָס פּנים און דער פוס האָבן אים געגעבן עפּעס מעפיסטאָפעליש אין אויסזען — אים האָט די פרייד געמיטן ס'גאַנצע לעבן זיינס פון דעם פּישמאַרק אין בעלץ, איבער רומענישער גימנאַזיע אין קעשענעוו און איבער יידישער לערער־ און שרייבער־אַרבעט אין טשערנאָוויץ ביז צו פליכטלינגשאַפט העט ווייט אין דער כאַרעזימישער געגנט אין אַזיע, וואו דעם טויט איז געפעלן געוואָרן צו מאַכן „אַוונט אינ־דערפרי", אין סאַמע אינדערפרי פון קאַזשבערס ערשטע דרייסיק יאָר און דערמיט צו נישט צו מאַכן דעם אָנגעזאָגטן אָנקום פון אַ וויכטיקן דערציילער אין דער יידיש־ליטעראַטור.

און דער שוואָם פון שכחה און פון גלייכגילטיקייט האָט גרינט־לעך אַ וויש געטאָן: קיין שום ציטונג און קיין שום צייטשריפט האָט ניט איבערגעדרוקט די ידיעה וועגן קאַזשבערס טויט און אַפילו פון דער רשימה פון אומגעקומענע און פאַרשטאָרבענע שרייבער, וואָס איז געווען געדרוקט אין בולעטין פונעם ניו־יאָרקער יידישן פען־קלוב איז זיין נאָמען, על פי טעות, אויך אַרויסגעפאַלן.

(1943)

דער אויגן־דאָקטאָר נטע ראָזענבלאַט

דער פיליסטער האָט געהאַט וואָס צו לאַכן. ווי אַזוי זאָל ער טאַקע נישט לאַכן אַז אין מיטן טשערנאָוויץ איז פאַראַן אַ ייד, וואָס איז אַן אָנגעזעענער, אפשר דער סאַמע אָנגעזעענסטער אויגן־דאָקטאָר אין שטאָט און דער דאָקטאָר האָט די מאַנקאָליע פון אמת?

וואָלט נטע ראָזענבלאַט געווען איינער פון יענע, אָן אַ צאָל אי־דעאַליסטן, וואָס ווייבאַלד זיי האָבן געפונען אָן אמת חברן זיי זיך מיט אים אויף פאַרזאַמלונגען, פירן אים אַרום איבער די גאַסן און גייען מיט אים צוגאַסט צו פריינד און שכנים, נאָר לאָזן אים נישט אַריבער די שוועל פון זייער אייגן לעבן, וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, מיט דעם אמת נישט געמעגט מסכים זיין אָבער דעם אמת־זאָגער געמוזט נעמען ערנסט.

אָבער אַז אַ מענטש בויגט אונטערן אמת זיין אייגענע פלייצע און באַזעצט אים אין זיין אייגענער שטוב, איז כי־כי־כי און כאַ־כאַ־כאַ — טשודאַק.

און די באַצייכענונג „טשודאַק" מיט וועלכער דער באַלעבאַ־טישער פיליסטער האָט געוואָלט אָפּקומען די אומגעוויינטלעכע און דערפאַר פאַר אים אַזוי פיינלעכע אידעאַליסטישע עכטקייט, האָט אין תוך גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט דערציילט וועגן דער מאָראַ־לישער געשטאַלט: דר. נטע ראָזענבלאַט. וואָרעם ראָזענבלאַט איז קיין מאָל נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטער פונעם כלל. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן ערגעץ אין אַ ווינקל כדי צו לעבן פאַר זיך און בלויז פאַר זיך אַנדערש און זיך איבערצונעמען מיט דער אַנדערש־קייט און העכערקייט פון זיין אופן לעבן. ראָזענבלאַט איז אויך געווען לחלוטין פריי פון מיזאַנטראָפּישקייט וואָס קאָן, פאַרשטייט זיך,

אין אַ גרעסערער אָדער אין אַ קלענערער מאָס נישט פעלן אין דעם פסיכאָלאָגישן פּאָרטרעט פונעם „טשודאַק".

פאַרקערט. קיין מער גוטמוטיקן קיין מער חברותאדיקן מענטש און קיין מער געטרייען ציטערדיק־געטרייען פריינד ווי דער טשערנאָ־וויצער אויגן־דאָקטאָר נטע ראָזענבלאַט האָב איך, דאַכט זיך, אין מיין לעבן נישט באַגעגנט. וועגן זיין מענטשלעכער צאַרטקייט און דאָק־טאָרישער געטריישאַפט צו זיינע פּאַציענטן וואָלטן געקאָנט דערציילן צענדליקער פון דער טשערנאָוויצער יידישער אָרעמשאַפט, וועלכע ער האָט ניט בלויז אומזיסט געהיילט און פאַרזאָרגט מיט מעדיקאַמענטן, נאָר אויך געהאַלטן טעגוויז ביי זיך אין הויז אין זיין אייגענעם שפּיטאָל אין דער מאַנסאַרדע און איז געגאַנגען אַרום זיי אין איינעם מיט זיין פרוי. אויף ראָזענבלאַטס איבערשטראָמענדיקער און ענטוזיאַסטישער פריינדשאַפט, ווידער, זאָגט עדות אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר היימיש־יידישע שרייבער פון רומעניע און אויך פאַר אַלע פון אויסלאַנד וואָס זיינען געווען געסט אין טשערנאָוויץ. אליעזר שטיינבאַרג האָט אַ שטיק צייט אין זיין הויז געוואוינט, דאָרט האָבן מיר אין אַ טרויעריקן סוף־מערץ־טאָג מיט פופצן יאָר צוריק געוואַכט ביי זיין אָרון און פון דאָרט האָבן מיר אים צו קבורה געטראָגן.

דער צאַרטסטער פריינד איז ראָזענבלאַט געווען אָבער אויך דער שטרענגסטער מאָנער פאַר זיינע אמתן ביי זיינע פריינד, ביי זיינע פּאַציענטן, ביי זיינע באַקאַנטע און ביי אַלעמען און דער עיקרשט ביי זיין משפחה און ביי זיך אַליין. אַפּאָסטאָליש פייער האָט געפלאַקערט אַרום ראָזענבלאַטס רייד פאַר זיינע אמתן. און דאָס פלאַקערדיקסטע וואָרט איז אָן ספק געווען דער ביישפּיל פון זיין לעבן.

וועגן וועלכער מצווה זיינער עס זאָל זיך נישט געווען האַנדלען, איז עס געווען ממש אָן אימה צוצוזען מיט וואָס פאַראַ פאַרצערנדיקער קאַמף־ליידנשאַפט ראָזענבלאַט האָט צו איר געדינט און מיט וואָס פאַר אָן אומפשרהדיקער ערנסטקייט ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען אַלע קאָנסעקווענצן פון מאַטעריעלער ריזיקע און פון גייסטיקע יסורים.

III

טראַגיק און גראָטעסק לויערן אויפן אמת־זאָגער פון אַלע זייטן. אָבער קיין מער גראָטעסקע סיטואַציע ווי די אַליין געשאַפענע לאַגע

פון אַ בירגער וואָס האָט באַשלאָסן צו זאָגן דעם אמת און רק דעם אמת אויך דעם שטייער־אויפמאָנער פון דער רומענישער מלוכה, איז, דאַכט זיך, נישט געמאָלט. ראשית איז דער דערמאָנטער מלוכה־אַגענט אַזוי צוגעוואוינט צו פאַלשע און אין בעסטן פאַל צו פערטל און צו האַלב־אמתע שטייער־דעקלאַראַציעס, אַז ער וואָלט זיך אַליין געהאַלטן פאַרן גרעסטן נאַר צו גלויבן אַז אַ בירגער וואָס גיט אָן ריכטיק און פינקטלעך זיינע הכנסות איבערן יאָר, האָט טאַקע דערציילט די גאַנצע וואָרהייט און נישט בלויז אַ העלפט פון איר.

און ווייל דער רומענישער שטייער־אויפמאָנער האָט נישט געוואָלט אָנווערן דעם רעספּעקט צו זיך און צו זיין שכל, האָט ער זיך טאַקע געחידושט איבער דעם אויגן־דאָקטאָר ראָזענבלאַטס אומגעוויינטלעכער דעקלאַראַציע וואָס האָט אויסגעזען נישט אַנדערש ווי דער פאַלנער אמת. ער האָט זיך אין איר איינגעקוקט נאָך אַמאָל און אָבער אַמאָל און האָט מיט כעס באַשלאָסן אַז — אים קאָן מען מיט „יידישע חכמות" נישט אָפּנאַרן; דער ייד איז נישט קיין קלענערער פאַלש־מעלדער פון אַנדערע, נאָר פאַרקערט, אפשר דער סאַמע גרעסטער פון אַלע, וואָרעם ער פאַרדינט מן הסתם נישט צוויי מאָל, נאָר לכל הפחות דריי מאָל אַזוי פיל וויפיל ער דערציילט.

ראָזענבלאַט האָט זיך געאַמפּערט מיט די טשינאָווניקעס, האָט געקעמפט מיט זיי און האָט דערלייגט הוצאות אויף לאַדענישן און — האָט סוף כל סוף געמוזט צאָלן שטייערן נישט לויט זיין אייגענעם אמת, נאָר לויט זייער ליגן. ער האָט אַזוי לאַנג געצאָלט און מיט דער גרעסטער מאַטעריעלער אָנשטרענגונג געצאָלט טאָפּלטע און דריי־פאַכע שטייערן ביז ס'האָט זיך אונטערגערוקט דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגיש־אומגליק־לעכער קאַמף קעגן מילה אין שטאָט — און די הכנסה פונעם אויגן־דאָקטאָר איז קאַטאַסטראָפיש געפאַלן. ראָזענבלאַטס שטייער־דעקלאַראַ־ציעס זיינען איצט על פי אמת געווען מאָגער און געוואָרן אַלץ מאָגערער. און דערויף האָבן זיי געוואָרט, די מאָנערס. האָבן זיי גע־דאַרפט „אַ „בעסערן באַווייז?" זיי האָבן אויף אַ האָר נישט געמינערט זיינע שטייערן. און אַז ראָזענבלאַט האָט נישט געקאָנט צאָלן און איז שולדיק געבליבן, איז געקומען דער עקזעקוטאָר און האָט געטאָן ווי

ס׳באַפעלט ס׳געזעץ: ער האָט געפּענדעט די שטוב־זאַכן, ער האָט אי־בערגעשריבן דעם דאָקטאָרס הויז אויף דער מלוכה, ער האָט רואינירט זיין פּרנסה און אים געמאַכט פאַר אַן אָרעמאַן.

אָבער אין יענע טעג ווען דער שטייער־עקזעקוטאָר איז געווען פאַרנומען מיט דער געזעצלעכער עבודה פון חורבן איבער ראָזענ־בלאַטס הויז און איבער זיין פאַרמעג, האָט ראָזענבלאַט ממש נישט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד פאַר אַזעלכע קליינינקייטן. ער איז דעמאָלט געשטאַנען אין סאַמע ברען פון אַ פּיל וויכטיקערן אמת־קאַמף, אין קאַמף פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פונעם מענטשלעכן גוף: קעגן דעם געבאָט פון מילה.

און נאָכאַמאָל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אַז נטע ראָזענבלאַט האָט נישט געזוכט ווי אַ טשודאַק אמתן, כדי פאַר זיי צו קעמפן. די וואָרהייטן פאַר וועלכע ער האָט זיך איינגעשטעלט זיינען אַרויס־געוואַקסן פון זיין אָרגאַנישער גרונד־וואָרהייט וואָס האָט געהייסן: עטישער מענטש און קיום פונעם יידישן פאָלק, אַ פאָלק פון עטישע מענטשן.

וואָס מעג זיין אַן אָפּהאַלט פאַר זאָגן דעם אמת? — פּקוח נפש. אָבער מעג מען דעם אמת אויך פאַרהוילן צוליב דער מאַטעריעלער לאַסט פון עטלעכע טויזנט, פון עטלעכע צענדליק טויזנט ליי מער דורכן יאָר פאַר דער מלוכה־קאַסע?

ראָזענבלאַט איז נישט געווען געבלענדט פון נאַאיווקייט און האָט גוט געוואוסט, אַז פאַרבינדן אמת מיט שטייערן אין דער מלוכה־שער אַטמאָספערע אין וועלכער ער האָט געלעבט, קאָן פירן צו טראַ־גישע און צו טראַגי־קאָמישע רעזולטאַטן. ער האָט געזען די סכנה און זי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. וואָסי? — האָט ער אונדז, עט־לעכע נאָענטע פריינט מסביר געווען — ס׳וועט ווי טאָן דאָס ביסל געלט און ס׳וועט אָרן דעם פיליסטערס געלעכטער? אָבער דער לוין פון זעלבסט־לייטערונג וואָס אַ ייד קאָן האָבן פון מאַטעריעלן שאָדן און פונעם עם־הארצס חוזק? דאָס איז גאָרנישט?

דאָס אַסקעטיש־לענגלעכע פּנים איז געווען אַרויסרופעריש אָנ־געשטרענגט, די אויגן פון אונטער ראָזענבלאַטס נאַקעטן שאַרבן האָבן געברענט מיט אומגעדולד און דאָס וואָרט זיינס וואָס פלעגט זיך

אַ ביסל פֿאַרהאַקן צווישן די ליפּן אײדער עס איז אַרויס פֿונעם מויל, האָט מיט צער געפֿרעגט און איבערגעפֿרעגט: זעלבסטלייטערונג איז גאָרנישט? מען האָט אַזאַ גוטע געלעגנהייט אָנצוכאַפּן דעם שד פֿון געלט־תּאווה בײַ די הערנער און אים דורכטרייסלען מיטן כּוח פֿון זאָגן דעם אמת, זאָל מען אַנטלויפֿן פֿונעם נסיון? דער סוד פֿון יידיש־קייט און פֿון קיום פֿון יידישקייט — האָט זיך זיין וואָרט אַלץ מער פֿאַרהאַקט און דערבײַ געוואָרן אַלץ זיכערער און פֿלאַמיקער — איז דאָך געווען זעלבסטלייטערונג. וואָרעם וואָס דען מיינט: „און איר וועט זיין צו מיר אַ הייליק פֿאָלק?" און ראָזענבלאַט האָט גע־נומען אַנטוויקלען פֿאַר אונדז ווי אַלעמאָל מיט פֿייער זיין קאָנצעפּציע פֿון אַ יידישן מוסטער־פֿאָלק מיט אַ וועלטלעכן לעבנס־קאָדעקס וואָס איז געווען עפּעס אַ געמיש פֿון שאָפּענהאַוערס פּעסימיסטישער פֿילאָ־זאָפֿיע און ר' ישׂראל סאַלאַנטערס תּורה פֿון מוסר. ווי דער עיקר פֿון אַלע עיקרים האָט פֿון ראָזענבלאַטס רייד אַרויסגעפּייערט די מצווה פֿון גובר זיין דעם ווילן, דעם יצר־הרע — דער געבאָט פֿון מאָראַלישער זעלבסטלייטערונג. און איך געדענק גוט ווי ביים סוף פֿון איינער אַזאַ דיסקוסיע האָט ער אונדז טריאומפֿירנדיק אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַריין, אַז אין דער זעלבסטלייטערונג ליגט גרויס פֿרייד. ער איז געווען זיכער אַז דערמיט האָט ער צעשלאָגן די קעגן־טענות פֿון אַלע יענע, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פֿון גליק־ און הנאה־זוכערס אין לעבן.

אָבער וויפֿיל גייסטיקע פֿרייד ראָזענבלאַט זאָל טאַקע נישט געווען האָבן אַרויסגעשלאָגן פֿאַר זיך פֿון דער זעלבסטלייטערונג אין ענין שטייערן, איז די דאָזיקע פֿרייד זיכער דערטרונקען געוואָרן ווי אַ טראָפּן אין דעם ים פֿון יסורים און פּיין וועלכן ער האָט געהאַט דורכצוגיין אין זיין קאַמף קעגן מילה אין מיטן פֿון דער יידישער שטאָט טשערנאָוויץ. דאָס וואָס אַ גרויסער טייל פֿון די יידישע פּאַ־ציענטן האָבן ראָזענבלאַטן פֿאַרלאָזט און דערמיט היפּשלעך בייגע־טראָגן צו זיין מאַטעריעלן חורבן איז אפֿשר געווען דאָס קלענסטע. אַ סך פּיינפֿולער האָט זיך געלייגט אויפֿן געמיט דער רוגז פֿון דער אייגענער משפּחה, די קעגנערשאַפֿט פֿון די סאַמע נאָענטסטע פֿריינט

און די חרם־שטימונג פון דער פרומער און אויך פון דער האַלב־פרומער יידישער סביבה.

אין תוך האָט זיך בלויז דער רוגז פונעם אַלטן טאַטע, פונעם נגידיש־חשיבותדיקן ר׳ לייבוש ראָזענבלאַט נישט געלאָזט פאַרמיידן. אַ סך זאַכן זיינען ר׳ לייבושן נישט געווען צום האַרצן אין דער התנהגות פון זיין זון, אָבער ער האָט די אומצופרידנקייט אַראָפּ־געשלונגען. ער האָט נישט גורס געווען די אמת־זאַגעריי וואָס פירט צו שאָדן און צו לייטיש געלעכטער, אָבער דער עיקרשט האָט ער גע־האַט עגמת נפש פון דעם מין וועגעטאַרישקייט וואָס צוליב איר האָט זיין אייניקל, די צען־יאָריקע ריסעלע נאָך נישט באַוויזן טועם צו זיין אין איר לעבן דעם טעם פון פלייש און פון אייער. דער פאָטער האָט אויך ניט הנאה געהאַט וואָס זיין זון פירט דורך אין אײנעם מיט זיין יינגערן ברודער פאַסט־עקספּערימענטן פון צען, פון צוואַנציק און פון דרייסיק טעג. נטע איז געווען איבערצייגט אַז פאַסטן איז אַ וואונדערלעכער הייל־מיטל פאַר פיזישע חולאתן און פירט אַחוץ דעם אויך צו פּסיכישער באַנייאונג. דער אַלטער ר׳ לייבוש האָט געגלויבט און מיט אים אַלע יידן אין שטאָט און אַלע אינטעליגענטן און די דאָקטוירים אַריינגערעכנט אַז איבעריקע תעניתים רופן דווקא אַרויס קראַנקהייטן אין גוף און פאַרעלטערן דעם מוח. אָבער ר׳ לייבוש האָט נישט געהערט צו יענע טאַטעס וואָס זאָגן דעות זייערע דער־וואַקסענע קינדער און גיבן זיי עצות ווי זיך צו פירן. ער איז געווען די איידלקייט אַליין און ווייט פון צו זאָגן מוסר אייגענע און פרעמדע. (מיר האָט ער, פאַר דורכפירן זיין בירגערשאַפט ביים העכסטן געריכט אין בוקאַרעשט, געגעבן אַ מתנה דעם „ספר קב הישר״ און דערביי אָנגעוויזן אויף דער ערשטער שורה פונעם שער־בלאַט וואו ס׳ווערט געזאָגט אַז ר׳ צבי הירש קאַידענאָווערס ספר איז אַ „ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה״ — אַ ליבלעך בוך צום נוצן פון גוף און פון דער נשמה. — איך האָב פאַרשטאַנען די דעליקאַטע עצה צו מיר נישט צו גיין אין נטעס דרכים און האָב זייער אָפּגעשאַצט אי די דעליקאַטקייט און אי דעם הומאָר פון ר׳ לייבושעס אָנוואונק).

ר׳ לייבוש האָט, ווי געזאָגט, נישט געפּרואווט משפיע זיין דעם זונס פירעכץ, אָבער אַז ס׳האָט געהאַלטן ביי נישט יידישן ס׳אייניקל,

האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, אַוועקגעשטעלט האַרט און אומפּשרהדיק און דער ריס איז געווען נישט צו פאַרמיידן.

נישט צו פאַרמיידן — וואָרום האָט דען דער זון געקאָנט נאָכגעבן? אַז נטע האָט הייליק געגלויבט, מיט אַלע רמ״ח אברים געגלויבט, אַז ווער ס׳פאַרגיסט אַ טראָפּן מענטשלעך בלוט נישט צוליב פּיקוח נפש, איז עובר אויף „לא תרצח״ — האָט ער געקאָנט איינגיין אויף אַ פּשרה ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגן קינד? יאַרנוויז האָט ראָזענבלאַט געקנעלט מיט זיינע פריינט, מיט זיינע באַקאַנטע און מיט זיינע פּאַציענטן אַז די אינסטיטוציע פון מילה איז אַ שטיק היידנישע באַרבאַריי און שטייט אין אַ פיינלעכן ווידערשפּרוך צו יידישער עטיק וואָס איינער פון אירע הויפּט־עיקרים איז „הדם — הוא הנפש״. איצט האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרטאָפּלען דעם כוח פון זיינע הייסע רייד קעגן דעם „באַרבאַרישן דין״ מיט אַ פּערזענלעכן ביישפּיל פון לעבן. האָט ער געקאָנט פאַראָטן זיין וואָרט און זיין איבערצייגונג צוליב אייגענער געזעלשאַפטלעכער באַקוועמלעכקייט אָדער אַפילו צוליב שלום מיטן פאָטער?

ראָזענבלאַטס קינד איז מן־הסתם נישט געווען דאָס איינציקע נישט געמלטע יידיש קינד אין טשערנאָוויץ. אָבער אין דעם פאַל האָט מען פּראָטעסטירט און זיך מער געכעסט, ווייל יידן האָבן דאָס מאָל דעם ענין לחלוטין נישט פאַרשטאַנען און דערפאַר אַן אַ שיעור חשד געהאַט...

חשד — וואָרעם דר. ראָזענבלאַט איז דאָך נישט איינער פון יענע האַלב־געשמדטע דאָקטוירים, וואָס נישט יידישן אַ קינד פּאַסט זיך אַריין אין דעם גוישן שטייגער פון זייער לעבן. פאַרקערט, נטע ראָזענבלאַט איז אפשר דער איינציקער דאָקטאָר אין שטאָט וואָס מען רעדט ביי אים אין שטוב בלויז יידיש. זיין מיידעלע האָט ביז זי איז אַריין אין שול קיין אַנדער שפּראַך ווי יידיש נישט געקאָנט. וואָס־זשע קען דאָס מיינען אַז דווקא ער זאָל נישט מל זיין אַ קינד? אפשר מ׳סיאָנערישע שטיק? — האָט עמיץ אַ זאָג געטאָן. ס׳האָט זיך, דאַנקען גאָט, נישט אָנגענומען, אָבער בייז זיינען יידן געווען און האָבן זיך געהאַלטן פון דערווייטן ווי פון אַ גרויסער געפאַר.

פון דעסטוועגן וואָלט זיך די זאַך מיט דער צייט געווען איינגע־

שטילט און מען וואָלט אין איר זיכער פאַרגעסן, ווען דער גורל זאָל זיך טייוולאָניש ניִשט געווען אונטערררוקן מיט נייעם דראַמאַטישן צינדשטאָף. יאַנקעלע ראָזענבלאַט איז קיין צוויי יאָר נישט אַלט געווען ווען ער איז געשטאָרבן און זיין טויט האָט אויפגערודערט די שטאָט מיט דער פּראָבלעם פון קבר־ישראל.

וואו זאָל מען דאָס נישט־געמלטע קינד מקבר זיין? יאַנקעלע איז אַ יידיש קינד און זיין אָרט איז אויפן יידישן בית־עולם — האָט געטענהט און געפאָדערט זיין פאָטער.

בלויז דעמאָלט וועט יאַנקעלעס גוף קומען צו קבר־ישראל, ווען אַ מוהל וועט דאָס טויטע קינד מל זיין על פי דין — האָט געענטפערט דער רב־הכולל, דער קדוש דר. אברהם יעקב מאַרק.

ס'איז אַוועק אַ מעת־לעת און נאָך אַ מעת־לעת. פריינט האָבן געפּרואווט בויגן דעם פאָטער; יידן־לומדים האָבן געזוכט איבערצו־ריידן מיטן רב. ס'איז געווען אַ יאָגעניש פונעם דאָקטאָרס קאַבינעט צו דער בית־דין־שטוב און צוריק. מען האָט גאָרנישט געפועלט. דער פאָטער און דער רב זיינען געבליבן שטיין איינס קעגן ס'אַנדערע פעסט און אומפשרהדיק ווי בערג — ווי בערג פון היסטאָריש־יידישער עקשנות. דער פאָטער — אין פלאַם פון הומאַניטאָרישער אגדה; דער רב — אין פייער פון יידישע הלכה.

אַ סוף געמאַכט צו דער מחלוקה אַרום דעם גוף פונעם טויטן קינד האָט די טשערנאָוויצער שטאָט־פאַרוואַלטונג. זי האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ „קאָנפעסיאָנסלאָזן" בית־הקברות און דעם ערשטן קבר אויף אָט דעם „הייליקן אָרט" אָן רעליגיע האָט מען געגראָבן פאַרן יידישן יינגעלע יאַנקעלע ראָזענבלאַט. ווען איך בין שפּעטער, צום יאָרצייט דאַכט זיך, אַרויסגעפאָרן אינאיינעם מיטן קינדס טאַטע־מאַמע און מיט עטלעכע פריינט אויפן נייעם שטאָטישן בית־עלמין, איז דער שטיין מיט די יידישע אותיות אויף יאַנקעלעס קבר געווען די איינציקע מצבה אויפן פעלד. קיין נייע קאָנפעסיאָנסלאָזע מתים זיינען פאַר דעם יאָר נישט צוגעקומען.

אויפן וועג צוריק אין שטאָט אַריין האָט איינער פון די פריינט זיך אָפּגערופן און געזאָגט: אַ פרעמדער וואָס וועט שטיין בלייבן ביי יאַנקעלעס מצבה, וועט אַוודאי נישט קאָנען אָראָפּלייענען פון איר

די פיינפולע גייסטיקע דראַמע אַרום דעם קינדס קבר, אָבער אַז דאָ איז נישט געווען די רייד וועגן עפּעס אַ פלאַכן פאַקט פון „קאָנפעסיאָנס־לאָזיקייט" — דאָס וועלן אים די יידישע אותיות זיכער דערציילן. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף נטען. זיין פּנים האָט שטיל און מיט דאַנק געשמייכלט. דעם פריינטס ווערטער האָבן אַריינגעטריפט אַ ביסל טרייסט אין זיין צער.

פּסח 1933 האָב איך זיך מיט נטע ראָזענבלאַט געטראָפן אין ירושלים. מיר האָבן אין דרייען (ער, איך און אַ בשותפותער פריינט אונדזערער) שפּאַצירט אין אַן ערב שבת איבער די גאַסן פון „מאה שערים" און נטע האָט אונדז מיט טיפער באַגייסטערונג איבערגעגעבן וואָס פאַר אַן אַנטפּלעקונג עס איז פאַר אים ארץ ישראל. ער איז געווען אין די קבוצות און ער האָט געזען דעם כמעט יידיש־עטישן מענטש וועגן וועלכן ער חלומט און ער האָט געהערט ווי ממש „יעדער שטיין דאָ אין לאַנד רעדט העברעאיש". דעם „כמעט" צו דער עטישקייט פון די קבוצה־מענטשן האָט ראָזענבלאַט צוגעשטעלט מחמת מען עסט דאָרט פליש און מען פאַרשטייט נישט אַז דאָס איז טיף אומ־מאָראַליש און נישט וועגעטאַריאַניש אומגעזונט.

און נטע האָט אונדז אויך צו וויסן געגעבן זיין באַשלוס זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. ראשית וועט ער דאָ קאָנען דערציען זיין קינד יידיש און מענטשלעך און עס פאַרהיטן פון אַלערליי שפלות־קאָמפּלעקסן און שנית איז דאָ אין לאַנד פאַראַן די בויטיקע אַטמאָס־פער פאַר אָרגאַניזירן אַ לעבן לויט די פּרינציפּן פון אַבסאָלוטער עטיק. און עס איז דערפאַר פאַר אים קלאָר — האָט אונדז ראָזענבלאַט פאַרזיכערט — אַז ער דאַרף אַהער קומען נישט ווי אַן אויגן־דאָקטאָר, נאָר ווי אַ דיעטעטיקער.

וואָס ער האָט געמיינט מיט „דיעטעטיקער" האָב איך און מיין פריינט פאַרשטאַנען. עס האָט געמיינט, אַז נטע פּלאַנט זיך אַריינ־צוּוואַרפן דאָ אין ארץ ישראל אין דעם קאַמף פאַר וועגעטאַריזם און פאַר דער „הייליקייט און אומבאַרירלעכקייט פונעם מענטשלעכן גוף" און איז אַנגעגרייט צו נעמען אויף זיך דעם עול פון נייע מאָ־

טערבישן, פון נייער פּיין און יסורים, וואָס זייער איינציקער שכר קאָן בלויז זיין „די פרייד פון זעלבסטליטערונג".

אַהיימגעקומען צוריק קיין טשערנאָוויץ האָט ראָזענבלאַט אָנגע־הויבן צו ליקווידירן זיין ביסל פאַרמעגן און אָנדערטהאַלב יאָר שפּעטער איז ער מיט זיין משפּחה שוין געווען אַ ירושלימער תושב. און פאַר־שטייט זיך, נישט ווי קיין אויגן־דאָקטאָר, נאָר ווי אַ „דיעטעטיקער". די פּרטים פון זיין קאַמף פאַר דער ריכטיקער דיעטע פונעם קבוצה־מענטש זיינען מיר נישט באַקאַנט. פון די ידיעות וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען אַהער קיין אַמעריקע אין דער צייט פון דער מלחמה, האָב איך געוואוסט, אַז נטע האָט געלעבט אין אָרעמקייט, אַז ער האָט קיין דערפאָלג נישט געהאַט, אַז די דערפאָלגלאָזיקייט האָט אים צייט־ווייליק פּסיכיש דעפּרימירט און — אַז ער האָט דעם קאַמף נישט אויפגעגעבן.

ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון ליידן און אַנטוישונגען ביז עס איז אים באַפאַלן אַ שווערע פיזישע חולאת און האָט זיינע יסורים און זיין פּיין נאָך טויזנטפאַך פאַרמערט. מחמת אַ בלוט־פאַר־גיפטונג האָבן אים די כירורגן אין ירושלימער „הדסה"־שפּיטאָל אַראָפּגענומען אַ פוס און ס'איז באַשטאַנען די סכנה פון אַ צווייטער אַמפּוטאַציע. די ווייטיקן זיינען געווען אין לשער, עטלעכע טעג פאַרן טויט האָט נטע געשריבן צו אונדזער בשותפותדיקן פריינט פון יענע געשפּרעך־שעהן אין „מאה שערים" אַז — „איצט קען איך זאָגן, אַז איך בין אַ געלייטערטער. פון אַזעלכע ליידן ווי איך גיי איצט דורך מוז מען געלייטערט ווערן".

אין די דערפאַרונגען פון מיין לעבן איז דער אויגן־דאָקטאָר נטע ראָזענבלאַט געווען דער לויטערסטער מענטש וואָס האָט אַזוי הייס געגאַרט נאָך לייטערונג.

(1946)

דער שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך

ווען גראַנאַכן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט מיט אַן ערך צוויי אָדער דריי און דרייסיק יאָר צוריק. מיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט מיט גראַנאַכן האָט זיין פּלוצעמדיקער טויט איבער־געריסן געציילטע וואָכן פאַר איר דרייסיק יאָריקן יובל.

איך בין נאָך געווען אַ גימנאַזיסט, אַ תלמיד אין די העכערע קלאַסן פון דער קאָלאָמייער גימנאַזיע, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז שעיה גראַניך, אַ בעקער־ייִנגל פונעם נאָענטן שטעטל האָראָדענקע, איז אַוועק קיין בערלין און גאַנץ דייטשלאַנד גייט כאַדאַראַם מיט זיין שוישפּילערישן טאַלאַנט.

דער אמת אין דער ידיעה איז דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סך קלענער ווי זי גוזמא, אָבער שוין מיט צען יאָר שפּעטער איז געשען אַ נס, דער נס פון פרעהס חלום מיט די קי. דער מאָגערער אמת האָט אויפגעגעסן די פעטע גוזמא. די איבערטרייבונג איז געוואָרן וואָר. גראַנאַך האָט אין דער פאַר־היטלעריסטישער דייטשלאַנד פאַרנומען אַן אויבנאַן פּלאַץ אין דער דייטשער טעאַטער־וועלט. עס איז ניט געווען מעגלעך אויסצורעכענען דייטשלאַנדס גרעסטע צען דראַמאַטישע שוישפּילער און אויסצולאָזן דעם נאָמען אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

צווישן די גרויסע צען איז גראַנאַך ניט געווען דער איינציקער ייִד, אָבער זיכער כמעט דער איינציקער מיט אַ וואַכער אינטואיציע און מיט אַ טיפן באַוואוסטזיין פון זיין היסטאָרישער ייִדישקייט. עס האָט על־פּי זיין קינסטלערישן געמיט ניט געקאָנט אויך אַנדערש זיין. גראַ־נאַכס ליידנשאַפט איז אַלע מאָל געווען די געשטאַלט מיט ערד אונטער זיך. אים איז קינסטלעריש געווען פרעמד מענטשלעכע גייסטיקייט, וואָס וואַקסט ניט אַרויס פון מענטשלעכער גשמיות. עס מוז קודם־כל זיין

אַ מענטש, וואָס זאָל האָבן ניט וואַסער, נאָר בלוט אין די אָדערן, אַ מענטש ניט נאָר מיט עולם־הבא בענקשאַפט, נאָר אויך מיט עולם־הזה־תאוות, מיט איין וואָרט, אַ מענטש מיט וואָרצלען אין לעבעדיקן לעבן — כדי מען זאָל קאָנען ריידן פון אַ מענטשלעכער און ניט פון אַ מלאך׳שער גייסטיקייט. גראַנאַך איז געווען דער געשטאַלטער פון מענטשן און ניט פון מלאכים. און אַ מענטש, אַ מענטש — אַ קינסטלער, קאָן ניט זיין געגליכן צו אַן אָפּגעריסן בלעטל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין טייך און שווימט דאָרט שיין און באַזאַכט. **אַ מענטש איז ווי אַ** בוים, ער מוז האָבן קאָרעניעס, ער מוז זיין טיף פאַרפעדעמט אין אייגענער ערד.

די מייסטע דייטשע שוישפּילערס פון יידישן אָפּשטאַם זיינען געווען אַזעלכע בלעטלעך אויפן טייך — באַשעפעניש אָן היסטאָריע. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין דער גרויסער דייטשער קולטור, האָבן זיך ווער גרינטלעך און ווער גרינטלעכער צוגעפּאַסט און האָבן דערנאָך אַזוי לאַנג פאַרשוויגן און פאַרווישט דאָס היסטאָריש־יידישע הינטער זיך, ביז — ביז ניט נאָר זייער מענטשלעכע ווערדע, נאָר אויך זייער קינסטלערישקייט האָט געליטן שאָדן. וואָרעם די קונסט פון געשטאַלטונג, וואָס ווערט ניט גענערט פון ירושה־זאַפטן, ווערט פריער אָדער שפּעטער מאַנאָטאָן, אַבסטראַקט, אָפּגעבליאַקעוועט און — ליגנעריש.

גראַנאַך איז ניט געקומען אין דייטשן טעאַטער־היכל אַ ליידיק און לויזער. ער האָט ניט געפּרואווט צו פאַרווישן אין זיך שעיה גראַניכן, דעם אָרעמען בעקער־יונג פון האָראָדענקע, פון זאַלישטשיק און פון סטאַניסלאַוו. פאַרקערט, ער האָט אין זיך קולטיווירט די דערמאָנונג און די זעאונג פון די געשטאַלטן פון דער יידיש־גאַליצישער ערד, פון דער סאַמאָראָדנער ערד פון די קינדער־יאָרן. גראַנאַך האָט אין משך פון זיין קינסטלערישער קאַריערע געהאַט אויך מיס־ערפאָלגן (וועלכער גרויסער שוישפּילער איז דערפון באַהיט געוואָרן?) אָבער אַפילו ביי די מיס־ערפאָלגן, ד. ה. דעמאָלט, ווען ער האָט זיך דעקלאַמאַטאָריש אַריבערגעשריען, האָט ער זיין אייגנקייט ניט פאַרלוירן. זיינע טענער און זיינע זשעסטן האָבן אַפילו דעמאָלט געהאַט אַ נאַציאָנאַלן עכאָ, זיי האָבן אָפּגעקלונגען אויף קריק צום יידישן לעבנסשטייגער.

אַחוץ גראַנאַכן קען איך נאָך איין יידיש־דייטשן שוישפּילער, וואָס

יעדער באַוועג זיינער, יעדער קלאַנג פון זיין שטים האָט תמיד און אַלע מאָל אַ יידיש־ירושהדיקן הינטערגרונט. וויפיל מאָל פעליקס ברעסאַר, דער באַוואוסטער יידיש־דייטשער קאָמעדיע־אַקטיאָר זאָל ניט אַ פיר טאָן איבערן רוים מיט זיינע לאַנגע באַרעדעוודיקע הענט, ווייעט ער אָן אויף אייך חסידישע דבקות. און מעג ער מיט זיין וויצי־קער רעפליק זיין אַריינגעטאָן ווי ווייט ער וויל אין דייטשן פאָלקס־שמועס, דער ריטם און דער קלאַנג פון די ווערטער וועקן אין אייך די דערמאָנונג צו הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

פון גראַנאַכס בינע־געשטאַלטן האָט אויך תמיד אַרויסגערעדט דער היימישער טאָן, און עס האָט זיך אָנגעזען דער היימישער זשעסט פון אַ יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט די פילאָ־זאָפישע מילדקייט פון שלום־עליכמס טביה דעם מילכיקן, די גבורה פון אָפּאָטאָשוס „קיווקע גנב" און דעם שטורמישן פּראָטעסט פון אַ ניי־צייטישן יידיש־פּראָלעטאַרישן טריבון. ערגעץ־וואו האָבן זיך די דאָזיקע עלעמענטן פון גראַנאַכן דעם ייד פון האָראָדענקע אַריינסובלימירט אין אַלע זיינע ראָלן: אין „פאַוסט", אין „שיילאָק" און אין „פּראָפעסאָר מאַמלאָק", אין זיי האָבן זיך אַלע מאָל אָנגעזען און אָנגעהערט די דאָזיקע יידישע פאַרבן און קלאַנגען זיינע.

שעיה גראַניך, דער יידישער בחור פון האָראָדענקע, סמוך לקאָ־לאָמיי, איז אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין דעם אייראָפּעאישן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך. און אויף דער דייטשער בינע איז גראַנאַך גע־ווען אַ יידישער מענטש, וואָס האָט געשפּילט טעאַטער אויף דייטש, אָבער אין תוך אַלע מאָל אויסגעשפּילט די געשטאַלט פון יענעם טרויע־ריק־קלוגן און שטורמיש־באַרעדעוודיקן שעיה פון וועזשבאָוועץ, וואָס נאָך אים האָט אים זיין טאַטע אַ נאָמען געגעבן, און וואָס ער אַליין האָט אים ליטעראַריש פאַראייביקט אין זיין בוך זכרונות אונטערן טיטל: „ס'גייט אַ מענטש".

אָט גייט דער מענטש — אַלעקסאַנדער גראַנאַך. באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין 1915, ביים עסטרייכישן מיליטער אין דער „איינ־יאָריקן־אָפּטיילונג" (אָפּטייל פון אָפיציר־קאַנדידאַטן) אונטער דער אָנפי־רונג פון דעם צעדולטן און קרענקלעכן אָבער־לייטענאַנט שטייניץ. גראַנאַך איז דאָרט משמח די אָפיצירן אין קאַסינאָ, דעקלאַמירט פאַר

זיי פראַגמענטן פון „פאַוסט“ און זאַמלט איין אַפּלאָדיסמענטן און באַ־גייסטערונג. און אָט איז שוין נאָך דער מלחמה, דער ערשטער חודש נאָך דער מלחמה אין קאָלאָמיי. איך בין דער קאָמענדאַנט פונעם יידישן לעגיאָן און סאַרזשענט גראַנאַך—דער פאָרזיצער פונעם סאָלדאַטן־ראַט. ער איז אויך אַ טוער ביי די זש. פּ. ס. און אַ באַליבטער רעדנער ביי זייערע מיטינגען. און אָט האָט ער דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ פון רעדנערישן דערפאָלג. ער שטייט אויפן באַלעמער פון דער גרויסער קאָלאָמייער שול און דונערט אַ פּראָטעסט קעגן די יידישע פּאָגראָמען אין לעמבערג. איך געדענק גוט יענע רעדע. איך קען זי ניט פאַרגעסן. זי איז געבליבן אין זכרון ביי אַלע, וואָס האָבן זי געהערט. עס האָט גערעדט שיילאָק פון דער בינע, געביסן מיט זיין איראָניע די פּאָ־גראָמשטשיקעס און געפאָדערט האַרטע נקמה; עס האָט געבליצט מיט זיינע שוואַרצע אויגן „קיווקע גנב“ גרייט זיך צו וואַרפן אויף די מער־דער און זיך מוסר־נפש צו זיין; עס האָט געשמועסט מיט האַרציקייט טביה דער מילכיקער און געגלעט די הערצער מיט זיין טרויעריקן שמייכל און מיט זיינע מילדע רייד פון הכנעה צום גורל. מיט איין וואָרט, עס איז ניט געווען בלויז אַ רעדע — עס איז געווען אַ קאָנצענטרירטער פּרעלוד צו די שפּעטערע צוואַנציק יאָר טעאַטער, אין וועלכע די פריער־דערמאָנטע געשטאַלט־עלעמענטן זיינען סעפּאַראַט, נאָכאַנאַנד און צומאָל באַנאַנד אַרויסגעקומען.

און אָט איז 1931. איך בין ביי אים אין זיין שיינער וואוינונג אין בערלין־דאַלעם. ער גרייט זיך אין וועג אַריין קיין אַמעריקע. ער איז מיד, — זאָגט ער מיר, — פון שפּילן אויף דייטש. ער בענקט נאָך יידיש טעאַטער, ער וויל דערלאַנגען דעם אויטענטישן שעיה פון וועזש־באָוועץ ניט נאָר מיט יידישע סענטימענטן, נאָר אויך מיט יידישע רייד.

און דערנאָך, זיבן יאָר שפּעטער, ניי־יאָר, 1938, ביי מיר אין הויז אין בוקאַרעשט. ער איז אויף דער דורכרייזע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער שווייץ. ער האָט געשפּילט יידיש־טעאַטער אין קיעוו און — מען שיקט אים אַרויס. קיין איין וואָרט פון ביטערקייט. ס׳איז נאָך דאָ אַ צווייטע וועלט מיט יידיש — אַמעריקע. אַהין פאָרט ער. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, איז שוין גראַנאַך געווען אויפן וועג קיין

קאַליפאָרניע. בלויז אַ טעלעפאָנישער געשפּרעך וועגן דער צווייטער אַרויסשיקונג פון יידיש־לאַנד, און אויך כמעט אַן ביטערניש. אין לאָס־אַנדזשעלעס זיינען דאָ אַרבעטער־פאַראיינען און מען וועט קאָנען אויפפירן אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען אויף יידיש.

און אַז עס איז געקומען די לעצטע אַנטווישונג און — ניטאָ יידיש טעאַטער, איז ער אַוועק אונדז דערציילן וועגן די יידישע געשטאַלטן פון וועזשבאָוועץ, פון האָראָדענקע; פון קאָלאָמיי און סטאַניסלאַוו, — וואָס זיינען אַלע אינאיינעם געווען זיין בינע־געשטאַלט אין די טעאַטערס פון דרעזדען, פון מינכען און פון בערלין.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט מיט אַ צוויי־דריי חדשים צוריק איז גראַנאַך געזעסן ביי מיר אין שטוב, אין ניו יאָרק, און מיר געלייענט פון זיין מאַנוסקריפּט „ס׳גייט אַ מענטש". וואונדער־געשטאַלטן מאַרשירן פאַרביי: דער טאַטע און די מאַמע, די חברותא פון די ברידער, די גויישע שכנים, דער סטודענט איוואַן פעדירקיוו, דאָס קליינע קאַליקע־ברודערל „רחמנותל" מיט זיין גויישן פריינט „באַהאַגיעקוואַטע" און אַט שטאַרבן די צוויי קינדער, פאַרכישופטע, ווי אין אַ כישוף־מעשהלע.

דער שרייבער גראַנאַך האָט געהאַט ניט ווייניקער גבורה און קראַפט פון אויסדרוק ווי דער שוישפּילער און—דיזועלביקע בענקשאַפט. ער וויל דאָס בוך זאָל דערשיינען אויף יידיש. אויף דייטש ווערט עס געדרוקט אין שוועדן. אויף ענגליש וועט עס אין גיכן אַרויס אין ניו־יאָרק. אויף יידיש איז ניטאָ קיין פאַרלעגער, ניטאָ קיין בעלן.

דאָס האָט אים זייער געקרענקט — אָבער צי האָט זיך אויך ביטערניש אַריינגעצויגן אין זיין האַרץ?

איך האָב אים געזען אַ טויטן אין אָרון. אויף זיין פּנים איז געלעגן איינגעגליווערט אַ שמייכל, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז גראַנאַך איז אַוועק פון דער וועלט אַן תרעומות און אין סאַמע ברען פון האָפענונג, פון בטחון און פון ליבשאַפט צו מענטשן.

(1945)

דער ווינער

אין ירושלים איז אין עלטער פון 75
יאָר געשטאָרבן דער יידיש־רומענישער
פירער האַריאַ קאַרפּ.

דער פאַרשטאָרבענער איז אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט גע־שטאַנען אין פראָנט פון דעם יידישן־עמאַנציפּאַציע־געראַנגל אין רומע־ניע; קודם אין פראָנט פון דעם שווערן קאַמף צו דערגרייכן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און דערנאָך אין סאַמע פאָרנט פון דעם נאָך שווע־רערן קאַמף זי אָנצוהאַלטן. צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז דער נאָ־מען האַראַ קאַרפּ לעבן דעם נאָמען פון דר. פילדערמאַן בלי ספק געווען דער פּאָפּולערסטער אין יידיש־פּאָליטישן לעבן פון אַלט־רומעניע און צום גרויסן טייל אויך אין די נייע פּראָווינצן. קאַרפּ איז געווען וויצע־פּרעזידענט פונעם „פאַרבאַנד פון רומענישע יידן", אַ שטיקל צייט דער יידישער פאַרטרעטער אין רומענישן סענאַט און לעצטנס האָט ער פאַרנומען דעם השפּעהדיקן פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון „פאַרבאַנד פון יידישע קהילות אין אַלט־רומעניע".

אָבער טראָץ די אַלע „טשינעס" איז ער קיין פירער ניט געווען. ער האָט ניט פאַרמאָגט דערצו ניט דעם טעמפּעראַמענט, ניט די נוי־טיקע וויזיע און ניט דעם ווילנס־כוח. זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען ניט דער פירערשאַפט, וועלכע ער אַליין האָט זיך היפּשלעך ליב געהאַט איינצורעדן, נאָר זיין פּראָדוקטיווער פען, מיט וועלכער ער האָט יאָרצענדליקער געשריבן טויזנטער געוויין־אַרטיקלען און צענדליקער געוויין־סקיצעס און גע־יאָמער־דערציילונגען.

ער איז זיכער ניט געווען קיין ברילליאַנטענער זשורנאַליסט. ער

האָט ניט אויפגעטאָן געדאַנקלעך און האָט ניט פאַרכאַפּט מיט זיין פאָרם; אָבער זיינע אַרטיקלען, — לכל־הפחות די אַרטיקלען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אין משך פון מיינע קנאַפּע 20 יאָר אין רו־מעניע, — האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז וויכטיקער און וויר־קעוודיקער ווי דער געדאַנק און זיין פאָרם, — אַן עכטע טרער פון צער.

אין יעדן נומער פון דעם וואָכנבלאַט „קוריערול איזראַעליט״, וואָס איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם „פאַרבאַנד פון די רומע־נישע יידן״, האָט קאַרפּ געשריבן ניט ווייניקער ווי צוויי אַרטיקלען, — צוויי אַרטיקלען פון אויסטערה׳כץ, פון סענטימענטאַלער אויסטערה׳כץ. אויף דער ערשטער זייט האָט ער זיך געוויינלעך אויסגעטענהט מיט די אַנטיסעמיטן, מיט די גרויסע אַנטיסעמיטישע „פּני״, מיט פּראָפ. יאָרגאַ, מיט פּראָפ. נאָיע יאָנעסקו און מיט דעם און יענעם אַנטיסע־מיטישן, אָדער האַלב־אַנטיסעמיטישן מיניסטער. ער האָט צו זיי גע־רעדט אין אַ טאָן פון וואַרעמער מענטשלעכקייט, זיי פּערזענלעך ניט געזשאַלעוועט קיין לויב אויפן חשבון פון זייער אינטעלעקט און זייער פּאַטריאָטיזם, און זיי געפּרעגט מיט תחנונים:

„אדרבה, וואָס ווילט איר פון אונדז, יידן? איר זאָגט, אַז מיר האָבן פאַרכאַפּט דעם מסחר? אַז מיר זיינען ניט קיין פּאַטריאָטן? — ענטפער איך אייך, איך, האַריא קאַרפּ, וואָס האָב אָוועקגעגעבן מיין לעבן דער ליבשאַפט צו רומעניע און צו מיינע יידישע ברידער, אַז וואָס שייך מסחר, קוקט אייך אָן דעם „פאַרכאַפּער״ שלום ראָזענבערג, וואָס האַנדלט מיט אַלטע קליידער און האָט ניט אויף שבת; און וואָס אַנבאַטרעפט אונדזער פּאַטריאָטיזם קומט מיט מיר, מיינע ליבע און חשובע אַנטי־סעמיטן, אויף די יידישע בית־עלמינס, און איך וועל אייך באַווייזן די קברים פון די יידן, וואָס זיינען געפאַלן אין הייליקן קריג פאַר רומעניעס פאַראייניקונג און גרויסקייט״...

דאָס איז אומגעפער געווען דער נוסח פון האַריא קאַרפּס פּאָלע־מיקעס מיט די אַנטיסעמיטן. ער האָט זיך געעדותט פאַר זיי מיט די יידן פון זיינע „מידע נשמות״ (אַ באַנד דערציילונגען זיינע, וואו דער דער־מאָנטער אַלטוואַרג־הענדלער, שלום ראָזענבערג, איז איינער פון די העלדן), מיט די קברים פון יידישע זעלנער און מיט זיך אַליין, מיט

זײַן אײגענער רומענישער פּאַטריאָטישקײט און מיט זײַן באַהעפטקײט צו דער רומענישער קולטור.

ווי טיף האַריאַ (יהושע) קאַרפּ, דער זון פון פרומע ייִדישע עלטערן, פונעם קלײנעם מאָלדאַווישן שטעטל הערלוי, איז געווען פאַרליבט אין רומענישער שפּראַך און אין רומענישער העראָאיק, איז מיר קלאָר געוואָרן אין אײנעם אַן אויפדערנאַכט אין דער צײַט פונעם גאָגאַ־רעזשים, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן וועגן אַ הילפס־אַקציע פאַר אַרבעטסלאָזע ייִדישע שרײַבער. רומעניע האָט אין יענע חדשים גע־יום־טובט דעם 150־סטן יאָרצײַט פון אירע פּויערים־מאַרטירער האָריאַ, קלאָשקאַ און קרישאַן. קאַרפּ האָט מיר געלײענט זײַן נאָר־וואָס אָנגע־שריבענעם אַרטיקל וועגן די רומעניש־נאַציאָנאַלע העלדן. ער איז גע־ווען זיכער, אַז קײן שום רומענישער שרײַבער האָט ניט טיפער איבער־געלעבט דעם טויט פון די פּויערים־מאַרטירער. זײַן קול האָט געציי־טערט מיט פאַרליבטקײט צו זײַן רומענישער שפּראַך און צו זײַנע רו־מענישע העלדן.

איך האָב דערפילט אַן עכטע טרער אין די שורות און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוד פון האַריאַ קאַרפּס ווירקונג אויף די „שלום ראָזענבערגס", די טויזנטער לײענער זײַנע אין די מאָלדאַווישע שטעטלעך, ווען זײ לײענען ווי אַזוי קאַרפּ וויינט פאַר זײ אויס זײַנע טענות צו די אַנטיסעמיטן און אויך דער סוד פון דער ווירקונג אויף די רומענישע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן נאָכן פּאָגראָם אין אָראַדעאַ מאַרע געהערט זײַן געוויין־רעדע אין סענאַט און — אַזוי האָט מען דערצײלט — די ווײכערע צווישן זײ האָבן געהאַט פײַכטע אויגן און די האַרטלײַביקערע האָבן פאַרשעמט געשוויגן.

און זאָל מען ניט מײנען, אַז עס איז געווען עפּעס אומווערדיקס אין האַריאַ קאַרפּס פּאָלעמישן סענטימענטאַליזם. ווען איך האָב געלײענט זײַנע „פּאַרלאַמענטאַרישע רעדעס" (בוקאַרעסט 1928) האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז אין קאַרפּס סענטימענטאַלער אויסטענה׳כץ איז פאַראַן מענטשלעכער און ייִדישער שטאָלץ. עס איז געווען דער שטאָלץ פון — דאָס איז אונדזער ייִדישער גורל: מיר האָבן אַ וואַרעם האַרץ אויך ווען מיר רעדן מיט אונדזערע שונאים.

און ניט נאָר קעגן די שונאים פון דרויסן איז זײַן פּאָלעמיק געווען

לאָמענטאַציע, נאָר אויך ווען ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיינע יידישע קעגנער. זיי, די קעגנער פון דער יידישער נאַציאָנאַל־פּאַרטיי, די דרייסטע יוגנט פון דעם דור נאָך אים, האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרשטיין פּאַרוואָס קאַרפּ, דער אַלטער ציוניסט איז אין דער לאַנד־פּאָליטיק מיט דעם ניט־ציוניסטישן „פאַרבאַנד פון רומענישע יידן" און ניט מיט זיי. אים האָבן אָפּגעהאַלטן דערפון אי זיינע אַלטע לאַנג־יאָריקע פערזענלעכע פאַרבינדונגען און דער עיקר זיין שרייבע־רישער געמיט וואָס דער גוסח פון סענטימענטאַלער אויסטענהכץ און פון אַפּאָלאָגעטישער פּאָלעמיק זיינען אים געווען אַזוי נאָענט און אַזוי אייגן.

מיט ביטערניש האָט קאַרפּ געפרעגט זיינע קעגנער, צי זיי ווייסן ניט אַז זיין יידישער נאַציאָנאַליזם איז ניט ווייניקער אינטעגראַל ווי זייערער און צי ווייסן זיי ניט, אַז ער איז געווען איינער פון די ערשטע אין אַלט־רומעניע מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור־ווערטן? איז ער ווייניקער נאַציאָנאַלער ייד פון זיי, ער, וואָס האָט איבערגעזעצט אויף רומעניש גרעצס געשיכטע, הערצלס „אַלט־ניילאַנד" און דערציילונגען פון פּרצן און שלום־עליכמען? האָריא קאַרפּ איז מיט זיינע טענות געווען גערעכט. וואָרעם —

ער איז געווען אַ הייסער ייד, אַ פּיאָנער פון ציוניזם אין רומעניע, אַ דערציילער מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צו יידישע געשטאַלטן און אַ זשורנאַליסט, אַ קעמפער — אַ קעמפער אויף זיין שטייגער, אַ וויר־קעוודיקער מיטן כוח פון אַן עכטער מענטשלעכער טרער.

(1943)

דער סינטעטישער ציוניסט

אין די לעצטע יאָרן ערב דער וועלט־קאַטאַסטראָפע איז מאַקס דיאַמאַנטס גרויסע ליידנשאַפט געווען: דער אַלטער יידישער בית־עולם אין טשערנאָוויץ. דיאַמאַנט האָט אין די מצבות פונעם אַלטן בית־החיים אין דער וואַסער־גאַס געפונען אַן אוצר פון יידישער קינסטלערישקייט און — ער האָט נישט גערוט און קיינעם נישט צו רו געלאָזט ביז ער האָט דעם אוצר נישט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט.

ערשט ווען דיאַמאַנטן איז געלונגען אַרויסצוגעבן אַ בוך וועגן טשערנאָוויצער בית־עולם מיט באַשרייבונגען און מיט פאָטאָגראַ־פישע רעפּראָדוקציעס פון די מצבות און מיט אַן אויספירלעכער הקדמה וועגן דער קונסט פון יידישער מצבה־שלעגעריי („יידישע פאָלקס־קונסט״, פאַרלאַג ר. לעווויט, ווין 1937, דייטש), ערשט דעמאָלט — האָבן מיר, דיאַמאַנטס פריינט זיך גוטמוטיק געוויצלט אויף זיין חשבון — האָט מען געקאָנט מיט אים רעדן אויך וועגן אַנדערע זאַכן. עו״שט דעמאָלט האָט מען נישט געדאַרפט מורא האָבן אַז ער זאָל אייך אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און אַוועקפירן אין דער וואַסער־גאַס באַוואונדערן זיינע מצבות.

עס זיינען בפירוש געווען „זיינע מצבות״ — נישט בלויז ווייל ער האָט זיי אַנטדעקט, נאָר אויך ווייל ער האָט אַוועקגעלייגט אַ היפּש ביסל האָרעוואַניע כדי די שטיינער צו ברענגען אין אַ צו־שטאַנד פון קאָנען באַוואונדערט ווערן. גאַנצע עקספּעדיציעס פון פריינט האָט דיאַמאַנט אָרגאַניזירט אויף אָפּצורייניקן, אָפּצוואַשן, אָפּצוקראַצן און אָפּצומבינען די אַלטע, האַלב־איינגעזונקענע מצבות.

עס האָבן געפּראַצעוועט די פריינט מיט דיאַמאַנטן איאיינעם ערנסט און אָנגעשטרענגט ווי ביי אַ פויערשער קלאַקע. און אַז

ס'האָבן זיך דערנאָך פון אונטער דעם מאָך, פון אונטער דעם שימל און מיסט געגומען באַוויזן די איידעלע פאָרמען פונעם שטיין מיט זיינע אָרנאַמענטן, אויוון: פיין סטיליזירטע מנורות, פינף און דריי־רייערדיקע שבת־לייכטער, בערן, הירשן, בלומען, בלעטער, וויינ־טרויבן, אַ האַנט מיט אַ קרוגל וואַסער און הענט וואָס דוכענען, און אונטן: רעליעפע בלאָק־אותיות — טראַציקע, פעסטע און צאַרטע — האָט די „קלאָקע" געהאַט איר פולן לוין פון הנאה.

הנאה האָט מען געהאַט נישט בלויז פון די אַנטפּלעקטע קונסט־ווערק, נאָר אויך גרויס הנאה פון דעם גליק וואָס האָט אַרויסגע־לויכטן פון דיאַמאַנטס ברייטן בולדאָג־פּנים און האָט איינגעהילט אין פרייד דעם געפּאַקטן גוף זיינעם מיט די נערוועז־קפדנישע צו־קונגען.

דיאַמאַנט האָט זיך געהאַט וואָס צו פרייען. וואָרעם אויב אַזעלכע מצבות, שטייט דאָך זיין טשערנאָוויץ נישט אָפּ פון פּראָג. דער יידישער בית־עולם לעבן דער פּראַגער אַלט־ניי־שול איז אַוודאי עלטער אין יאָרן, אָבער דערפאַר איז דער בית־החיים דאָ אין דער טשערנאָוויצער וואָסער־גאַס קינסטלעריש שטאַרקער און אָרי־גינעלער.

„אין פלוג — שרייבט מאַקס דיאַמאַנט אין דער הקדמה צו זיין בוך „יידישע פאָלקס־קונסט" — באַקומט מען אויף אַזאַ אַלטן בית־עולם ווי דער טשערנאָוויצער, דעם איינדרוק פון עפּעס אַן איין און דער זעלביקייט און בשותפותדיקייט וואָס חזרט זיך איבער ביי אַלע שטיינער. דאָס קינסטלעריש־באַזונדערע פון יעדער מצבה באַהאַלט זיך ערגעצוואו אויס הינטער אָט דער איבערחזערונג. אַזאַ אַלטער בית־עולם סוגעסטירט דאָס בילד פון אַ פרידלעכער, גלויביקער און געשלאָסענער קהילה ביים לעבן. אָבער — אויך דאָס בילד פון אַ קהילה וואָס האָט מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס און מיט קריטישער שאַרפקייט נאָכגעפאָלגט דער אַרבעט פונעם סקולפּטאָר. מע זעט בחוש אַז דער מצבה־שלעגער האָט זיך געגעבן די מי אַרויסצוברענגען אין דער פאָרם און אין דעם אינהאַלט פון יעדן שטיין עפּעס אַן אייגנס שיינעם און אָריגינעלן שטריך, הגם ביי אַלע שטיינער קומט צום

אויסדרוק זייער געבונדנקייט דורך טראַדיציע. יעדע מצבה באַווייזט זיך מיט עפּעס אַן אינדיווידועלן שטריך״.

און דיאַמאַנט פאַרכלינגעט זיך ממש מיט הנאה און מיט שטאָלץ ווען ער פאַרענדיקט דאָס דערמאָנטע קאַפּיטל פון דער הקדמה מיט אַ דעקלאַראַציע אַז „אויף די מצבות פונעם אַלטן טשערנאָ־וויצער בית־עולם האָב איך אַנגעציילט איבער פופציק מנורה־וואַריאַנטן און אַ שפּאַר ביסל צווישן זיי פון אמתן קינסטלערישן ווערט.״

די „פופציק מנורה־וואַריאַנטן״ האָבן פאַרשטאַרקט דיאַמאַנטס אמונה אין דער קינסטלערישער שעפערישקייט פון די טשערנאָ־וויצער יידן, פון די בוקאָווינער יידן, פון די בעסאַראַבישע, רומענישע און פון דעם גאַנצן דרום־מזרחדיקן יידישן קיבוץ, וואָס היסטאָ־ריקער האָבן אים פאַרזען, האָבן אים מבטל געמאַכט און אין בעסטן פאַל געהאַלטן פאַר אַן אָרעמען „טעג־עסער״ ביי די לומדים פון פוילן און סוחרים פון דייטשלאַנד.

דיאַמאַנט איז איצט מער ווי אַלעמאָל געווען זיכער אַז —

„דאָ אין אַט די קהילות אַרומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער און זאַטע פעלדער, קהילות אויסגעבויטע אין דער רואיקער אומ־ענדלעכקייט פון די סטעפּעס אָדער אין דער שפּעדיקער נאַטור אַרום דעם שוואַרצן ים האָט זיך געשאַפן אַ קוואַל פון וועלכן עס קומען אַרויס אויך היינט, פונקט ווי אַמאָל, אָן אַ שיעור קינסטלער. זיי וואַנ־דערן קיין מערב. אַ טייל פון זיי איבעררעאַשן אייראָפּע און אַ טייל שטאַרבן אויפן וועג.״

צו באַווייזן די דאָזיקע שעפערישקייט, העלפן איר איבעררעאַשן אייראָפּע און פאַרהיטן זי פון צו שטאַרבן אויפן וועג — דאָס איז אין תוך געווען די לעבנס־עובדה וואָס ס׳האָט אויף זיך גענומען דער מערקווירדיקער טשערנאָוויצער אַדוואָקאַט מאַקס דיאַמאַנט.

ער איז געווען מערקווירדיק פאַר דער יידישער טשערנאָוויץ אין אַ היפּש ביסל פּרטים. אַזוי מערקווירדיק אַז זי האָט אָפט נישט געקאָנט פאַרהוילן איר איראָנישן שמייכל איבער דיאַמאַנטס מאָדנע פּירעכצער און עסקים.

שוין דערמיט איז ער געווען מערקווירדיק, וואָס ער — אַ סטו־

דענט צווישן די טשערנאָוויצער יידישע סטודענטן פון דער ערש־טער נאַציאָנאַלער פאַרמאַציע פון אַרום דער מיט פון די נייַנציקער יאָרן און נאָך מער: אַן אַדוואָקאַט צווישן די יידישע אַדוואָקאַטן אין שטאָט, וואָס האָבן זיך אויסגעפיקט פון יענע סטודענטישע אייע־לעך — האָט מיט זיינע גזעלשאַפטלעכע אינטערעסן אַריבערגעשפּאַנט די ליניע פון פּאָליטיק און פון יידיש־פּאָליטישער קאַריערע.

נאָך מערקווירדיקער: אַ ציוניסטישער אינטעליגענט צווישן דער טשערנאָוויצער ציוניסטישער אינטעליגענץ זאָל גאָר ווערן אַ קעמ־פער פאַר יידיש. און אפשר דאָס מערקווירדיקסטע: גראָד דיאַמאַנט דער יידישיסט איז צווישן יענע טשערנאָוויצער סטודענטן און אַדוואָ־קאַטן געווען — דער איינציקער מערב־ייד.

לויט דער מעטריקע איז מאַקס דיאַמאַנט טאַקע געווען, וואָס אמת, אַ סאַמאָראָדנער טשערנאָוויצער, אַן איינגעוואָרצלטער תושב אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט. דאָרט אין טאַטנס הויז, ביים אָנהויב פון דער רוסישער גאַס, האָט דיאַמאַנט פאַרבראַכט זיין קינד־הייט. דאָרט האָט ער געהאַט זיין אַדוואָקאַטישן ביוראָ און דאָרט האָט ער אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן ביז מען האָט אים אין איינעם אַ טאָג פון יוני 1941 עוואַקואירט קיין רוסלאַנד און קיינער ווייסט נישט זינט דעמאָלט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

ער אַליין — אַ טשערנאָוויצער אָבער אַ טשערנאָוויצער און אַ מזרח־ייד בלויז פון ערשטער גענעראַציע. דיאַמאַנטס פאָטער איז אַראָפּגעקומען אין דער בוקאָווינער רעזידענץ־שטאָט ערגעץ פון בעמען. ער איז געווען פון דור דורות אַ מערב־ייד און האָט זיינע קינדער געגעבן אַ מערבדיקע, אַ דייטשישע דערציאונג. נישט דיאַ־מאַנטס עלטערן און נישט זייערע קינדער האָבן ווען ס'איז געקענט רעדן יידיש.

אויך מאַקס דיאַמאַנט — נישט. ער האָט אַ לעבן־לאַנג גע־קעמפט פאַר יידיש, געטאָן און אָן אַ שיעור אויפגעטאָן פאַר יידיש און פאַר יידישער קולטור, אָבער אויסלערנען זיך רעדן אַ ריכטיקן יידיש — דאָס האָט דיאַמאַנט שוין ביז צום סוף נישט באַוויזן.

ער האָט דווקא יאָ גערעדט מאַמע־לשון, אי פּריוואַט און אי עפנטלעך און אויף זיין שטייגער גיך, קאַטעגאָריש און שטורמיש גע־

רעדט. אָבער גראָד די קאָכעניש האָבן די זאַצן און די ווערטער קונדסיש אויסגענוצט. די זאַצן זיינען אָפּגעגאַנגען פונעם גלייכן סינטאַקסישן וועג און האָבן זיך גראַטעסק אויסגעקרומט. און די ווערטער — די ווערטער האָבן געטריבן נאָך מער שקצישע שטיק. זיי פלעגן אַריינשפּרינגען אין דיאַמאַנטס יידישע זאַצן מיט צו להכעיס פאַלשע און פאַרשייטע מיינען.

אָט זע איך אים. דיאַמאַנטן, מיט פולע צוואַנציק יאָר צוריק אויף דער טריבונע פונעם טשערנאָוויצער ראַטהויז־זאַל. ער איז אַריין אַ שטורמישער, אַ געאיילציקער באַגריסן די יום־טובערס פונעם צוואַנציק־יעריקן יובל פון דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ.

מחמת עפּעס אַ שלעכט אויסגערעכנטער באַן־פאַרבינדונג האָבן די געסט פון אויסלאַנד — צווישן זיי די קדושים נח פּרילוצקי און זלמן רייזען — פאַרשפּעטיקט. אָבער נאָך מער פאַרשפּעטיקט האָט דער היימישער מחותן, מאַקס דיאַמאַנט. ער איז געקומען צו לויפן אַ האַסטיקער, אַ פאַרסאָפּעטער פון אַ לאַנגן שפּאַציר אין צעצינער וואַלד, וואָס ער פלעגט אין אַ זומערדיקן אָדער אַ שיין־האַרבסטיקן זונטיק קיינמאָל נישט פאַרפעלן.

ער איז אַרויף אויף דער טריבונע אין זיין ספּאָרטישן הילוך (ברייט פאַנאַנדערגעעפנט העמד, קורצע הויזן פאַרקנעפּלט איבער די קניעס און שוואַר־באַטשוועקעוועטע מאַרשיר־שיך) און האָט אָנגעהויבן זיין באַגריסונג: „איך קום נאַר־וואָס פון געיעג —“.

עמעץ האָט שטיל אַ לאַך געטאָן איבער „געיעג“ אַנשטאָט „אויס־פלוג“ אָבער — ס'איז דורך בשלום. די געסט האָבן געביסן די ליפּן נישט צו לאַכן פאַר העפלעכקייט און דער היימישער עולם איז געווען געוואוינט צו די שפּיצלעך, וואָס די יידישע ווערטער האָבן ליב געהאַט אָפּצוטאָן זייער רעדער און ליבהאָבער מאַקס דיאַמאַנט.

מיר, וואָס כ'בין צו יענער צייט שוין אויך געווען בלויז אַ גאַסט אין טשערנאָוויץ (איך האָב זינט עטלעכע יאָר געוואוינט אין בו־קאַרעשט און בין פון דאָרט אייגנס צוגעפאָרן צו דער פייערונג), איז דיאַמאַנטס „כ'קום נאַר־וואָס פונעם געיעג“ געבליבן שטעקן עד־היום אין זכרון. אפשר דערפאַר וואָס נאָך דער באַגריסונגס־זיצונג האָבן מיר עטלעכע חברים אין אַ קאַפע־הויז־מסיבה אי גע־

לאַכט און אי ערנסט גערעדט וועגן דיאַמאַנטן און זיין „געיעג״. ס׳איז ביי אונדז פאַרבליבן אַז אין תוך איז דער דאָזיקער מאַקס דיאַ־מאַנט אַ געשטאַלט וואָס איז געקומען צו לויפן צו דער נאַציאָנאַל־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דאָ אין לאַנד ערגעץ פון אַ דורותדיקן געיעג פון אַסימילאַציע און אָפּגעפרעמדטקייט, געקומען און זיך גע־נומען באַזאָרגן די בעלי־בתישקייט מיט דער פרומקייט און אייפער־דיקייט פון אַ גר.

דיאַמאַנט איז געווען אַ וויכטיקער פירער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַן אָנגעזעענער טוער אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, אַן אָפּטער דעלעגאַט צו ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן און אַ קורצע צייט — אַ יידיש־נאַציאָנאַלער דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט. ער איז געווען פון די אַקטיווסטע עסקנים אין „אָרט״, אין „האיאַס״ און אין „בני־ברית״; ער איז געשטאַנען בראש פון דער געזעלשאַפט „ייוואָ״־פריינד אין דער בוקאָווינע און האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַ־ציע פאַרטרעטן ביים וועלט־קאָנגרעס פון „ייוואָ״ אין ווילנע; ער האָט אָרגאַניזירט דעם רומענישן צווייג פון „יידישן פּען־קלוב״ און ער האָט זיך ממפל געווען מיט דער איינאָרדענונג פון אויסשטעלונ־גען פאַר די טשערנאָוויצער יידישע קינסטלער; און ער דיאַמאַנט, איז צווישן די ציוניסטישע פירער געווען איינער פון די נאָענטסטע און די געטרייסטע באַראַטער און שטיצער פון דער חלוצים־באַוועגונג. עס איז זיכער נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דיאַמאַנט איז אויך גע־ווען גרייט באַהילפיק צו זיין דעם „בונד״ אין זיין געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט ווען די בונדיסטן זאָלן אים געווען לאָזן.

הייסט עס, דיאַמאַנט איז געווען אַ מענטש אָן אידעאישע פּרינ־ציפּן? גאַנץ ווייט דערפון. ער איז זיכער נישט אָפּגעשטאַנען פון קיינעם אין פּרט פון זיינע ציוניסטישע איבערצייגונגען און פון זיין ציוניסטי־שער געטריישאַפט; אָבער זיין ציוניזם איז געווען מער היקפדיק און האָט, ווי ער אַליין האָט דאָס ליב געהאַט צו זאָגן, געטראָגן אַ סינ־טעטישן כאַראַקטער.

זיין סינטעטישן ציוני׳זם, האָט מיר דיאַמאַנט אַמאָל מסביר גע־ווען אין איינעם אַ זומערדיקן זונטיק פאַרמיטאָג (ס׳האָט געמוזט זיין 1935 אָדער 1936) ווען ער האָט מיך, אַ גאַסט פון בוקאַרעשט,

אַרומגעפירט איבערן אַלטן בית־עולם כדי מיר צו באַווייזן די מצבות, די קונסט־ווערק פון די טשערנאָוויצער מצבה־שלעגער־משפחות — די שטיינמעצס און די פּיקערס.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ וואו אַ צענדליק קברים האָבן געבילדעט אַ געשלאָסענעם קרייז און דיאַמאַנט האָט מיר געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין דעם קאַבאַליסטישן סימבאָל וואָס שטעקט אין דער דאָזיקער אידעע פון די ערשטע טשערנאָוויצער חסידים אויסצושטעלן זייערע קברים אין אַן עיגול. ער האָט אַרויס־געזאָגט השערות וואָס זיינען מיר, ווייזט אויס, נישט שטאַרק איינגע־גאַנגען. אַ סימן: איך געדענק זיי להלוטין נישט.

פון דיאַמאַנטס קאַבאַליסטישע השערות אַרום די חסידישע קברים האָט דאָס געשפּרעך געפירט צו דער געשטאַלט פונעם ערשטן פאַר־שפּרייטער פון חסידות אין טשערנאָוויץ, צו דער געשטאַלט פון ר׳ חיים טיראַר וואָס איז באַקאַנט אין דער יידישער וועלט אונטערן נאָמען ר׳ חיים טשערנאָוויצער.

דיאַמאַנט האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות וועגן דער שעפע־רישער פּערזענלעכקייט פון ר׳ חיימען, וואָס איז געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין טשערנאָוויץ ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט און האָט די קליינע טשערנאָוויצער קהילה רעליגיעז אויפגעברויזט מיט זיין חסידישער תורה און האָט געגעבן דעם בוקאָווינער יידישן ישוב אַ נייעם אימפּעט פון אמונה, פון גלויבן אין אויסלייז, אין ביאת־המשיח.

אַט דער ר׳ חיים טיראַר, וואָס זיין לעגענדע איז נאָך עד־היום נאָך מער ווי הונדערט יאָר, וואָך און לעבעדיק ביי טשערנאָוויצער יידן — האָט זיך דיאַמאַנט אַלץ מער אַריינגערעדט אין התלהבות — איז אַ פאַרגייער פונעם ציוניזם דאָ אין לאַנד. ר׳ חיים האָט די בוקאָווינער יידן אויפסניי געלערנט גלויבן. און יידישער גאולה־גלויבן איז דער טייטש — ציוניזם.

אַלץ — האָט דיאַמאַנט פאַרלוירן די געדולד מיט זיינע אומרו־איקע און צו שפּיצלעך אויפגעלייגטע יידישע זאַצן און ווערטער און איז איבערגעגאַנגען אויף דייטש — וואָס איז שעפעריש פאַרבונדן מיט יידישן רענעסאַנס, מיט יידישן אויסלייז, איז ציוניזם. פרומע יידן

זיינען ציוניסטן, צי זיי רופן זיך אַזוי אָדער ניט. געבן אַ ספר־תורה אין שול אַריין און אַוועקשטעלן אַ סטאָליאַר־ווערקשטאַט צו לערנען יידישע קינדער מלאכה — ביידע זיינען ציוניסטישע אַקטן. די משלים פון אליעזר שטיינבארג, די לידער פון יעקב שטערנבערג, די באַלאַדן פון איציק מאַנגער, די בילדער פון אַרטור קאָלניק און די סקולפּטורן פון בענאָ רעדער זיינען פונקט אַזוי ציוניזם ווי ציוניסטיש עס איז די עליה פון אונדזערע חלוצים.

מיר מוזן — האָט דיאַמאַנט אין מיר אַריינגעטענהט — זיך לערנען קוקן אויף אונדזער לעבן מיט היסטאָרישע אויגן און אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו איז אַלץ וואָס איז שעפעריש, אַלץ וואָס קאָן העלפן דער שעפערישקייט — ציוניסטיש און דינט דעם רע־נעסאַנס פונעם יידישן פאָלק, דינט דער שטרעבונג פון דעם דאָזיקן פאָלק צוריקצוגעווינען זיין היסטאָרישע היים.

און וועגן זיין אייגענער אויפגאַבע ווי אַ סינטעטישער ציוניסט, האָט צו מיר דיאַמאַנט דעמאָלט גערעדט כמעט מיט די זעלבע ווער־טער וואָס מיר איז אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער אויסגעקומען צו לייענען אין דער הקדמה צו זיין בוך „יידישע פאָלקס־קונסט" און וואָס כ'האָב זיי דאָ פריער ציטירט. פאַר זיין עובדה האָט ער באַטראַכט וואָך צו האַלטן יעדן פונק פון יידישער שעפערישקייט דאָ אין לאַנד, העלפן דער שע־פערישקייט „צו איבעראַשן אייראָפּע" און צו פאַרהיטן זי פון „שטאַרבן אין וועג".

די אַלטע טשערנאָוויצער מצבה־שלעגער, וואָס דיאַמאַנט האָט אַזוי באַוואונדערט זייערע קונסטווערק און זיי געהאָלפן „איבעראַשן אייראָפּע", האָבן זיך אַלע מאָל באַמיט אַז די פאָרמען און די מאָטיוון פון די שטיינער זאָלן וואו מעגלעך סימבאָליש אויפכאַפּן דעם טרויער און די פרייד פון דעם מענטש וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן צו אייביקער רו אונטער זיי.

ווען מען זאָל וויסן וואו דיאַמאַנטס קבר געפינט זיך און קענען אַוועקשטעלן דאָרט אַ שטיין אין מייסטערשאַפט־נוסח פון די אַלטע טשערנאָוויצער קינסטלער וואָלט, דאַכט מיר, יענע מצבה וואָס ווערט רעפּראָדוצירט אין דיאַמאַנטס בוך אויף זייט 32, צום בעסטן סימבאָ־ליש אויסגעדריקט דעם טרויער פון זיין לעבן.

עס איז די מצבה פון דער יידישער טאָכטער מרים בת ר׳ מרדכי פון ליפקאַן וואָס איז געשטאָרבן מיט הונדערט יאָר פאַר די עוואַקואַציעס און דעפּאָרטאַציעס פון תש״א און תש״ב און איז געקומען צו קבורה אויפן אַלטן טשערנאָוויצער בית־עולם. פון מרים בת ר׳ מרדכיס מצבה מיט איר זעלטן איידעלער און צאַרטער אויסאַרבעטונג פון פאָרם און אָרנאַמענט ווייעט צו מיר אַריבער דער טרויער פון אַ לעבן וואָס האָט פרום און געטריי געדינט צו טאַטע־מאַמע, צו שוועס־טער, צו ברידער, האָט אַלץ פאַרזאָרגט, אַלץ אין זינען געהאַט און אַליין — אַליין געבליבן איינזאַם און פאַרלאָזן, אַפילו אויף קיין זיווג זיך נישט דערוואַרט.

דיאַמאַנט איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ געטרייער פאַרזאָרגער, איז אַלע זיינע יאָרן געשטאַנען אויף דער וואַך אַז עס זאָלן „נישט שטאַרבן אויפן וועג״ יידישע אידעאַלן, יידיש־געזעלשאַפטלעכע מעשים, יידישע טרוימען פון שעפערישקייט און טאַקע די שעפער אַליין און ער — ער האָט זיין פרום, גלויביק, אַקטיוו, עלנט און איינזאַם לעבן פאַרענדיקט ערגעץ ווייט פון יידישן ישוב און פון יידישע אידעאַלן. ער אַליין איז אין ערגעץ נישט דערגאַנגען. ער איז געשטאָרבן אויפן וועג... וואוהין?

(1947)

דער אוהב ישראל

וועגן אַלטן ר׳ פּנחס, וואָס איז כל־ימיו געווען גבאי ביים האָ־ראָדענקער רבין, קודם אין האָראָדענקע און דערנאָך אין טשערנאָ־וויץ האָט איציק מאַנגער געזונגען אַזוי:

דער אַלטער ר׳ פּנחס פון האָראָדענקע
פלעגט יעדן אָוונט שטיין פאַרן טויער:
ביים רבין אין שטוב איז צופיל שמחה
אין גאַס קען מען שעפּן אַ ביסעלע טרויער.

ר׳ פּנחסעס איינציקער זון, מיין חבר שמואל אבא סופר, וואָס איז געווען אַ געטרייער דינער ביי די יידישע און מענטשלעכע גאולה־אי־דעאַלן פון אונדזער צייט האָט באַגלייך מיט זיין פאָטער נישט פאַר־טראָגן די „צופיל שמחה“ אין די אידעאישע שטובן און אַלעמאָל ווען ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז עס האָט זיך צעהוליעט די פרייד פון גלויבן ביי אַנדערע און ביי אים אַליין, האָט ער זי אַן רחמנות קאַליע געמאַכט.

עס איז געווען תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. הימלען פון נייע ישועות, פון ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע ישועות האָבן זיך געבלויט אין אונדזערע יונגע געמיטער און מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו חלומען און צו רעדן וועגן זיי.

דער „מיר“ איז געווען אַ גרופּע פון עטלעכע סטודענטן און פון עטלעכע בעל־הבתישע ייִנגלעך — די סמעטענע פון דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט אין שטאָט. מיר האָבן אָפט שעהנווייז אַרומשפּאַ־צירט איבער טשערנאָוויצער באַרגיקע גאַסן און מיר זיינען אין די אָוונטן אָפט שעהנווייז געזעסן אין „פאַראיינס־לאָקאַל“ און מיר האָבן

ווער מיט פלאַטערדיקע ווערטער פון פאַנטאַזיע און ווער מיט „סאָ־לידע אַרגומענטן" פון טעאָריע געלייגט פאַרב אויף פאַרב צום גרויסן געמעל פון יידישן און מענטשלעכן אויסלייז.

און אַז דאָס וועלט־בילד פון גליק איז פון דערגרייכטע צילן האָט אונטערן גלי פון רייד און פון דמיון אַ ציטער געטאָן מיט פרייד אין די יונגע פנימער און אין די יונגע קולות, האָט קיינער די „צופיל שמחה" נישט דערהערט גיכער און מיט מער שרעק ווי אונדזער חבר שמואל אַבא סופר וואָס איז געווען איינער פון די ייִנגסטע אין דער מסיבה פון די צוויי־ און העכסטנס דריי און צוואַנציק יעריקע.

ער איז ווי איבערגעביטן געוואָרן. זיין ווייך־ייִנגלש פנים האָט טאַקע נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, אָבער פון אונטער די ברילן אָפיר האָט זיך פלוצעם באַוויזן עפּעס אַ פאַרכמורעטער בליק פון אַ זקן און האָט פאַרשאָטנט דעם שמייכל מיט שטעכיקן ערנסט. און די ווערטער זיינע זיינען, דאַכט זיך, געווען פונקט אַזוי מילד און חבריש און אונדזערס גלייכן ווי פריער, נאָר איצט האָט זיך הינטער זיי פון סופרס האַלדז געריסן עפּעס אַ הייזעריקער שדישער געלעכ־טער פון צער און פון חוזק.

סופרס געלעכטער האָט צעשטויבט אַלע אונדזערע אילוזיעס. די רייד וואָס זיינען דערנאָך נאָכגעקומען ווי אונטערגעטראָגן אויף די האַסטיקע זשעסטן פון זיינע שיינע און וואַרעמע הענט, זיינען אייגנט־לעך געווען איבעריק. די האָפערדיקייט פון די יונגע הערצער איז שוין געהאַט אַוועק. דער ייִנגסטער צווישן אונדז האָט זי פאַרטריבן.

די רייד, סופרס טרויעריקע רייד, מיט וועלכע ער האָט אונדזער „צופיל שמחה" געטריבן זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, (כמעט דריי צענדליק יאָר זיינען זינט דעמאָלט אין דער צייט אַריינגעשוואומען) נישט פאַרבליבן אין זכרון. אָבער איך געדענק זייער גוט אַז זיי האָבן זיך צוגעשפּיצט צו צוויי אויספירן וואָס האָבן זיך ביי זיין יעדן „גירוש־פרייד" איבערגעחזרט.

— איר רעדט פון סאָציאַליזם? — האָט געטענהט סופרס טרויער — אָבער פאַרגעסט נישט אַז די מערבדיקע קולטור־וועלט גייט אונטער און עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך סומך צו זיין מיט דער סאָציאַ־ליסטישער גאולה. קיין שום פאָלק און קיין שום קלאַס ווערט נישט

פאַרשווינט פון קולטור־דעגענעראַציע. אין רויטן פלאַם פון שקיעה זיינען בורזשואַזיע און פראָלעטאַריאַט נישט מער ווי אויסגעטראַכטע ווערטער.

און איר רעדט וועגן יידישער באַנייאונג אין אַן אייגן לאַנד? אין דער שפּרינגברונען־גאַס און אין דער מאָראַריו־גאַס און אין אַלע געטאָ־גאַסן אַט דאָ אונטער אונדזער סאַמע נאָז אין טשערנאָוויץ „ביים האָם" צעפאַלט זיך דאָס יידישע פאַלק מחמת נויט און אָרעמקייט. יידן האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, יידן ראַנגלען זיך פאַר אַ שטיקל ברויט און פאַר אַ בגד אויפן לייב און איר רעדט פון אויפלעב אין אַן אייגן לאַנד? ווער זאָל אויפלעבן? הונגעריקע, נאַקעטע און באָרוועסע ביים ראַנד פון פיזישן אונטערגאַנג זאָלן זיך באַנייען ווי אַ פאָלק? לאָזט אייך אָפּ פון אַבסטראַקציעס. די סאַמע ממשותדיקסטע אידעע פון גאולה איז צו פאַרלאָטן די צעבראָכענע דעכער ביי די יידן אין דער בריקן־גאַס און צו פאַרזאָרגן זייערע קינדער מיט אַ שטיק ראַזעווע ברויט.

מיר האָבן נישט איבערגעשוויגן. מיר האָבן זיך ביטער געאָמפּערט מיט סופרס רייד און אים אַליין האָבן מיר געררופן מיט אַזעלכע חוזק־צונעמענישן ווי „פאַרלאַטעטער דאַך" און „ראַזעווע ברויט". מיר זיינען געווען אַ סך און ער איינער און ער איז תמיד אַוועק אַ באַזיגטער און כמעט אַ ברוגזער. אָבער מיר די „זיגערס" האָבן זיגנדיק אַלעמאָל אָנגעוואוירן אונדזער טרוימערישע האָפערדיקייט און זיינען פאַרבליבן מיט אַ נאַגעניש פון אומגלויבן אין האַרצן.

איך און ער האָבן זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין דעם זעליקן נומער צוויי אָדער דריי פון דעם פועלי־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „די פרייהייט" וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין טשערנאָוויץ אונטער דער רעדאַקציע פון דר. פייוול שטערנבערג. סופר, וואָס איז געוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן ביים „רבין אין שטוב" האָט דעביוטירט מיט אַ חסידיש מעשהלע אין וועלכן ס'איז געווען אַ היפּש ביסל איראָנישע אַפּיקורסות; איך מיט אַ משכּיליש־ציוניסטישן משפּחה־הינטערגרונט האָב זיך אין מיין דעביוט־אַרטיקל פאַרמאַסטן אַ תּל צו מאַכן פון אַחד־העמן און זיין תּורה.

און ווייל איך און סופר זיינען געווען די צוויי יונגע שרייבער

פון דער פּאַרטיי און ווייל מיר זיינען געווען די סטודענטן וואָס זיינען געקומען אין דער ריי צו פּירערשאַפט באַלד נאָך די דאָקטוירים און אפשר אויך דערפאַר וואָס מיר זיינען צווישן די בוקאָווינער חברים געווען די צוגעוואַנדערטע „געלערנטע יידן" פון גאַליציע און מן־הסתם אויך מחמת אַנדערע סיבות פון וועלכע נישט איך און נישט סופר האָבן געוואוסט, האָט „דאָס פאָלק" אונדזערע נעמען ברודע־ריש באַהעפט און פון אונדז געמאַכט אַ צווילינג פון געשוואוירענער פריינטשאַפט און ליבשאַפט — אַ מין דוד און יונתן־לעגענדע.

ווי לאַנג ד' פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן? ווי לאַנג האָט זי דען געקאָנט אָנהאַלטן אַז די יונגע געמיטער האָבן זיך אַזוי היפּוכדיק צונויפגעשטויסן? ער האָט געלאַכט, ביטער געלאַכט פון מיינע „אי־דעאישע אַבסטראַקציעס" און איך האָב נישט אויפגעהערט צו שטור־רעמען קעגן זיינע „אידעאישע סתירות", קעגן דעם ווידערשפּרוך פון פילאַנטראָפּיע מיט באַראַכאָוויזם און קעגן דעם מאָדנעם שידוך פון פּעסימיסטישע אַרגומענטן על־פּי שפּענגלערס „אונטערגאַנג פון דער מערב־וועלט" מיט סאָציאַליסטישן אָפּטימיזם.

די שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, האָט מיר סופר אַן ערך צוואַנציק יאָר שפּעטער פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע אַ זאָג געטאָן אויף זיין איראָנישן שטייגער, האָט אונדז אַ טובה געטאָן. זי האָט אַ סוף געמאַכט צו אונדזער פּאַרטיי־חברשאַפט, האָט איבערגע־ריסן אונדזער פּערזענלעכע נאָענטשאַפט און האָט אונדז אַפילו טאָפּאָ־גראַפיש צעטיילט און — מיר האָבן זיך פון דערוויילטנס בעסער געקענט דערזען און פאַרשטיין. און איך, האָט סופר מוסיף געווען ביי יענעם לעצטן געזעגענונגס־געשפּרעך אונדזערן, האָב שוין אַ יאָר צוויי אָדער דריי נאָך דער שפּאַלטונג פאַרשטאַנען אַז נישט דו דאַרט צווישן די „חכמי בוקאַרעשט" קערסט דיך אָן מיט וואָס פאַראַ ס'איז „איז־מען" פון לינקס און פון רעכטס און נישט איך צווישן די „חכמי טשערנאָוויץ" האָב עפּעס צו טאָן מיט די דאָזיקע אידעאישע סימבאָלן. מיר זיינען ביידע פּשוטע יידן, פּאַטריאָטן פון יידן און דאָדורך אויך יידישע פּאַטריאָטן.

נו, וואָס שייך מיר איז דאָס, פאַרשטייט זיך, געווען נישט מער ווי אַ דעליקאַטער חברישער קאָמפּלימענט פון סופרס זייט, וועלכן

איך האָב בשום אופן נישט פאַרדינט. אָבער ער אַליין מיין חבר שמואל אבא האָט זיך מיט יענער באַצייכענונג פון אַ פשוטן יידן וואָס האָט ליב יידן און דורך זיי דאָס יידישע פאָלק, אויטאָ־כאַראַקטעריזירט פינקט־לעך, ס׳זאָל פעלן אַ האָר.

ער איז געווען, שמואל אבא סופר, אַ חלוץ פון אהבת ישראל. וואָ־רעם וואָס איז דען אין עצם חלוציות אויב נישט די איידעלע מורא פונעם אויסדערוויילטן, מיט עטישן ערנסט געזאָלבטן יחיד אַז אין ברען פון אידעאַליזם זאָל ביי אים נישט פאַרביטן ווערן די ליב־שאַפט צום אָביעקט פונעם אידעאַל אויף דער אָן אַ שיעור גרינגערער ליבשאַפט בלויז צום אידעאַל. די דאָזיקע איידעלע מורא פאַר דער גערינגערער ליבשאַפט האָט אַמאָל איינער אַ הייסער זשידעטשוויוער חסיד פאַרמולירט אַזוי: הכנעה פאַרן רבונו־של־עולם קאָסט ווייניקער כוח און ווייניקער עגמת־נפש ווי די הכנעה פאַר אַ בשר־ודם און אהבת ישראל קומט אָן טויזנט מאָל גרינגער ווי ליב צו האָבן עטלעכע ממשותדיקע יידן.

און סופר האָט זיך אַ לעבן לאַנג אויסגעהיט פון דער גרינגער מצווה פון אהבת ישראל. ווי אַ חלוץ וואָס פאַרווירקלעכט זיין אידעאַל־באַגייסטערונג אין דער האַרטער רעאַליטעט פונעם יידישן לאַנד, אַזוי האָט שמואל אבא סופר זיך געמיט מקים צו זיין ליבשאַפט צו יידן אין דער קאָנקרעטקייט פון יידישן פאָלק.

און קאָנקרעט יידיש פאָלק, פאָלק פון אָרעמקייט און פון האָ־רעוואַניע, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין ליבשאַפט און אין געזעל־שאַפטלעכער זאָרג, האָט מען ווי געזאָגט, נישט גערדאַרפט ווייט זוכן. עס איז געווען אין דער סאַמע נאָענט, אין טשערנאָוויץ.

סופר האָט איבערגעלאָזט די קורסן פון געשיכטע אויפן אוני־ווערזיטעט, איבערגעלאָזט דעם היסטאָרישן סעמינאַר וואו ער האָט געהאַט די באַוואונדערונג פון פּראָפעסאָר און פון חברים און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט וואָס דער אַמעריקאַנישער „דזשאָינט” האָט דעמאָלט גענומען אָרגאַניזירן פאַר די בוקאָווינער יידן. אַ דאַנק זיינע אומגעווייניטלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און אַ דאַנק זיין אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט איז סופר עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן נישט בלויז דער אָנפירער פון דער

אַמעריקאַנישער הילף אין דער בוקאָווינע, נאָר ממש איר סינאָנים, איר סימבאָל ביי די יידן אין לאַנד. שמואל אבא סופר איז געווען דער לעבעדיקער רעגיסטער פון דער בוקאָווינער יידישער אָרעמשאַפט. ער האָט געקענט יעדן נצרך ביים נאָמען, געוואוסט וואָס ס'פעלט אים און פאַר יעדן געהאַט אַ פּלאַן ווי אַזוי זיך צו שטעלן אויף די פיס.

וועגן ר' זישע אַניפּאָלער, וואָס איז געווען אפשר דער סאַמע לײדנשאַפטלעכסטער גאָט־גלויבער צווישן בעל־שמס תלמידים ווערט דערציילט, אַז ער האָט געוואונטשן יעדן ייד אַחוץ אמונה אויך אַ פינטעלע אומגלויבן אין הארץ. אַ ייד — האָט ר' זישע געטענהט מיט זיין פייערדיקער תמימות — נויטיקט זיך אין אַ ביסל אומגלויבן כדי ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אַז גאָט וועט העלפן דעם אָרעמאַן, נאָר ער אַליין זאָל באַהילפיק זיין זיין געפאַלענעם ברודער תיכף און מיט וואָס ער קען.

אָט דער מין אומגלויבן וואָס ר' זישע האָט געוואונטשן יעדן ייד איז געווען שטענדיק וואַך אין סופרס געמיט און דער דאָזיקער מאַנגל פון אמונה אין אידעאַלן און אין זייערע ווירקלעכקייטן האָט אים נישט בלויז געטריבן צו ממשותדיקער הילפס־אַרבעט פאַר די בוקאָווינער יידן, נאָר האָט אים אויך באַוואָרנט קעגן דער סכנה פון ביוראָקראַטישער רוטין און גלייכגילטיקייט וואָס לויערט אויף יעדן צדקה־פאַרוואַלטער.

סופר האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויפן „דזשאָינט". זיין אַרבעט אין „דזשאָינט"־ביוראָ איז בלויז געווען אַ געלעגנהייט אַז ער אַליין זאָל באַהילפיק זיין. ער איז נישט געווען אַ באַאַמטער פון דער אַמע־ריקאַניש־יידישער הילפס־פאַרוואַלטונג, נאָר גיכער אַ פאַרטרעטער פון די נויטבאַדערפטיקע און זייערער אַ שתדלן, אַ פירשפּרעך ביי איר. דער נצרך וואָס האָט געמוזט אָנקומען צום „דזשאָינט" אין טשערנאָ־וויץ איז געגאַנגען צו סופרן אין ביוראָ אַריין נישט דערלאַנגען אַ „פּראָ־שעניע" צו עפּעס אַ רייכן טובה־טוער, נאָר ער איז אַהין אַריבערגע־גאַנגען זיך מיישב זיין מיט אַ גוטן שכן און מיט אַ נאָענטן קרוב וועגן אַ צרהדיקן משפחה־ענין. און דער גוטער שכן האָט געגעבן אַ שכלדיקע עצה, האָט געגעבן ווערטער פון טרייסט און פון דערמונטערונג, האָט געגעבן אַ היילענדיק געפיל אַז מען איז חלילה נישט אַראָפּ פון דער

מדרגה און מען קאָן נאָך ב״ה רעדן מיט מענטשן און — האָט אַחוץ דעם נאָך פאַרזאָרגט מיט אַ קלענערער אָדער גרעסערער געלט־הלוואה.

אין דער פערספעקטיוו פון כמעט דרייסיק יאָר וואָס זיינען אַריבער זינט יענע טשערנאָוויצער יוגנט־טעג איז פאַר מיר היינט לייכט צו זען די חלוצי׳שע קרבנות וואָס סופר האָט געבראַכט כדי זיך בישט צו דערוויטערן פון דעם, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, איינציק־ממשותדיקן פראָגנט פון אהבת ישראל.

סופר האָט פאַרמאָגט היסטאָריאָגראַפישע באַגאַבונג. ער האָט זיך אין דעם פּרט געקאָנט עדותן מיט דעם אָן אַ שיעור לויב מצד זיין רומענישן פּראָפעסאָר און מצד זיינע חברים סטודענטן. און ווען סופר זאָל געוועזן פאַרבלייבן ביי דער וויסנשאַפט פון געשיכטע וואָלט ער מן־הסתם געווען דערגרייכט צו מער נאָמען און אפשר אויך צו מער סאָציאַלער און מאַטעריעלער קאַריערע, ווי ס׳האָט אים געקאָנט געבן די פאַרוואַלטערשאַפט ביים טשערנאָוויצער ״דזשאָינט״.

אָבער נישט בלויז האָט דער היסטאָריאָגראַפיש באַגאַבטער סטודענט אָן איינזעעניש צו זיך פאַרביטן זיין געשיכט־שרייבונג אויף קליין־פילאַנטראָפּישער האָרעוואַניע, נאָר אויך דער בעלעטריסטיש און ליטעראַטור־קריטיש טאַלאַנטירטער יונגער שרייבער האָט געהאַט דעם זעלישן כוח גובר צו זיין אין זיך דעם פאַרשטענדלעכן גלוסט צו שעפערישקייט און צו פאַרבלייבן אין דער נידער, נאָענט צום פאָלק ווי אַ קולטור־אָרגאַניזאַטאָר און קולטור־טרעגער.

ער האָט איבערגעלאָזט, סופר, זיינע חסידישע מעשיות וואָס האָבן געהאַט אַלעמאָל דערציילערישן שוואונג און דאָ און דאָרט אויך פיינעם פילאָזאָפישן אַראָמאַט, ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן זיינע לידער אין פּראָזע וואָס האָבן זיך אָפט אויסגעצייכנט מיט אייגנאַרטיקער פּאָעטישער בילד׳לעכקייט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע קריטישע אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט כמעט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אַ בליץ צו טאָן מיט אַ טרעפיקער און אָריגינעלער באַמערקונג — ער האָט דאָס אַלץ פאַרביטן אויף זשורנאַליסטישער און אָרגאַניזאַטאָרישער האָרעוואַניע אַרום זיין צייטשריפט ״טשערנאָוויצער בלעטער״.

ווען די „טשערנאָוויצער בלעטער" וואָס סופר האָט געגרינדעט און רעדאַקטירט זאָלן געווען האָבן בלויז די איינציקע מעלה וואָס זיי זיינען פאַר די לעצטע פערציק יאָר געווען אין רומעניע די יידיש־צייטשריפט מיט דער לענגסטער געדויערדיקייט פון עקזיסטענץ און מיט דער פּינקטלעכסטער רעגלמעסיקייט פון דערשיינען, וואָלט דאָס אַליין געמיינט אַן אויסנעמלעכער קולטור־אָרגאַניזאַטאָרישער אויפטו.

וואָס אַזויפיל פּאַרטייען און אַזויפיל געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוועס האָבן זיך אין משך פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר געמיט צו דערגרייכן אין טשערנאָוויץ, אין בוקאַרעשט, אין יאַס און אין סיגעט און — האָבן נישט דערגרייכט, האָט רעאַליזירט דער יחיד סופר אָן שום הילף פון פּאַרטייען און חברות. זיינע „טשערנאָוויצער בלעטער" האָבן דערשיינט דריי מאָל אַ חודש איבער צען יאָר צייט אָן שום אי־בעררייס. ערשט ד׳י אַנטיסעמיטישע גאָגאַ־רעגירונג האָט אָנהויב 1938 פאַרמאַכט די דאָזיקע וויכטיקע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין דער בוקאָווינער הויפט־שטאָט.

און אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע זיינען סופרס „טשערנאָוויצער בלעטער" געווען נישט בלויז צוליב זייער געדויערדיקייט נאָר קודם־כל דערפאַר ווייל זיי האָבן געגעבן דער יידישער שטאָט טשערנאָוויץ און דעם יידישן לאַנד בוקאָווינע צום ערשטן מאָל אַ זשורנאַליסטישע יידיש־טריבונע אין וועלכער עס זיינען אויף אַן ערנסטן און אַחריותדיקן אופן באַהאַנדלט געוואָרן יידיש־אָרטיקע ענינים נישט דורך דער פּריזמע פון פּאַרטייאישע גאולה־פּראָגראַמען, נאָר פונעם שטאַנדפּונקט פון תיכפדיקע פילאַנטראָפּישע און פּילאָ־יידישע הילף־אינטערעסן.

און צו די תיכפדיקע יידישע הילף־אינטערעסן האָבן די „טשערנאָוויצער בלעטער" אַלעמאָל אויך צוגערעכנט דעם אינטערעס פונעם שעפערישן יידישן מענטש. סופרס צייטשריפט איז געווען אַ וואַרעמע אַכסניה פאַרן עלטערן יידישן שרייבער און דערעיקרשט פאַרן יונגן אָנפאַנגער. עס איז אין רומעניע צווישן די יאָרן 1928 און 1938 נישט פאַראַן געווען קיין איין יונגער דיכטער און קיין איין יונגער בעלע־טריסט וואָס זאָל נישט געווען האָבן געדרוקט זיינע ערשטע זאַכן אין די „טשערנאָוויצער בלעטער". איך שטרייך דאָס אונטער הגם מיר די

„חכמי בוקאַרעשט" זיינען אין אונדזערע „שויבן" און אין אונדזער „די וואָך" זייער אָפּט נישט צופרידן געווען מיט סופרס ליטעראַטור־פילאַנטראָפּיע. עס וואָלט אָבער געמיינט באַגיין אַ היסטאָרישע עוולה נישט מודה צו זיין אַז די „טשערנאָוויצער בלעטער" האָבן אי צוליב זייער שוין דערמאָנטער געדויערדיקייט און אי צוליב זייער אַלעמאָל און פאַר אַלעמען גרייטער הכנסת אורחים אַרויסגעפירט צו דער עפנט־לעכקייט מער שרייבערישע טאַלענטן ווי די איבערקלייבערישע בוקאַרעשטער צייטשריפטן.

די מורא אַז עס קאָן צוליב איבערקלייבערישקייט גיין לאיבוד אַ שעפערישער פונק ביי אַ יונגן יידישן שרייבער איז ביי סופרן נישט געווען קלענער ווי די זאָרג אַז מחמת אידעאַליסטישער פאַרכלינעט־קייט זאָל מען נישט פאַרגעסן אַז דער תכלית פון אַלע תכליתן איז צו דערהאַלטן דאָס יידישע נפש מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט אַ שטיקל ברויט צו דער זעט.

און ערשט איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן ווערט מיר אויך קלאָר פאַרוואָס מיין פריינד שמואל אבא וואָס איז קיינמאָל קיין פילאָלאָג נישט געווען איז אין איינעם אַ טאָג געוואָרן דער מחבר פון אַ ווערטער־בוך פון די העברעאישע און אַראַמעאישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך. אונדז אַלעמען האָט סופרס חיבור אויסגעזען מאָדנע און אפשר נאָך מאָדנער דערפאַר וואָס דער חיבור איז געווען אַ נישט גערעאַטענער.

אָבער אין דער אמתן האָבן מיר זיך דעמאָלט פונקט ווי איך היינט נישט געדאַרפט חידושן דעריבער. דער ווערטערבוך איז געווען אין איינקלאַנג מיט סופרס געמיט און אין הסכם מיט זיין הילף־אידעאָ־לאָגיע. וואָרעם האָט דען סופר וואָס האָט אין זינען געהאַט רק צו פאַרקלעפּן און רק צו פאַרקיטן אַלע שפּאַלטן און אַלע ריסן אין דעם יידישן חיי שעה, געקאָנט פאַרגעסן אין דעם יידנס שפּראַכלעכער כלי אין וועלכער די נויט און דער עלנט פון עם־הארצות מאַכן קאַליע ביים שרייבן און ביים לייענען אַזויפיל טייערע און גוטע ווערטער? זיין ווערטערבוך פאַרן ריכטיקן באַנוץ פון די העברעאישע און אַראַ־מעאישע ווערטער אין יידיש האָט אין תוך געמיינט דאָס זעלבע ווי פאַרריכטן דעכער ביי טשערנאָוויצער יידן און ווי פאַרזאָרגן זיי מיט אַרבעט־מכשירים.

ווען איך האָב סופרן געזען צום לעצטן מאָל אַנהויב 1939 קנאַפּ פּאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע האָט זיך שוין דער יידישער טרויער געשפּרייט נישט בלויז אין גאַס, נאָר ער האָט אויך געדיכט געהויערט אין „רבינס שטוב", כ׳מיין, אין אַלע פּאַרטיי־געצעלטן פון אונדזערע גאולה־אידעאַלן. סופרס גצזעלשאַפטלעכער איינשטעל, דער איינשטעל פון ראַטעווען און דערהאַלטן יידישע יחידים און יידישע משפּחות איז געוואָרן אַקטועל ווי קיינמאָל נישט. און סופר האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין יידישער רעטונג מיט נאָך מער ענערגיע און אויב מעגלעך מיט נאָך מער ליידנשאַפט ווי פריער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און יידן זיינען געלאָפן פון פוילן איבער דער רומענישער גרענעץ. טשערנאָוויץ איז געווען אַ צענטער פון ראַטונעק און אין סאַמע צענט׳ער פון דער אַרבעט איז געשטאַנען סופר — געטריי און געניט ווי אַלעמאָל און נאָך מער.

זיך אַליין און זיין משפּחה האָט ער נישט געקאָנט אָפּראַטעווען. ווען היטלערס און אַנטאָנעסקוס אַרמייען האָבן זיך סוף יוני 1941 גענומען דערנענטערן צו טשערנאָוויץ, האָט זיך סופר געפּרואווט עוואַ־קואירן מיט זיין משפּחה (פאַרשטייט זיך אַז איינ׳ער פון די לעצטע) קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אויפן וועג איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. מען האָט אים געפירט פון לאַגער צו לאַגער און אים דערפירט ב״ז צום גאַליצישן שטעטל באַרשטשעוו. דאָרט האָבן אים די געסטאַפּאָ־בעסטיעס אומגעבראַכט אינאיינעם מיט זיין פרוי און מיט זיינע צוויי טעכטער.

„געווען ידיעות פון סופרן — שרייבט מיר פון רומעניע סופרס אַ פריינט וואָס האָט מיטגעמאַכט געטאָ טשערנאָוויץ און גירוש טראַנס־ניסטריע — ביז אין יאָר 1944. ער האָט אויך דאָרט אין לאַגער נישט גערוט. ער האָט ביז צו דער לעצטער מינוט אַ סך געהאָלפן יידן."

„ער האָט אַ סך געהאָלפן יידן" — דאָס איז דער תמציתדיקער און קורצער סך־הכל פון שמואל אבא סופרס קורצן לעבן.

(1947)

דער מאַן פון דער „געוויסער פּרעסע"

ביז מיט אַן ערך דריי יאָר צוריק איז קאָנסטאַנטין גראָור געווען דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון די צוויי גרויסע בוקאַרעשטער טאָג־בלעטער: „דימיניאַצאַ" (דער פרימאָרגן) און „אַדעווערול" (דער אמת). דאָס איז געווען ניט נאָר אַ מאַכטשטעלונג אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון רומעניע נאָר אויך אַן אַוואַנסירטע, אפשר די אַוואַנ־סירטסטע פּאָזיציע אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און קעגן אַנטי־סעמיטיזם אין דער מלוכה. מיט די דערמאָנטע צייטונגען, מיט זייער רעדאַקטאָר און מיט זייערע מיטאַרבעטער האָט זיך דאָס דער אַנטיסעמיטיזם געעדותט פאַר דער וועלט ווי מיט אַ באַוויז אַז די פּרעסע אין רומעניע ליגט אין יידישע הענט. ווען דער רומענישער אַנטיסעמיטיזם איז אין יאָר 1937 ערב גאָגאַ אַריבער פון דעמאַגאָ־גישער מוילמאַכעריי צו כוליגאַניזם אויף די גאַסן, האָט די „באַגייס־טערטע יוגנט" געפייערט דעם דאָזיקן פּאָליטישן נצחון מיט גרויסע טעגלעכע שריפות פון די דעמאָקראַטישע צייטונגען. די שייטער־הויפנס, וואָס זיינען דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן אין די גרעסערע רומענישע שטעט, זיינען געווען מאַטעריעלע שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן יידיש פאַרמעגן און ווילדע „אידעאישע" העץ־ספּעקטאַקלען. די פּאָליציי וואָס האָט געהאַלטן אין איין היטן די אָרדענונג האָט פונ־דעסטוועגן דאָך „ניט געקענט פאַרהיטן" פאַרוואונדעטע און אַפילו אַ הרוג פון צווישן די אָנגעשטעלטע ביי די דערמאָנטע צוויי צייטונגען. ווען די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק אין רומעניע איז דערנאָך אַ יאָר שפּעטער (אָנהויב 1938) אַריבער פון גאַסן־כוליגאַניזם צו רעגירונגס־דעקרעטן, איז דער ערשטער דעקרעט געווען: פאַרבאָטן דאָס דער־שיינען פון דער „געוויסער פּרעסע". די ליידנשאַפטלעכע שנאה האָט

אַפילו קיין נאָמען ניט פאַרגונען. דאָס זידלוואָרט „געוויסע פּרעסע״ האָט אויף די ליפּן פון אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרס און אונטער דער פען פון נאַציאָנאַליסטישע זשורנאַליסטן געסלינעט און געזאָטן מיט בייזקייט און גיפט קעגן יידן, וואָס באַווירקן די עפנטלעכע מיינונג אונטער ראַמאַניזירטע נעמען און האָבן נאָך דערצו די העזה זיך אָנצונעמען פאַר יידן.

ווען מיר האָבן געהערט ווי גאָגאַ האָט אויף זיין גרויסמוילישן שטייגער זיך באַרימט אין אַ רעדע איבער דער ראַדיאָ אַז „אָפּשטעלנדיק די „געוויסע פּרעסע״, די צייטונגען פון יודעאָ־קאָמוניסטישער פּעסט, האָב איך איבערגעמישט אַ בלעטל רומעניש־פּאָליטישע געשיכטע״, איז קיינעם פון אונדז וואָס האָבן אין יענער ניי־יאָר־נאַכט פאַרנומען מיט האַרצקלאַפּעניש די סם־טריפנדיקע ווערטער, נישט איינגעפאַלן, און אפשר דעם רעדנער אַליין אויך נישט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברעקל גוזמא אין זיינע רייד. די צוויי גרויסע טאָג־צייטונגען אונטער גראַורס רעדאַקציע זיינען געווען די לעצטע פעסטונג פון דעמאָקראַטישער און יידישער השפעה אין רומעניע. דאָס אָפענע וואָרט פון טענה און קריטיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. זייער אָרט האָבן פאַרנומען הכנעהדיקער דעפעטיזם און פון אויער צו אויער געשושקעטע האָפענונג אויף הילף פון דרויסן.

פאַר גראַורן איז דעמאָלט געווען לעבנס־געפערלעך צו בלייבן אין רומעניע. ער האָט זיך באַזעצט אין פאַריז. מיטגעבראַכט מיט זיך אַהין האָט ער זיינע זעלטענע ביכער און זיין טיפן גלויבן אין ענדלעכן נצחון פון דער מענטשהייט.

מיין קליינע דעמאָקראַטישע פעסטונג ביי די ברעגעס פון דער דימבאָוויצע — האָט ער מיר מיט 15 חדשים צוריק געזאָגט — איז טאַקע געפאַלן, אָבער עס שטייט דאָך נאָך אין איר גאַנצער פראַכט די גרויסע דעמאָקראַטיע ביי דער סען. און דער יאַקאָבינישער גייסט פון פרייהייט — האָט ער מיר פאַרזיכערט — איז דאָ איצט וואָך ווי אַלעמאָל, ווי תמיד און אפשר נאָך מער.

אַ יאָר שפּעטער האָט אים היטלערס בליצקריג קעגן דער יאַקאָבינישער פרייהייט צוריקגעטריבן צו די היימישע חורבות אין רומעניע. מיט עטלעכע טעג איידער די דייטשע זעלנער האָבן פאַר־

נומען פּאַריז, איז גראָור אויסגעגאַנגען אַ האַפּנונגסלאָזער אין בוקאַ־רעשט. ער איז אַלט געווען 60 יאָר.

אין רומעניע, דעם קלאַסישן לאַנד פון זשורנאַליזם, האָט זיך גראָור אויסגעטיילט אין דער פּרעסע אי מיט דעם אופן און אי מיט דעם צוועק פון זיין שרייבן. דער טיפּישער רומענישער זשורנאַליסט צייכנט זיך אויס מיט דער שטורמישקייט פון זיין טאָן, מיט דער בילדע־רישקייט פון זיין פּראָזע, מיט דער געדיכטקייט און דירעקטקייט פון זיינע אַדיעקטיוון און מיט דער טענדענץ פון זיין שרייבן, וואָס דינט צו דער הנאה פונעם לייענער און ניט צו זיין אויפקלערונג. שטעלונג נעמען צו אַ פראַגע הייסט פאַר די מייסטע רומענישע צייטונגס־שרייבער געבן אַן עמאָציאָנעל סוביעקטיוויסטישן פּאָרטרעט פון מענטשן און געשעענישן און ניט אַנאַליטיש אויפפּלאָנטערן אַן אַק־טועלן ענין. אויסלייגן פאַרן לייענער אַ שטילן פּראָ און קאָנטראָ פון אַ טאָג־פּראָבלעם און אים אַזוי אַרום העלפן זיך פאַנאַנדערנעמען אין איר — דאָס וואָלט געווען אונטערן כבוד פון אַן אמתן רומענישן זשורנאַליסט. אין דעם דאָזיקן הו־האַ פון פּאַטעטיק, פּאַמפלעט און דרייסטער בילדערישקייט וואָס שטייט אויף דער שאַרף צווישן זיד־לעריי און פּאָרטרעטיסטיק איז גראָור דרייסיק יאָר דורכגאַנגען און מער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג פון רואיקן, מיושבן און שכלדיקן וואָרט פון פאַקט־ און אי־דיי־אַנאַליז. אין דעם דאָזיקן צעהוליעטן לאַטיינישן געזינדל, וואָס האָט געפּאַכטן מיט גרעמירטע אידייען, געשמינקטע ווערטער און אָפּערעטיש אויפגעבלאָזענע געשטאַלטן איז גראָור געווען דער איראָפּייער, וואָס האָט זיין פאַר פּראָפּאָרציע און דער ייד מיטן טיפן פאַרשטענדעניש פאַרן מענטשישן, וואָס ליגט אונ־טער אידייע און פּאַסירונג. ער האָט דערפאַר ניט האַלט געהאַט די גרויסע ראַציאָנאַליסטישע אָפּעראַציעס פון מענטשן און אידייען. מיט מענטשן טאָר מען ניט טרייבן קיין שפּיל פון ריזיקע און אונטער אידייען, האָט ער געהאַט גענוג פאַנטאַזיע צו אָנען, שטייען לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס פילן דעם שניט.

גראָורס ־מיטלען אין דער פּאָלעמיק (און ער איז געווען אַ ברי־ליאַנטענער פּאָלעמיקער) זיינען דערפאַר, אַזוי צו זאָגן, געווען בלויז

קליינכירורגישע. קעגן דער צעבאַלעוועטער פּאַטעטיק פון אידייען און אידעאַלן האָט ער מיט גרויס דערפאָלג גענוצט דעם איראָנישן שטאָך און דעם סקעפּטישן שמייכל. ער האָט פּאַנאַנדערגעבלאָזן דעם ליידיקן פּאַטאָס ווי פּוך און עס האָט געגומען אַפּירקוקן דער טרויע-ריקער, קליינער הבל-הבלים פון מענטשלעכקייט. ער האָט אָפט מיט אַ שפּיציקן פּאַראַדאָקס דערלאַנגט ווי מיט אַ קילן וואַסער-שטיינדל אין דער שווער-געפּאַנצערטקייט פון „גראַנדיעזע" אידייען און גע-שטאַלטן און עס איז געשען כמעט ווי ביי דודן און גליתן. כמעט, ווייל דאָ איז קיינער ניט געפאַלן טויט. דער פּאַנצער האָט זיך בלויז איינגעבויגן ווי בלעך און די שטאַרקע אידייע איז געבליבן אַ פאַרשעמטע מיט איר שוואַכקייט. די רייך באַקליידטע געשטאַלט האָט בלויז פאַרלוירן אירע בגדים און געמוזט לויפן נאָך אַ פייגנ-בלעטל.

גראַורס גרויסער אויפטו פאַר דער רומענישער פּובליציסטיק איז אָבער ניט דער פאַקט, וואָס ער אַליין איז געווען אַ באַדייטנדיקער זשורנאַליסט, נאָר דאָס וואָס ער איז געוואָרן דער פאָטער פון אַ גראַור-שול אין דער רומענישער פּרעסע. די תלמידים זיינע, יידן און רומענער, האָבן זיך גרופּירט אַרום די דעמאָקראַטישע און האַלב-דעמאָקראַטישע צייטונגען. אַזוי-אַרום איז צווישן רעכטס און לינקס (האָבן די ווערטער נאָך היינט אַ זין?) אין דער רומענישער פּרעסע גע-ווען ניט נאָר אַן אידעאָלאָגישע מחיצה, נאָר אויך אַ טיפער **צעשייד אין** שייכות מיטן „ווי אַזוי" צו שרייבן.

רעכטס איז געבליבן דער עמאָציאָנעלער שלשלת, פּאַמפלעט און העצע.

לינקס האָט מען זיך געלערנט שרייבן קלאָרע און אַנאַליטישע ווערטער, ווערטער פון אויפקלערונג.

דער פאַרשטאָרבענער האָט געהערט צו אַ משפחה, וואָס האָט אפשר צומבעסטן סימבאַליזירט דעם קולטורעלן אויפשטייג פון אַלט-רומענישן יידנטום אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר און צו דער זעלבער צייט אויך די מוראדיקע ירידה פון יידישקייט אין דער מאָל-דאַווישער מדינה.

דער אַלטער פרומער סאַניע, וואָס איז מיט **איבער הונדערט יאָר**

צוריק געווען שוחט, בודק און בעל־תפילה אין אַלט־רומעניש שטעטל לעספּיץ, האָט זיכער ניט געקענט חלומען דעם בייזן חלום, אַז זיין זונס און טאָכטערס קינדער וועלן זיין ווייטער פון יידישקייט ווי ער אַליין פונעם „אותו האיש" און אַז אַלע זיינע אוראייניקלעך וועלן שוין אַפילו על פּי היטלעריסטישן נוסח נאָר זיין בלויז האַלבע יידן, וואָרעם זיי האָבן אַרישע מאַמעס אָדער טאַטעס און אַליין זיינען זיי לויט זייער רעליגיע אַלע כשרע פּראַוואָסלאַוונע.

דעם זונס קינדער, די סאַניעלעוויטשעס האָבן צוגעשטעלט דער רומענישער קולטור גרויסע געלערנטע: היינריך — אַ באַוואוסטער ליטעראַטור־קריטיקער און ראַסן־פאָרשער און מאַקסימיליאַן — אַנגעזעענער מאַטעמאַטיקער און וויכטיקער פאַרזיכערונג־פאַכמאַן. די איבעריקע — ווער סענאַטאָר, ווער אַ מאָלער און ווער אַ פּראָפעסאָר. דער טאָכטערס קינדער, די יידישע בראַוערס פון באָטאָשאַן פון וועלכע עס זיינען געוואָרן די ראָמאַניזירטע גראַורס פון בוקאַרעשט זיינען דאָקטוירים, פילאָלאָגן און זשורנאַליסטן. דער עיקרשט — זשורנאַליסטן. צווישן זיי דער טאַלאַנטירטסטער און דערפאָלגרייכסטער—דער אַמאָליקער אברהמל בראַוער וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן קאָנסטאַנטין גראַור.

אַלע, דורכאויס אַלע — זין און טעכטער — ווייט, הימל־ווייט פון יידישקייט. צווישן די סאַניעלעוויטשעס זיינען פאַראַן אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן ממש פיינט יידן. מען קען נישט וויסן צי דאָס איז סתם רשעות, אָדער אַנטיסעמיטיזם.

אויך קאָנסטאַנטין גראַור איז געווען אַ געשוואוירענער אַסימילאַטאָר. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז געלעגן אויף דער ליניע פון זיינע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע דערגרייכונגען און איז געווען אַ ירושה פון יענע רואיקע יאָרן ווען אַסימילאַציע האָט נאָך געהאַט די דרייסטקייט זיך צו אידענטיפיצירן מיט קולטורעלער פולבאַרעכטיקונג אין אייראָפּע.

אָבער דווקא קאָנסטאַנטין גראַור וואָס האָט פון צווישן זיינע דערגאַנגענע קרובים זיכער דערגרייכט די גרעסטע מאַכטשטעלונג אין דער רומענישער געזעלשאַפט, האָט זיך נישט אין גאַנצן געלאָזט פאַרוועניטיש פאַרבלענדן פון די „גרויסע אידייען און פּרינציפּן".

אין בעסאַראַביע, אין בוקאָווינע, אין סיגעט און אַפילו אין אַלט־רומעניע זיינען נאָך אַלץ פאַראַן יידן וואָס ווילן בלייבן יידן, וואָס רעדן וועגן נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. ער האָט זיך קודם סקעפּטיש צו־געהערט, דערנאָך מיט אינטערעס אַריינגעקוקט און דערזען שאַפונג, וואָס האָט אויף אים אַ הויך געטאָן מיט מער עכטקייט און נאַטורהאַפ־טיקייט ווי די זאַטע קולטור פון זיינע איירָאָפּייאיש אויפגעקומענע קרובים.

גראַור איז קיין נאַציאָנאַלער ייד נישט געוואָרן. ער האָט זיך ניט אומגעקערט צום יידישן שטייגער. ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט שרייבן ניט יידיש און ניט העברעאיש. אָבער סאַניע שוחטס נשמה האָט ערגעצוואו געהאַט אַן עליה. דאָס עלצטע און אין שייכות צו מידות טובות זיכער דאָס געראָטנסטע אייניקל זיינס האָט געשטיצט יידישע שרייבער, זיך אינטערעסירט מיט זייער גורל, געקומען צו זייערע שמחות און — געלייענט און געלערנט זייערע לידער און משלים.

גראַור איז אין זיין יוגנט געווען אַ פייערדיקער סאָציאַליסט. אין עלטער פון צוואַנציק האָט ער איבערגעלעבט דעם היסטאָרישן פּאַ־ראַט פון די רומעניש־סאָציאַליסטישע פּני ביים סאַמע סוף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. די סאָציאַליסטישע פירער האָבן פאַנאַנדערגעלאָזט די פּאַרטיי און זיינען אַריבער צו די בירגערלעכע ליבעראַלן. זיי זיינען אין גיכן געוואָרן מיניסטאָרן און דערנאָך מיט דער צייט די ביטערסטע רעאַקציאָנערן אין לאַנד.

גראַור האָט דעם פאַראַט ניט מיטגעמאַכט. ער איז זיין לעבן לאַנג געבליבן אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און אַ קעמפערישער דע־מאָקראַט, אַ באַגייסטערטער מאמין אין דעמאָקראַטיע און — ער האָט דערלעבט דיקטאַטור אין רומעניע און היטלערן אין איירָאָפּע.

ער איז געווען אַ הייסער קעמפער פאַר יידן־עמאַנסיפּאַציע און אַסימילאַציע. וואָס פאַר אַ טיפע, קאַטאַסטראָפאַלע אַנטוישונג האָט פאַר אים געמוזט זיין די לובלינער רעזערוואַציע און דער אַנטיסעמיטיזם ביי דער מאַכט אין רומעניע?

(1940)

דער טענאָר יאָזעף שמידט

איך וועק אויף אין זכרון די קורצע צייט ווען מיר זיינען געווען אינאיינעם, בין מוסיף די היפשע צייט פון אונדזער צעשיידקייט, שטעל צו צום חיבור די עטלעכע צענדליק חדשים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער חשבון איז אַלץ אַז ער איז מער ווי פערציק נישט אַלט געווען, אויב נישט — נאָך ווייניקער.

צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז שמידט נאָך געווען אַ מיטגליד פון דער בוקאָווינער „פועלי־ציון״־יוגנט, אַ משורר אין טשערנאָוויצער „קאָר־טעמפל״ און דער סטאַר פון דעם יוגנט־טעאַטערביים „יידישן שול־פאַראיין״.

צוריק מיט צען יאָר איז ער שוין געווען איינער פון די באַרימטסטע אָדער אפשר טאַקע דער סאַמע באַרימטסטער ראַדיאָ־זינגער אין דער ווײַמאַרער רעפּובליק. אַז שמידט האָט מחמת היט־לערס אָנקום געמוזט אַוועק פון דײַטשלאַנד האָט ער אין הונדער־טער טויזנטער דײַטשע הערצער איבערגעלאָזט אַ בענקשאַפט נאָך דער אומפאַרגלייכלעכער העלער וואַרעמקייט פון זיין שטים. אין טויזנטער דייטשע היימען מיט און אָן דעם „פירערס״ בילד איז אין משך פון די ערשטע היטלער־יאָרן די אויסגעפּרואוווטע סגולה פאַר אַ ביסל פרייד און הנאה נאָך אַלץ געבליבן שמידטס אַ לידל אויפן גראַמאָפאָן. און קיינער קען נישט ערב זיין אַז אין מוזיק פאַרליבטע מיכעלס פון בערלין און אַפילו פון די „הייליקע שטעט״ מינכען און נירענבערג האָבן, אויך דעמאָלט ווען ס׳איז נישט געווען קיין איבעריקער שלום צווישן דריטן רייך און עסטרייך, נישט אָנגעשטעלט זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אויף ווין כדי אויפצוכאַפּן פון דאָרט שמידטס געזאַנג און עס מיט זינדיקער לוסט פאַר זיך אונטערצוברומען.

ערשט ווין — די שטאָט פון לידער — האָט שמידטן געגעבן די מעגלעכקייט אויסצובררייטערן זיין באַרימטקייט אויף אַ קאָנטינענ־טאַלן מאַסשטאַב. דאָ האָט מען אים צום ערשטן מאָל צוגעלאָזט נישט נאָר צו אויערן און הערצער נאָר אויך צו אויגן און... ער האָט אָפּ־געהאַלטן אַ געוויסן נצחון. זיין „אַ ליד גייט איבער דער וועלט" האָט אויף דעם פילם־לייוונט טריאומפאַנטיש געשפּאַנט איבער גאַנץ איי־ראָפּע און געטראָגן דעם שם פון יאָזעף שמידט און די טרויעריקע פאַרזאָרגטקייט פון זיין בליק צו די ווייטסטע ווינקעלעך פונעם אַלטן קאָנטינענט און דער עיקרשט צוריק צו מזרח צו — צו זיין היימ־שטאָט טשערנאָוויץ וואו עס האָט געוואַרט אַ זיסע נקמה אין אַלע מיידלעך וואָס האָבן זיך אויסגעזוכט חתנים מיט עטלעכע סענטימעטער העכער; אין גבירים וואָס האָבן זיך איינגעקויפט פאַר אײדעמס אַדוואָ־קאַטן און פרנסה; אין יידישע קולטור־טוער וואָס האָבן אין אייגענע דרשה אַנאָנסירט מיט פעטערע אותיות ווי דעם „סטאַר" פון דער יוגנט־גרופּע און אין קונסט־מבינים מיט שבתדיקע צילינדערס וואָס האָבן זיין געזאַנג געהערט אַזוי פיל מאָל אין טעמפּל און עס קיין מאָל ניט דערהערט. און דאָרט אין טשערנאָוויץ האָט זיך נאָך געדאַרפט אָפּנעמען אירס די אַרעמקייט פון דער בריק־גאַס ביי דער אינטעלי־גענציע און גבירענציע פון דער הערן־גאַס.

און די נקמה איז, דאַכט זיך, געווען אַ פולשטענדיקע. דער גרוי־סער זאַל פונעם „מוזיק־פאַראיין" — אויספאַרקויפט אויף בילעטן צו הויכע פרייזן. אין דער ערשטער לאָזשע — די אייגענע מאַמע פון דער בריק־גאַס מיט אויגן פיכטע פון נחת און אין די איבעריקע — טיף דעקאַלטירטע מאַמעס און טעכטער פון דער הערן־גאַס מיט פאַרשע־רישע בינאָקלען און מיט בליקן פאַרשמאַכטע פון דערוואַרטונג. און די הכנסה פונעם אָוונט, די גאַנצע הכנסה — פאַר צדקה אין שטאָט. די פאַרטיילונג — ער אַליין אויספּלאַנירט ווי אין אַ גוט דורכגע־טראַכטער צוואה.

קען דער זיג זיין גרעסער? ניין. אָבער איין שוואַך פינטעלע איז דאָך פאַראַן. די טאַטעס און די טעכטער האָבן, ווייזט אויס, ניט חרטה געהאַט אויף די שידוכים. „כאָטש מיט צוויי סענטימעטער העכער וועט ער איז?! — זאָגט מען קודם מיט פאַרשעמטער אומ־

זיכערקייט, דערנאָך מיט זיכערן באַדויער און צום סוף וואַקסט אויס אַ קריטישע פאָרמולע: די קליינקייט פון דער געשטאַלט האָט אונטער די פליגל ביי דער שטים, זי פאַרהאַלט דעם שוואונג פונעם טאָן.

די דייטשע מוזיק־אונטערנעמער זיינען פאַרלאָפן דעם וועג דער דאָזיקער קריטיק. זיי האָבן די יינגלשע געשטאַלט פאַרבאַהאַלטן אין די סטודיעס פון די ראַדיאָ־סטאַנציעס און דעם עולם פּרעזענטירט בלויז שמידטס לירישע מאַנצביל־שטים וואָס האָט זיך מיט אַזוי פיל פּלאַמיקן אָפּטימיזם געריסן צו די הויכן. אַנשטאָט דערווירקלעכער פיגור פונעם קליינעם טשערנאָוויצער ייד האָט מען פאַר דעם דייטשן ראַדיאָ־הערער באַשאַפן די לעגענדע פון אַ מזרח־פּרייסישן אַדעלמאַן וואָס האָט אַן עכט דייטשן נאָמען און אַן עכט דייטשע האָפערדיקע געטריישאַפט אין זיין געזאַנג.

און אַז די לעגענדע איז מיט היטלערס אָנקום צערונען געוואָרן, איז דער אומרואיקער ייד פון טשערנאָוויץ אַנטלאָפן פון דער דייטשער סטודיע־שטייג צו דער גרויסער וועלט. אין וואַנדער־געיעג האָט פאַר אים אַ ווילע אויפגעלויכטן די האָפענונג פון גלאָריע נישט נאָר פאַר זיין קול פון הינטער די קוליסן, נאָר אויך פאַר זיין לעבעדיקער גופיקער מענטשלעכקייט.

דערפאַלגן אויף דעם פילם־לייוונט, דערפאַלגן אויף דער קאָנצערט־בינע און חלום וועגן אָפּערע, וועגן אָפּערע אין מילאַנאָ, וועגן אָפּערע אין ניו־יאָרק. אָבער איבער דערפאָלג און חלום שוועבט ביי אים ווי אַלעמאָל די טראַגיק פון געשטאַלט.

אַז דער אַלטער קאָנטינענט האָט גענומען איינשרומפּן, געוואָרן אַלץ מער און מער איין היטלער־תפיסה און עס איז שוין אָפילו קיין ראַדיאָ־סטודיע ניט געווען וואו צו פאַרצובאַהאַלטן דעם יידישן גוף, איז געבליבן איין וועג אָפן — דער וועג צוריק צו אליעזר שטיינבאַרג און צוריק צום אַלטן טאָפּשטיין פונעם טשערנאָוויצער טעמפּל. די נעמען פונעם גרויסן יידישן דיכטער און פונעם אומבאַקאַנטן אָבער זייער באַגאַבטן יידישן מוזיקער זיינען דאָ בלויז די סימבאָלן פאַר יידישן טעקסט און פאַר יידישן ניגון. איך דערמאָן זיי, ווייל טאָפּשטיין איז געווען שמידטס אַלעמאָל אַ ביסל ברוגזער אָבער תמיד איבערגעגעבענער און אין זיין תלמידס כוחות פאַרגלויבטער לערער

און אין אליעזר שטײנבאַרגס „יוסף מוקיר שבת" האָט דער יוגנט־לעכער סטאַר מיט גוטע צוואַנציק יאָר צוריק אײנגעזאַמלט זײנע ערשטע וועלטלעכע דערפאָלגן.

איבער דער ווײטקײט פון צײט קלינגט מיר נאָך שמידטס שוין דעמאָלט כּישופֿדיקע שטים אין דער ברײט צעכוואַליעטער מעלאָדיע פונעם שיכּור־ליד אין שטײנבאַרגס פּיעסע און איך הער ווי ער זינגט:

קוק אַרײן איך אין מײן גלעזל
נעמען זונען צו מיר ווינקען.

זײ האָבן צו אים ניט אויפגעהערט צו ווינקען די זונען פון קינסט־לערישער לײדנשאַפט און דערפאָלג. דאָס טראַגישע איז נאָר געווען (טראַגישער נאָך פון דער קלײן־געשטאַלטיקײט) וואָס שמידט האָט ניט געגלויבט אַז די זון שײנט אויך אויפן אײגענעם יידישן לעבן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין געטאָ איז ענג נישט צום אָטעמען און ער האָט זיך געריסן צו דער ענגשאַפט פון דער גרויסער וועלט וואו מען ווערט דערשטיקט.

אומקערן זיך קײן טשערנאָוויץ אין ניו־יאָרק אָדער קײן טשערנאָ־וויץ אין בוענאָס־אײרעס האָט ער, ווײזט אויס, זעליש ניט געקענט ווײל זײן געמיט האָט אָן אים געפעלשט און פאַר אים אויפגעהיט „ירושלים בײם פּרוט" ניט ווי דעם ערשטן אָנרעג צו שעפעריש־קײט און צו קינסטלערישער גאַנצקײט, נאָר ווי דעם אָרט פון פײנ־לעכער אָרעמקײט און סאָציאַלער קריוודע. און מיט אַזעלכע טראָפּנס סם אין דער נשמה קען מען צוריקקומען קײן טשערנאָוויץ בלויז אויף די כוואַליעס פון אַ דײטשן ליד וואָס „גײט איבער דער וועלט" אָדער אין בעסטן פאַל מיט אײנעם אַ קאָנצערט פאַר צדקה אָראָפּ־קאָנצערטירט פון אַן אַריסטאָקראַטישער שטאָט־בינע.

אַזוי אַרום איז אַפילו אין דער איצטיקער זודיקער צײט וואָס האָט אין פּרט פון איבערבעט מיט יידישקײט אויפגעטאָן אַזויפיל וואונדער, ניט פאַרגעקומען קײן צוריקבאַהעפטונג פון דעם קינסטלער שמידט מיט טשערנאָוויץ — דעם סימבאָל פון יידיש־לאַנד און יידיש־ליד.

ער איז געבליבן לעבן אויף דער אײראָפּעאישער גלאָריע פון זײן דײטשן געזאַנג וואָס האָט אַזוי פיל נחת פאַרשאַפט דײטשע הער־

צער. אָבער טאַקע אָט די „ראַסנשאַנדע“ האָבן די נאַציס אים ניט געקענט פאַרגעבן. זיי האָבן אים געררודפט אויך אין דער בײַטראַ־לער שווייץ, ניט פאַרגונען אים דעם צײַטווײַליקן אָפּרו אין אַ סאַנאַ־טאָריע און שטורמיש פאַרלאַנגט מען זאָל דעם קליינעם טשערנאָ־וויצער ייִד צוריקשיקן וואוהין ער געהערט על פּי ראַסע — אין לאַ־גער. עס איז זיי ענדלעך געלונגען, די נאַציס, ניט נאָר צו פאַר־שטעלן פאַר אים די „זונען“ פון קונסט און גלאָריע, נאָר אויך אויס־צולעשן די שײַן פון זײַן לעבן.

(1943)

די בונדיסטקע שרה כתבן

אין אַלט־רומעניע איז דער סאָציאַליזם פון יידישע פירער אויך צווישןביידע וועלט־מלחמות געבליבן היפּשלעך קאָסמאָפּאָלי־טיש אין דער טעאָריע און אַסימילאַטאָריש אין דער פּראַקטיק. ס׳האָט בלויז ביי די אַמאָליקע עקשנים נאָכגעלאָזט די פּרינציפּיעלע אַנטי־נאַציאָנאַליסטישע בייזקייט און אַ טייל פון זיי האָט שוין אַפילו גע־קענט אַ שמייכל טאָן וועגן די גוטע חברים וואָס האָבן עפּעס אַ שוואַכקייט צו מישן שלום־עליכמס געשמאַקע מעשיות מיט סאָציאַ־ליזם.

אין בעסאַראַביע זיינען אָפיציעל קיין סאָציאַליסטן נישט געווען, האָבן ניט געטאָרט זיין, יידישע אַוודאי ניט. די פּועלי־ציון האָבן געטאָן בלויז ציוניסטישע אַרבעט. און די בונדיסטן? אין כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער רומענישער פּראָווינץ צווישן פּרוט און דניעסטער זיינען געווען בנמצא מיטגלידער פון „בונד״ אין רוס־לאַנד וואָס האָבן זיך אונטער די נייע פּאָליטישע אומשטענדן נישט געקענט געפינען קיין אָרט, נישט געהאַט ווי זעליש זיך אַהינצוטאָן, זיך געפילט ווי עמיגראַנטן אין אַ פרעמד לאַנד.

אין טראַנסילוואַניע האָט זיך קיינעם קיין יידישער סאָציאַליזם נישט געחלומט. איז אַזוי אַרום די קליינע בוקאָווינע מיט איר היסטאָרישער יידיש־שטאָט טשערנאָוויץ געבליבן די „מעקאַ״ פון די פאַרוואָגלטע טוער פונעם אַמאָליקן בעסאַראַבער „בונד״. קיין טשער־נאָוויץ האָבן עולה רגל געווען די „געוועזענע״ מיט אַ בונדישער ליידנשאַפט אין האַרצן. דאָרט זיינען אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן אָפּגעהאַלטן געוואָרן קולטור־קאָנפערענצן פון די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און מען האָט אין רעדעס און אין רעזאָלוציעס געחלומט וועגן

יידישע שולן, וועגן אַ יידישן פאַרלאַג און דאָרט האָט מען באַשיימ־פערלעך געזען דעם באַגינען פון אַן אייגענעם יידיש־ליטעראַרישן צענטער אין דער נייער מלוכה.

די „געוועזענע" האָבן געהאַט אַ פול האַרץ מיט דאַנקבאַרקייט צו טשערנאָוויצער יידן און ערגעץ־וואו־ אויך נאַאיווו איבערגעטריבענע אילוזיעס וועגן זייער יידישקייט און וועגן זייער סאָציאַליסטישקייט. איך געדענק, ווי דער ענערגישער, צו יידישער קולטור־אַרבעט מיט גרויס געטריישאַפט איבערגעגעבענער, הערץ גילישענסקי פלעגט זיך אין אָנהויב אַזש פאַרכלינען ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם „וואָס פאַראַ פיינע יידישע מאַסן" עס פאַרמאָגט טשערנאָוויץ. און דער סאַמע פרומסטער, דער פאַרשטאַרבענער טויבערמאַן פונעם שטעטל רעזינע ביים דניעסטער, איז ביי איינער אַ שבת־נאָכמיטאָגדיקער פאַר־זאַמלונג נאָך דער ערשטער קולטור־קאָנפערענץ, ווייזט אויס, אַזוי גערירט געוואָרן און אַזוי באַגייסטערט געוואָרן דערפון וואָס טשער־נאָוויצער יידן מיט בערד און אָן בערד זיצן און הערן זיך צו צו דער יידיש־פּראָפּאַגאַנדע, אַז ווען ער אַליין איז דערנאָך געקומען צום וואָרט, האָט ער זיי אַלעמען צוגעטיילט אַן ערן־טיטל, וואָס איז פאַר אים געווען דער סאַמע גרעסטער — ער האָט זיך צו זיי געווענדט מיט דער באַצייכענונג „חברים בונדאָווצעס!"

און אין דער ווירקלעכקייט זיינען ניט נאָר צווישן סתם־יידן אין זאַל, נאָר אַפילו אין דער גאַנצער יידישער סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער בוקאָווינע, וואָס האָט געטראָגן אָפיציעל דעם נאָמען „יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבע־טער־פּאַרטיי „בונד"", ניט געווען אין טשערנאָוויץ קיין בונדיסטן אַחוץ די צוויי משפחות: קיסמאַן און כתבן. אייגנטלעך נישט צוויי פאַמיליעס, נאָר איינע: צוויי שוועסטער און זייערע מענער.

אמת, טויזנטער האָבן באַלאַנגט צום בוקאָווינער „בונד" און אויף טויזנטער ניט־מיטגלידער האָט זיך געשפּרייט די השפעה, אָבער בונדיסטישע פּראָבלעמאַטיק אַזוי ווי זי האָט זיך אויסגעקאָכט היס־טאָריש, אַזוי ווי זי איז אויסגעקעמפט און פאָרמולירט געוואָרן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע אין וואַרשע — איז געווען דער זעלישער אייגנ־טום נאָר פון דער דערמאָנטער משפחה און ביי איינער פון די פיר

מיטגלידער פון יענער פאַמיליע: ביי שרה כתבן — דאַכט זיך, טאַקע דער איינציקער זעלישער פאַרמעג.

ווען איך האָב זיך מיט איר צום ערשטן מאָל באַגעגנט, מיט 24 יאָר צוריק, איז דאָס געווען אין אַ יידישער דרוקעריי. איך — דער געהילפס־רעדאַקטאָר פון דער פועלי־ציוניסטישער „די פריי־הייט", זי — די פאָלגנע רעדאַקטאָרשע פונעם בונדישן „דאָס נייע לעבן". מיר האָבן זיך קוים אַמאָל באַגריסט. אַזוי האָט מיין יוגנטלעכקייט פאַרשטאַנען די באַציאונג אָדער, בעסער געזאָגט, באַציאונגסלאָזיקייט צום „אידייאישן שונא". און אפשר איז דאָס גאָרניט געווען מיין שולד, קען זיין, אַז עס האָט מיך געשראָקן די אינטענסיווע שטילקייט אין שרה כתבנס באַוועגונגען און די וועלט־אָפּגעשיידטע פאַרטראַכטקייט אין איר בליק וואָס איז געווען אין אַזאַ אומפאַרשטענדלעכן היפוך צו דער העלער וויבלעכקייט אויפן פנים פון דער דעמאָלט דרייסיק־יאָריקער. זי איז פאַר מיר דעמאָלט געווען די פאַרקערפּערונג פון אידייאישער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט וואָס האָט נאָר אין זינען די הויכע פאַרטיי־צילן אירע און אין מיר האָט געזינדיקט דאָס ליטעראַרישע וואָרט און דער גלוסט צו אַ „שיינעם זאָג" אָן געהעריקער פאַרטיי־זשירע. און קוקנדיק אויף דער בונדיסטקע וואָס זיצט דאָ לעבן מיר ביים שרייבטיש און איז מיט ערנסט און טרויער אַריינגעטאָן אין די פּרעס־קאָרעקטורן האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זי פּילט מיין אידייאישע שוואַכקייט און דערפאַר האָט זיך אַזוי געשטאַרקט מיין אידייאישע קעגנערשאַפט צו דער רעדאַקטאָרשע פון „דאָס נייע לעבן".

ערשט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָב איך ביי מיין לעצטן באַזוך אין טשערנאָוויץ קנאַפּ פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אין אַ גע־שפּרעך מיט שרה כתבן געגומען פאַרשטיין איר וועלט־אָפּגעשיידטע און עפּעס ווי פאַנאַטיזירטע פאַרטראַכטקייט פון יענע חדשים פון פרילינג און זומער 1919. זי האָט מיר אַליין דערויף אָנגעוואונקען. עס איז געווען דער טרויער פון איינזאַמקייט מיט אירע יידישע חלומות, מיט איר פאַרליבטקייט אין יידישן וואָרט, מיט איר בענקשאַפט נאָך יידישע מענטשן און נאָך יידישן שטייגער אין דער סאַמע מיט פון אַ פאַרטיי און פון חברים וואָס האָבן אויף אַ שלעכטן פאַרדייטש־

מערישטן יידיש זיך שוין דערקלערט פאַר יידישע סאָציאַליסטן און זיינען דערביי געווען אַזוי ווייט פון דער יידישער אייגנקייט, פון איר געדאַנק און איר געמיט.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז געקומען די משפּחה קיסמאַן פון ווין, עס האָט אַריינגעשטראָמט גילישענסקיס ענערגיע פון קעשענעוו, עס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע קולטור־פעדעראַציע; נאָך שפּע־טער איז געקומען די צייט פון „מאַרגנרויט"־בנין, פון די אָוונט־קורסן פאַר לערן־יינגלעך, פון דער טאָג־שול און פון דער שיינער „מעדעם"־ביבליאָטעק, מיט דעם אַלעמאָל היפּש באַזעצטן לייענזאַל. שרה כתבן האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט אין דער אַרבעט, אין דער יידישער שול־ און קולטור־אַרבעט.

די יאָרן זיינען געלאָפן. די פּאָליטישע אומשטענדן אין לאַנד זיינען געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. די קיסמאַנס — אויף יענער זייט ים און אַן אומרחמנותדיקע קראַנקהייט האָט געטאָטשעט דעם גוף, אָבער ביי דער פופציק־יאָריקער, אַזוי ווי איך האָב זי געזען אין יאָר 1939, האָבן זיך אויסגעגלייכט בליק און פּנים אין איידעלער רייפער ווייבלעכקייט. זי איז שוין נישט געווען איינזאַם. עס זיינען שוין געווען חברים און פריינט וואָס האָבן מיט איר נישט נאָר פּראַגראַמאַטיש, נאָר אויך זעליש מיטגעלעבט „בונדיזם".

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט שרה כתבן אַרויסגעריסן פון איר פּאַרטיי־סביבה, פון איר לאַנג־יאָריקן שטייגער לעבן, זי צעשיידט פון איר מאַן און איר צוגעשיקט דעם טויט העט ווייט ערגעץ אין אַ סי־בירער דאָרף, וואו עס איז געווען גלייכער און געזונטער אַפילו זיך אַליין נישט צו דערמאַנען אין די יאָרן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט און פון „בונדיזם".

(1943)

דער פּאַרטיי־וועטעראַן

דער פאַרשטאָרבענער האָט באַלאַנגט, אַזוי צו זאָגן, צום פרע־היסטאָרישן מענטשן־אינווענטאַר פונעם עסטרייכישן פועלי־ציוניזם. דער יונגער לייב שטיינמעץ וואָס איז מיט כמעט פערציק יאָר צוריק פאַרוואָגלט געוואָרן פון זיין היים־שטעטל באַרשאַ אין די אונגאַרישע קאַרפּאַטן־בערג קיין טשערנאָוויץ, דער הויפּט־שטאָט פון דייטשער קולטור ביים פּרוט, האָט פאַרמאָגט אין אַ געשטייגערטן מאָס אַלע יענע געזעלשאַפטלעכע סענטימענטן, וואָס פון זיי איז שפּעטער אויפגעגאַנגען די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פּאַרטיי פועלי־ציון. אין דער פועלי־ציוניסטישער היסטאָריע איז שטיינמעץ אַזוי אַרום שוין באַלד ביי איר אויפקום אַריינגעוואַקסן ווי אַ פּאַרטיקער וועטעראַן. ער איז עס פאַרבליבן זיין לעבן לאַנג...

ער האָט צו דער פּאַרטיי אַלעמאָל געהאַט אַ באַציאונג ווי צו אַ יינגערער פון זיך. ער האָט זי דערפאַר באַפּאַטערט, זי געקעכלט און געמוסרט און . . . זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס ער גע־דענקט זי, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. ער האָט הנאה געהאַט און זי געלויבט פאַר אירע דערגרייכונגען און האָט געהאַט די אַמבי־ציע אַז ס'זאָל דערביי דערמאַנט ווערן, וואָס ער, שטיינמעץ, קער זיך אָן מיט דער גרעאָטענער. עס איז דערין ניט געלעגן קיין ברעקל ביליגע כבוד־זוכעריי. גיכער איז דאָס געווען דער נאַטיר־לעכער פאַרלאַנג פון אַ פאָלקס־מענטש צו לייענען שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיין טאָכטער איז געבליבן זיינע טראָץ איר באַרימטקייט.

די נייע טעאָרעטישע טערמינאָלאָגיע, וואָס זיין פּאַרטיי האָט אים געבראַכט צו טראָגן האָט שטיינמעץ פאַרשטאַנען, איר אָפּגע־געבן כבוד אָבער ניט נאָכגערעדט. זיין פּאַרטייאישער וואָרט־באַגאַזש

איז געבליבן דער אַלטער, דער עמאַציאַנעלער, דער פּרע־היסטאָ־רישער. זיין פּועלי־ציוניזם האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער ליב־שאַפט צו ארץ־ישראל און אַרום דער שנאה צו דער בורזשואַזיע, אָדער ווי ער פלעגט זאָגן פאָלקסטימלעך, „די יידן מיט די גראָבע בייכער״. און די שנאה צו די „גראָבע בייכער״ איז געווען מער אַ רע־טאָרישע ווי אַ פּאָקטישע. ווער זיינען זיי דען געווען, די „גראָבע״? סתם ציוניסטן וואָס האָבן אויך געהאַט אַ באַציאונג צו ארץ ישראל, אמת, ניט אַזאַ טיפע, ניט אַזאַ אָרגאַנישע ווי שטיינמעץ. און אַזעל־כע מענטשן האָט שטיינמעץ ניט פיינט געהאַט. איז דאָס טאַקע געווען ביי אים ניט דער איינציקער ווידעראַנאַנד צווישן דער געפיל־איבערלע־בעניש און דעם אַגיטאַציע פליטערל, צווישן אויסגעבאַרגטע איבערציי־גונגען און געזונטער לעבנס־באַהעפטקייט. דעם דאָזיקן ווידעראַנאַנד האָט צום בעסטן אילוסטרירט זיין אָפיציעלע אַפּיקורסות וואָס איז ניט געווען זיינע נאָר ערגעץ אַ צוגעשוואומענע פון פּאַרטיי־אינטעליגענטישע ברעגעס. ער האָט געהאַלטן שריט מיט דער אינטעליגענץ. ער האָט זיך געמיט צו האַלטן... ער האָט זיך אַפילו אויסערלעך אָפּגעשיידט פון אַלע יענע אים היימישע יידן וועלכע מען טרעפט אין קלויז און אין שבת־שענק. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ברייטן „קינסטלערישן״ קאַפּעליוש און אַ „פּאָעטישן״ שניפּס אָבער אין אָט די אינטעליגענטישע בגדים פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין אַ קלויז אַריין, כלומרשט נאָר ווייזן די „פּרומאַקעס״ אַז ער—אַ פּ״עלי־ציון—איז פונדעסטוועגן אַ בעסערער בעל־קורא פון זיי און ימים נוראים — אַ וואונדערלעכער בעל־תוקע.

צוויי זיינען זיי געווען אין שטאָט. לייב שטיינמעץ, דער פירער פון די פּועלי־ציון, און נתן טראָפּער דער פּרעזידענט פון די אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן. אויף איין גאַס האָבן זיי געוואוינט. אויף דער לינקער זייט גאַס, טיף אַנטקעגן דעם יידישן טעמפּל איז שטיינ־מעץ געשטאַנען אין זיין וואורשט־געשעפט, קונציק צוגעשניטן פאַר די קונים רייפטלעך סאַלאַמי און פּאַסטראָמע און איבער די אייגענע מעכאַנישע האַנט־באַוועגונגען מיטן מעסער אַריבערגערעדט צו חברים וועגן פּאַרטיי־ענינים און אַריבערדיסקוטירט צו קונים „גראָבע ביי־

כער״ אָדער בונדיסטישע „ציון־פּרעסער״ וועגן פראַגן פון קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל.

אויף דער אַקעגנאיבערדיקער זייט פון דער גאַס אין אַ הויף אַריין האָט דער „בונדיסט״ טראַפּער געהאַט זיין בלעכער־ווערקשטוב. עטלעכע מאָל אַ טאָג האָבן זיך די אידייאישע קעגנערס באַגעגנט און קיינמאָל אין די אומצאָליקע באַגעגענישן זייערע איז די „פּירערס״ ניט אויסגעקומען אַ רעד צו טאָן וועגן עפּעס אַנדערש ווי געזעלשאַפטלעכע פּראַגן. אַמאָל האָט מען גערעדט ערנסט און אַמאָל האָט מען געשפּאַסט אָבער אַלץ און אַלע מאָל אַרום דער אידייע און אידעאַלן.

דער בונדיסט איז לויט זיין דערציאונג געווען ווייטער פון יידישקייט ווי דער פּועל־ציון. אָבער טאַקע דערפאַר האָט ער זי מער אָפּגעהיט. אַ גאַנצע וואָך איז טאַקע רעליגיע ריינער אָפּיום און אַ גוישער געגנאָסע — אַ ברודער, אָבער שבת פאַרפעלט מען ניט מיט טלית־זאַק אונטערן אָרעם אין שול אַריין טרינקען אָפּיום ביי אַ גוטן בעל־תּפילה און שעפּן נשמה יתירה ביי „נאַציאָנאַליסטישע עקספּלואַטאַרס״.

שטיינמעץ און טראַפּער — צוויי פּאַרטיי־מענטשן, פאַרליבטע און פאַרגלויבטע יעדער אין זיין „איזם״. אָבער אונטער די „איזמען״ —ביידע צוגעבונדן צום פאָלקס־שטייגער, ביידע אַריינגעוועבטע אין דעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט פאָלקס־לעבן, און וואָס אָנערקענט ניט קיין שום נאָמען פונעם ביכל, נאָר איינציק און אַליין דעם וועב כוח פונעם פאָדעם.

שטיינמעץ און טראַפּער — די צוויי פּאָפּולערסטע פאָלקס־מענטשן אין שטאָט. טראַפּער — מער פאַרשטאַנדמענטש, פלינקערע צונג, סקעפּטיש און דערפאַרן, אָבער מיט אַ געזעלשאַפטלעכער השגה, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי די מלוכה־גרענעצן. שטיינמעץ — מער עמאָציאָנעל, מער געאיילציק און אָפּטמאָל צו אימפּולסיוו אָבער דערפאַר אַן אומפאַרגלייכלעכער טרוימער וועגן אַ סאָציאַליסטיש לעבן אין ארץ־ישראל און וועגן אַ פּאָליטישער קאָאָפּעראַציע פון יידנטום אין וועלט־מאַסשטאַב.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שטיינמעץ געווען אין

דער פּאַרטיי דער עלטסטער אין יאָרן. ער איז געווען אַ בעל־הבית און אַ טאַטע פון קינדער. ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, דעם פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידקייט און מאַטעריעלער איינגעזעסנקייט אין דער „פּאַרטיי פון די יונגלעך״.

אַרום שטיינמעצן האָט זיך גרופּירט אַ פּלעיאַדע יונגע סטודענטן אין דער בוקאָווינע, אַ פּלעיאַדע, וואָס האָט אין איינעם מיט עטלעכע גע־ציילטע גאַליציאַנער פאַרמירט אַ שיינעם דור פון יידישער פאָלקס־אינ־טעליגענץ אין עסטרייך. געמוליעט האָט זיך די אינטעליגענץ צום פּועלי־ציוניזם, ווייל זי האָט אין אים געפונען אַחוץ סאָציאַליסטישן חלום, גע־דיכטערע נאַציאָנאַלע פאַרב, קולטור־שוואונג און פון דיסציפּלין ניט־באַגרענעצטן שפּיל־רוים פאַר די זעלישע פּאָטענצן פונעם יחיד. אַ דאַנק דער לויזערער דיסציפּלין האָט די דאָזיקע פּאַרטיי־אינטעליגענץ צו וועל־כער עס האָבן צווישן אַנדערע באַלאַנגט בערל לאָקער, שואל סאָ־קאָל און דער פּרי־פאַרשטאָרבענער מאיר ראָזנער אין דער בוקאָ־ווינע, פייוול שטערנבערג, א. ש. יוריס און אַנדערע אין גאַליציע, גע־קענט אָפּשפּילן אירע הייסע קולטור־ליבעס מיט דר. זשיטלאָווסקי און דר. נתן בירנבוים. שטיינמעץ האָט על פּי וועטעראַנישקייט געהערט צו דער אינטעליגענץ און האָט אירע ליבעס ליידנשאַפטלעך מיטגע־שפּילט.

ווען גייט אַ יידישער טאַטע אַרויס פון די כלים? ווען ווערט ער אַן אַכזר וואָס זעט ניט און הערט ניט גאָרניט? ווען? ווען, מ׳זאָל אָפּגעהיט ווערן, אַ קינד שמדט זיך.

שטיינמעצן האָב איך געזען איין מאָל אין זיין לעבן אַן אויפ־געקאָכטן, אַ פאַנאַטיזירטן, אַ ברוטאַלן. די פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט אין 1921 געהאַלטן ביים שפּאַלטן זיך. חדשים־לאַנג זיינען אָנגעגאַנגען וויכוחים, אומענדלעכע וויכוחים. שטיינמעץ האָט שעהנווייז פאַרנומען די טריבונע, גערעדט קעגן די לינקע. ווען אַ לינקער האָט געענטפערט, איז שטיינמעץ אַרויסגעגאַנגען פון זאַל, ניט גע־וואָלט הערן. וואָס זאָל ער הערן? אַז די לינקע ווילן זיך שמדן זאָל ער אויסהערן די אַרגומענטן פאַר שמד? אַז דער קעגנער האָט פאַרענדיקט, איז שטיינמעץ ווידער אַרויף אויף דער טריבונע און

האָט איבערגעחזרט זיין רעדע. ער האָט ניט פּאָלעמיזירט. ער האָט געוואָרנט, ער האָט געשריגן, ער איז אַרויס פון די כלים, אַז ער וועט ניט דערלאָזן אָפּצוזאָגן זיך פון דער אַלטער אמונה.

און אַז די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, איז צו זיין כעס און צו זיין שנאה ניט געווען קיין גרענעץ. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען.

אַ לינקער חבר איז געווען ערגער, טויזנט מאָל ערגער ווי איינער פון די „גראָבע בייכער” אָדער „פּרומאַקעס”, ערגער, ווייל מיט די האָט ער גערעדט, אָבער מיט די געוועזענע חברים האָט ער אָפּגעבראָכן די פּערזענלעכע באַציאונגען.

שטיינמעץ האָט געהאַט זייער אַן אויסגעפורעמט געפיל פון אייגנטום צו זיין פּאַרטיי, אַ געפיל פון הייליקן אייגנטום און דערפאַר איז ער געווען אַזוי — סענסיטיוו צו חלול הקודש פון אינעווייניק.

די לעצטע יאָרן איז ער ניט מער געשטאַנען אין אַזאַ ענגן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי ווי פריער. די פאַראייניקונג מיט די „צעירי־ציון” האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאַרטיי נייע מענטשן וואָס זיינען אים געווען נאָענט לויטן „איזם” אָבער ער האָט זיי ניט אויפגענומען אין זיך דורך דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. נאָענט האָבן אים מענטשן געקענט ווערן נאָר דורך פּאַרטיי־אַרבעט און ניט דורך פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע.

אַרבעטן אָבער איז ער שוין ניט געווען מסוגל. שווערע זעלישע איבערלעבענישן און אַן אומגליקלעכע ליידנשאַפט, וואָס האָט אים פון יאָר צו יאָר אַלץ מער באַהערשט האָבן אים געטריבן צו איינזאַמקייט צווישן די לעבעדיקע און דערנאָך באַהעפט מיטן טויט.

(1940)

דער שליח הערץ גילישענסקי

שפעט־ווינטער 1938־39.

כ׳האָב באַקומען די אַמעריקאַנישע וויזע פאַר מיר און פאַר מיין משפחה און מיין שטוב גליט מיט עמיגראַציע־פיבער. נאָך פאַרבליבן אינגאַנצן עטלעכע טעג צום אָפּפאָרן. די מעבל כמעט אַלע אויספאַרקויפט און די זאַכן שוין צום גרויסן טייל געפּאַקט.

און פלוצעם — אַ גאַסט. אַ גאַסט מיט אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות. זיך באַגריסט מיטן שליח און — ער זעט דאָך אַליין אַז איך קאָן אים דאָסמאָל גאָרנישט העלפן.

ער האָט טאַקע מודה געווען אַז ער זעט, אָבער פונדעסטוועגן — פונדעסטוועגן געדענק איך נישט אַז איך זאָל ווען ס׳איז אין משך פון מיינע כמעט צוואַנציק יאָר אין בוקאַרעשט האָבן מיטגעאַרבעט מער און אינטענסיווער ווי דעמאָלט ביי דער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס הערץ גילישענסקי האָט אָנגעפירט פאַרן „ייוואָ“ אין יענע פיבער־דיקע טעג ערב מיין אויסוואַנדערונג פון רומעניע.

און נישט בלויז איך בין קעגן מיין דערוואַרטונג מיטאַמאָל געווען אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין גילישענסקיס „ייוואָ“־אַקציע. עס זיינען אַקטיוו געוואָרן מענטשן פון וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען אַ קווינט ענערגיע און אַ האַלבע שעה צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. און עס האָבן זיך געעפנט גבירישע קעשענעס, וואָס מען האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט ריכטן אַז זיי וועלן זיך אַמאָל לאָזן אויפשפּיליען פאַר אַזאַ צוועק ווי „ייוואָ“.

— וואָס פאַראַ כישוף האָט איר אָנגעטאָן מיר און די אַנדערע?? — האָב איך שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן גילישענסקין ווען מיר האָבן זיך דערנאָך ביי אַ שאָל טערקישע קאַווע אין אַ קליינער מסיבה פון פריינט דערציילט אין פריידן וועגן די דערפאָלגן פון דער אַקציע.

ווי אַלעמאָל ווען מען האָט אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, האָט גילישענסקיס פּויעריש־געזונט פּנים זיך באַשיינפּערלעך געוואָלט צע־שמייכלען פאַר נחת, נאָר ס'האָט נישט באַוויזן. אַ מיידלישע שע־מעוודיקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אויף זיינע באַקן, האָט פאַר־גאָסן רויט ס'פּנים און צוגעדעקט דעם שמייכל. אין אַזאַ מאָמענט האָבן גילישענסקיס געווייניטלעך האָפעדיקע און פריילעכע אויגן געהאַט אַן אויסדרוק פון טרויער — טרויער מחמת פאַרלעגנהייט, מחמת חידוש איבער זיך אַליין.

שפּעטער, ווען די פאַרלעגנהייט איז פאַרביי און גילישענסקי האָט צוריקבאַקומען ס'לשון, האָט ער מיר גענומען דערציילן אַז דעם זעלבן קאָמפּלימענט ווי איך האָט אים אין אַמעריקע געמאַכט דער פאַרשטאָרבענער ב. וולאַדעק. עס איז אויך געווען אין שייכות מיט אַן „ייוואָ"־אַקציע וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. ביים שלוס־באַנקעט האָט וולאַדעק ע"ה געהאַלטן אַ רעדע און האָט געזאָגט לערך אַזוי: איך ווייס אַליין אַז איך האָב דאָס מאָל אַ סך געטאָן פאַר דער „ייוואָ"־אַקציע און איך בין זייער צופרידן דערפון. נאָר איין זאַך — איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איך האָב ביי מיין פאַרנו־מענקייט געקאָנט בכלל עפּעס טאָן און דערצו נאָך אַ סך טאָן פאַר דעם „קאַמפּיין". איין ענטפער האָב איך דערויף: גילישענסקי האָט אַזוי געוואָלט.

אַז הערץ גילישענסקי האָט די געוואַלדיקע דערפאָלגן פון זיינע קולטור־שליחותן צו די יידישע ישובים פון אייראָפּע, פון אַפריקע, פון אויסטראַליע און פון ביידע אַמעריקאַנישע קאָנטינענטן געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אייגענער פערזענלעכקייט, זיין אומהיימלעכן כוח איינצושפּאַנען נאָענטע און אויך ווייטע מענטשן צו דער אַרבעט — דאָס איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען. אָבער פון וואַנען האָט ער גע־שעפּט די דאָזיקע קראַפט און מיט וואָס דער עיקר האָט זי משפּיע געווען אויף מענטשן?

אַוודאי האָט גילישענסקי פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווילן און דער־צו אַן אויסנעמלעכע אַרבעט־ענערגיע. אָבער ווילן און ענערגיע זיינען נישט אַלעמאָל סטימולירנדיק פאַרן בעל־רצונס אַרום. פאַרקערט, ווי־באַלד דער דאָזיקער ווילן גייט נישט ביינאַנד מיט אַנדערע איינגנעמע־

רישע מעלות און מידות, מאַכט ער אָפּט דעם איינדרוק פון אַ באַגער צו דאָמינירן, פון זיך אַרויפצוצווינגען און — ער שטויסט אָפּ אַנ־שטאָט צוצוציען, ער רופט אַרויס קעגנערשאַפט אַנשטאָט צו סטימולירן צו מיטאַרבעט.

דער שטאַרקער ווילן אַליין איז בלויז דער כבד־פּה׳יקער משה וואָס דאַרף נאָך לעבן זיך גלאַטצונגיקע אהרונס, כדי צו קענען אָפּע־לירן צו הערצער און געמיטער.

נו, אַזעלכע אהרונס, ווי שאָרם פון אויסזען אָדער שאָרם פון געדאַנק און וואָרט, האָבן גילישענסקין נישט באַגלייט. זיין אויסערלעכע געשטאַלט: אַ צעוואַקסענער גוף, אַ קורץ געשוירענער קאָפּ, אַ האַ־פּערדיק געזונט פּנים אַן דעם מינדסטן שטריך פון ראַפינירטקייט אָדער פון באַזונדערן אויסדרוק, און אַ לאַמער פוס וואָס האָט ביי יעדער קלענסטער באַוועגונג געקלאַפּט מיט זיין ספּעציעלן שוך אויפן הויכן קנאַפּל און געשאַפן אַן אַטמאָספער פון דיסהאַרמאָניע, פון ליאַרעם. און וואָס שייך זיין אופן רעדן, זיין אופן פאָרמולירן און דערקלערן געדאַנקען און זאַכן — האָט גילישענסקי זיכער נישט גע־הערט צו יענעם מין מענטשן וואָס האָבן די גאָב צו פאַרדעקן זייערע בלויזן פון מחשבה און פון וויסן. פאַרקערט, אויב ס׳איז די רייד פון טאַלענט, האָט גילישענסקי פאַרמאָגט עפּעס אַ מאָדנעם טאַלענט צו מאַכן דעם איינדרוק אַז ער ווייס ווייניקער ווי ער האָט פאַקטיש גע־וואוסט. ער האָט אָפּט געהאַט אַ טבע צו נוצן געדאַנקלעך און בילדעריש אומגעראָטענע אָדער היפּשלעך פאַרקרומטע פאָרמולעס און ווערטער וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון שלעכט נאָכגעזאָגטע אינטע־ליגענטישע רייד.

באַווירקט, באַצויבערט און געוואונען אַלע מיני מענטשן פאַר זיך און פאַר זיינע שליחותן האָט גילישענסקי נישט מיט שיינע רייד און לאָגישע אַרגומענטן, נאָר מיט עפּעס אַ געהיימען כוח פון גלויבן וואָס ס׳האָט פון אים אויסגעשטראַמט. סיי ביי די פאַרזאַמלונגען מיט פריינד און חברים און סיי אין אויפנעם־צימערן פון געלט־געבער האָב איך אַלע מאָל געהאַט דאָס געפיל אַז די מענטשן הערן זיך ווייניקער צו צו גילישענסקיס רייד און קוקן זיך מער איין אין דעם פייערל פון גלויבן, פון תמימות און פון געטריישאַפט וואָס האָט בעת־

מעשה געגליט אויפן שליחס פנים. און דאָס פייערל האָט געשפּריִיט אַרום זיך ליכט, וואַרעמקייט, נאָענטשאַפט און — האָט אָן שום אָפּפרעג איבערציִיגט אַז אַלץ וואָס גילישענסקי זאָגט איז אמת, איז וויכטיק און מוז שוין דורכגעפירט ווערן — דער פּיקוח נפש איז גרויס.

גילישענסקיס גלויבן איז, אַזוי צו זאָגן, געווען דער אַוואַנגאַרד פון זיין שליחות. און דער אַוואַנגאַרד אַליין האָט מנצח געווען, די אַרמיי פון נישט אַלעמאָל גוט־געקליידעטע און דיסציפּלינירטע ווער־טער וואָס האָט נאָכמאַרשירט איז אין תוך שוין געקומען אחר המעשה. מען האָט נישט געוואַרט אויף גילישענסקיס רייד. מען האָט אים שוין געגלויבט אויף זיין גלויבן אַליין. די אמונה, די באַגייסטערונג, די גע־טריישאַפט וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון גילישענסקין האָט איינגע־נומען, האָט באַצוואונגען און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אַקעגנ־שטעלן. מען האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט פאַר גילישענסקיס שליחות, מען האָט געגעבן געלט מער וויפל מען האָט געוואָלט און מען האָט אָוועקגעגעבן ציִיט מער וויפל מען האָט פאַרמאָגט.

אין די סאַמע ערשטע צוויי יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה איז דער בונדיסט הערץ גילישענסקי, וואָס האָט געשטאַמט פון דער שטאָט אָריעוו אין שכנות מיט קעשענעוו און איז פון פאַך געווען אַ פאָלקס־שול־לערער, געווען פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזירונג פון יידישע פאָלקס־שולן אין בעסאַראַביע. אין פאַריז האָבן זיך גע־גרייט און עס זיינען שוין צום טייל אָנגעגאַנגען די פרידנס־קאָנ־פערענצן וואָס האָבן געדאַרפט רעכטלעך סאַנקציאָנירן דעם דער־וויִיל בלויז פאַקטישן אָנשלוס פון די נייע רומענישע פּראָווינצן. די בוקאַרעשטער רעגירונג האָט זיך דערפאַר באַצויגן קלאָמפּערשט מיט אַ געוויסער וואויל־געניגטקייט צו דעם שפּיל אין נאַציאָנאַלער קולטור מצד די פאָלקישע מינאָריטעטן. בעסאַראַבער יידן האָבן גע־בויט שולן מיט יידישער און מיט העברעאישער לערנשפּראַך און גילישענסקי איז געווען איינער פון די הויפּט־טוערס ביי די יידי־שיסטישע שולן. אויף וויפל איך דערמאָן זיך האָט זיין טוערשאַפט אַפילו געהאַט אַן אָפיציעלן טיטול. די רעגירונג האָט גילישענסקין, לויט אַ פאָרשלאָג פון אַ יידישער לערער־קאָנפערענץ וואָס איז אָפּ־

געהאַלטן געוואָרן אין קעשענעוו, באַשטימט פאַרן אינספּעקטאָר פון די שולן מיט יידישער לערנשפּראַך אין בעסאַראַביע.

פאַרוואָס גילישענסקיס אינספּעקטאָרשאַפט איז בטל געוואָרן נאָך איידער די רעגירונג האָט זיך אָ נעם געטאָן בטל צו מאַכן דעם שפּיל פון יידישע שולן אין בעסאַראַביע, געדענק איך שוין היינט נישט. עס איז דאָך שוין זינט דעמאָלט אַ קימא לן פון פאַלנע דרייסיק יאָר. אָבער גלייך עס זאָל זיין היינט און נישט געכטן אַפילו, דערמאָן איך זיך אין יענע טעג פון זומער 1920 ווען הערץ גילישענסקי איז מיט זיין פרוי (די שלאַנקע, איידעלע עספּיר אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט שטילער צניעות אין פּנים און מיט שוואַרצן פייער אין די אויגן) זיך געקומען באַזעצן אין טשערנאָוויץ.

עס איז דעמאָלט אינאיינעם מיט גילישענסקין, דעם בעסאַראַבישן בונדאָוועץ, וואָס האָט זיך געמיט צו רעדן מיט דער ליטווישער אויסשפּראַך כדי צו מאַכן אַן אינטעליגענטיש־ליטעראַרישן איינדרוק, אַראָפּגעקומען קיין טשערנאָוויץ צו די גענאָסן דאָקטוירים פונם „בונד" און צו די חברים דאָקטוירים פון „פּועלי־ציון" אַ שטראָם מיט קולטור־ענטוזיאַזם און אַ קאָנסטרוקטיווע ענערגיע, להוט נאָך געזעלשאַפטלעכע אויפטוען.

גילישענסקי האָט זיי צונויפגעפירט, די פּאַרטיי־טוער פון „בונד" און פון „פּועלי־ציון". ער האָט זיי אָוועקגעזעצט אינאיינעם מיט די קולטור־טוער פונעם „יידישן שול־פאַראיין" און מיט די עטלעכע שרייבער וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין רומעניע, ביי אַ טישל פונעם „קאַפע ראַיאַל" אויפן טעאַטער־פּלאַץ און האָט זיי אַלעמען, אַזוי צו זאָגן, קודם פריוואַט אָנגעשטעקט מיט גלויבן און מיט ווילן צו פאַררופן אַ קאָנגרעס פון די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד, צו שאַפן אַ יידישן קולטור־פאַרבאַנד פון רומעניע, צו גרינדן אַ יידישן פאַרלאַג, אַ ביכער־לאַגער און אַפילו צו פּרואוון בויען אַ געזעלשאַפטלעכן יידישן טעאַטער.

און ווען די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ מיט דעלעגאַטן פון שטעט און שטעטלעך אין בעסאַראַביע, אין בוקאָווינע און אין אַלט־רומעניע איז זיך אָנהויב ווינטער 1920־21 צונויפגעקומען אין טשערנאָוויץ, איז דאָס געווען נישט בלויז די ערשטע, נאָר דאַכט זיך, אויך

די איינציקע גרויס־געזעלשאַפטלעכע פּרייד וואָס יידיש האָט געהאַט צו פאַרצייכענען אין רומעניע צווישןביידע וועלט־מלחמות.

באַשיינט די קאָנפערענץ מיט זיין אויסטערליש־שיינער דיכטער־געשטאַלט האָט אליעזר שטיינבאַרג ז״ל; באַפליגלט מיט זיין פּאָעטישן וואָרט האָט זי דער דיכטער יעקב שטערנבערג; די געזעלשאַפטלעכע דירעקטיוון אירע האָבן פאַרמולירט די פאַרטיי־פאַרשטייער (דער פועלי־ציוניסט דר. מאיר ראַזנער און דער בונדיסט דר. יוסף קיסמאַן) אָבער די גאַנצע לאַסט פון טעכנישער און פּראָפּאַגאַנדיסטישער צו־גרייטונג איז געלעגן אויף גילישענסקיס פּלייצעס.

פון זיינע צירקולאַרן וואָס האָבן זיך נישט אַלעמאָל אויסגעצייכנט מיט מייסטערשאַפט פון סטיל און מיט ריכטיקער געדאַנקלעכער פאַר־מולירונג און פון זיינע בריוולעך צו די „טייערינקע חברים״ האָבן דאָס די בחורים און די מיידלעך פון די בעסאַראַבישע און פון די בוקאָ־ווינער שטעט און שטעטלעך געשעפּט די באַגייסטערונג און די אמונה און דעם ווילן צו דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג וואָס האָט געהייסן „די יידישע קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע״.

עס איז אין גילישענסקיס בריוועלעך צו די „טייערינקע חברים״ געווען אַזאַ כוח פון גלויבן און אַזאַ אינטענסיווע מאַנערישקייט צו אַרבעט אַז אַפילו אַזעלכע „טייערינקע חברים״ וואָס האָבן פון לכתחילה געפּרואווט אַ שמייכל טאָן איבער דעם אָדער יענעם סטיליסטישן גראַ־טעסק אָדער איבער דער און יענער פאַרקרומטער פאַרמולירונג אין בריוו זיינען אין תוך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַנערישקייט פון גילישענסקיס ווענדונגען און זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט זיין אמונה און — ז׳־נען געקומען זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

אויב די קולטור־פעדעראַציע האָט נישט געהאַט דעם געדויער וואָס זי האָט געקאָנט האָבן און האָט אַפילו פאַר דער קורצער צייט פון איר געדויער דורכגעפירט בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם וואָס זי האָט געדאַרפט זיין בכוח דורכצופירן איז דאָס געווען דער רעזול־טאַט פון די לפי־ערך גיכע און גוטע אָרגאַניזאַטאָרישע דערפאָלגן וואָס די קולטור־פעדעראַציע און איר גענעראַל־סעקרעטאַר גילי־שענסקי האָבן געהאַט צו פאַרצייכענען. ס׳איז פּאַראַדאָקסיש — אָבער אמת. די פּאַרטייען האָבן זיך מתקנא געווען אין זייער אייגן קינד —

די קולטור־פעדעראַציע. אויב אָרגאַניזאַטאָרישע דערפּאָלגן, זיינען זיי אַליין געווען בעלנים דערויף. דערעיקרשט איז דאָס געווען דער פאַל מיטן „בונד" וואָס האָט דורך דער קולטור־פעדעראַציע דערזען מעג־לעכקייטן פון פּאַרטייאישן אויסשפּרייט אין בעסאַראַביע.

עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט דאָס פייער פון מחלוקת צווישן די פּאַרטייען און אין דעם פייער האָט גענומען שמעלצן און איינשרומפּן דער כּוח און די אַרבעט פון דער „פעדעראַציע".

גילישענסקי האָט קעגן דעם צווישן־פּאַרטייאישן קאַמף נישט געקאָנט אויפקומען. בפרט אַז ער אַליין איז געווען אַ הייסער פּאַרטיי־מאַן, אַ מענטש וואָס איז נישט בלויז געווען אַן איבערצייגטער, נאָר קודם־כּל אַ פאַרליבטער בונדיסט און — ער האָט לויט דעם געזעץ פון פאַרליבטקייט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זען דעם מינדסטן חסרון ביי זיין געליבטער.

פאַרליבטקייט און אַ גייסט פון אינטימער חברותא'דיקייט — דאָס איז געווען די מתנה, וואָס גילישענסקי האָט מיטגעבראַכט פון בעסאַראַביע פאַר די יידישע סאָציאַליסטן אין דער בוקאָווינע. אין טשערנאָוויץ זיינען די סאָציאַליסטן, לויטן ווינער מוסטער, געווען דינער פון איין גאָט, אָבער נישט חסידים פון איין רבי און אוודאי נישט קינדער פון איין משפּחה. מען איז געווען אידעאיש נאָענט, אָבער סאָציאַל פרעמד צואַנאַנד. און אַפילו אין דער סאָציאַלער נאָענט־שאַפט איז נאָך פאַראַנען געווען גענוג פערזענלעכע דיסטאַנץ צווישן פאָלקס־מענטש און אינטעליגענט, צווישן כּתם געגאָסע און געגאָסע דאָקטאָר, צווישן אָרעם און רייך און צווישן יונגער און עלטער.

די דאָזיקע דיסטאַנצן, לכל־הפּחות אין דער פירער־שיכט פון טשערנאָוויצער „בונד", האָט גילישענסקי פאַרפּלייצט ממש מיט זיין עמכדיקער גוט־ברודערשאַפט און מיט זיין „דו"־נאָענטשאַפט. ער האָט די מיושבֿע, גלאַטע און חבֿרשע באַציאונגען לכל־הפּחות צווישן די יידיש־קולטורעל פאַראינטערעסירטע בונדיסטן אָנגעהייצט מיט חסידישן ברען, מיט מעשה־פאַרליבטקייט וועגן בונדישע העלדן און מיט פריידיקער שטימונג פון „שבת אחים גם יחדיו", אָדער ווי ער, גילישענסקי, פלעגט זיך ממש פאַרכלינען — מיט דער פרייד פון אַ בונ־דישער ליאַמע.

אַז די „קולטור־פעדעראַציע" איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן און די אייגענע פאַרטייאיש־פּאָליטישע און פאַרטייאישע קולטור־אַרבעט איז געוואָרן צו קליין פאַר גילישענסקיס וויזיע פון פלענער, פון אַרבעט און פון אויפטוען — איז גילישענסקי אַוועק מיט זיינע פלענער און מיט זיין ענערגיע צו די יידיש־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

ער האָט אין שליחות פון „אָרט", פון „דובנאָוו־פאָנד" און פון „ייוואָ" אַזויפיל און אַזויפיל מאָל אַריבערגעשפּאַנט ימים און קאָנטי־נענטן. און אויף וויפל איך בין אינפאָרמירט, האָבן אַלע מודה געווען אַז הערץ גילישענסקי איז אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געווען דער סאַמע דערפאָלגרייכסטער יידיש־געזעלשאַפטלע־כער שליח.

אַנדערע האָבן פאַרמאָגט גרויסע נעמען, רעדנער־טאַלאַנט, וואונ־דערלעך פאָרמולירטע אַרגומענטן און אַ שפע מיט שיינע ווערטער. גילישענסקי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט זיין אומהיימלעכן כוח פון גלויבן, פון התלהבות און פון אַרבעט־ענערגיע און ער האָט מיטגעריסן מענטשן מיט זיינע שליחותן. ער האָט איבעראַל מצליח געווען.

יאָרנוויז איז גילישענסקי געווען אַוועק פון רומעניע. ער איז אַהין געקומען זיך בלויז אָפּרוען צווישן איין ווייטער נסיעה און אַ צווייטער און אַמאָל אויך אין אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות פון אויס־לאַנד. ביי אַזאַ שליחות פון „ייוואָ" אין בוקאַרעשט האָב איך גילי־שענסקין צום לעצטן מאָל געזען.

דער אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה האָט גילישענסקין פאַרהאַלטן אין רומעניע. און ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט פרי־זומער 1940 פאַרנומען בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, האָט גילישענסקי, דער טשערנאָוויצער נכתב, זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ. פון דאָרט האָט מען אים אָנהויב יוני 1941 אינאיינעם מיט אַנדערע בונ־דישע און ציוניסטישע טוער עוואַקואירט קיין צענטראַל־רוסלאַנד. אויפן וואָקזאַל אין טשערנאָוויץ האָט מען אים פאַנאַנדערגעטיילט פון זיין פרוי. פון עספיר אַלעקסאַנדראָוונאַ זיינען דערנאָך געווען ידיעות.

זי האָט אַ שטיקל צייט געלעבט ערגעץ אין אַ ווייטן סיבירישן דאָרף און איז דאָרט אויסגעגאַנגען פון הונגער, פון קרענק און פון בענקשאַפט.

ער אַליין, גילישענסקי, דער אַלטער און געניטער פּאָרער איבער ימים און יבשות איז דאָס מאָל אין ערגעץ נישט דערפאָרן. די באַן איז אָפּגעגאַנגען פון טשערנאָוויצער וואָקזאַל, אָבער פון די פּאָרערס — עס זיינען דאָרט אַחוץ גילישענסקין אויך געווען דער בונדיסט מרדכי כתבן און דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער מאַקס דיאַמאַנט — איז עד־היום קיין שום ידיעה נישט דערגאַנגען.

דער שניידער-געזעל נטע מאַנגער

ער איז געווען איציק מאַנגערס ברודער אין אַ פּיל טיפערן זינען ווי בלויז על פּי געזעץ פון בלוט. דער דיכטער איציק און דער שניידער־געזעל נטע זיינען געווען ברידער על פּי דעם זעלבן טרוים פון יידיש־שאַפונג, על פּי דעם צער פון שטרעבונג צו איר און על פּי דער פרייד פון איר דערגרייכונג. עפּעס איז צווישן די צוויי זיין פון „זיין עקסעלענץ דעם שניידער־מייסטער" הלל מאַנגער פאַראַן געווען אַזאַ אינטימער זעלישער שאַפונגס־קאָנטאַקט, אַז אַזאַ מענטשן ווי איך, וואָס כ׳האָב זיי ביידן נאָענט געקענט, פלעגט זיך צומאָל אויסדאַכטן אַז דאָס ליד שמייכלט אין נטען גלייכצייטיק מיט זיין אויפגאַנג אין איציקן.

דאָס געמיט פון הלל מאַנגערס זין האָט זיך פון דער סאַמע פריסטער יוגנט אויפגעמעריש און שאַפעריש געטוליעט צום „ווייסן ציגעלע", דעם סימבאָל פון יידישן פאָלקס־ליד. פון איציקן ווייסן מיר עס, אַז ווען

דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט,
שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
פירן מיר פונעם „חד־גדיא"
דאָס ציגעלע אַרויס"

אַרויסגעפירט עס בשותפות—האָט דערנאָך איציק לויט גאָטס חסד און ווילן פאַרלאָזט די נאָדל און גענומען וואַנדערן מיטן יידיש־ליד אויף די הויכן פון גרויס־שאַפערישקייט. און נטע? דער מיט געצייילטע יאָרן יינגערער נטע איז פאַרבליבן אין טאַטנס ווערקשטוב אויף פּאָזיציעס פון קאָנסטרוקטיווער פיזישער אַרבעט און — פון טיפער ליבשאַפט און קלאָרער קריטישער פאַרשטענדעניש פאַר גייס־טיקער שאַפערישקייט.

דער שלאַנקער שיינער שניידער־געזעל מיט די טרויעריק־איראָ־נישע אויגן האָט פאַרמאָגט אַ קענטשאַפט פון דער וועלט־ליטעראַטור און אַן אַנאַליטישן כוח פון צעגלידערן אַ פּאָעטיש ווערק מיט וועלכן פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער האָבן אים געמעגט מקנא זיין. אויף וויפיל איך ווייס, האָט ער קיין מאָל גאָרנישט אָנגעשריבן און אַז ניט געדרוקט — דאָס איז זיכער. ער האָט בלויז גערעדט וועגן ליטעראַטור. און גערעדט האָט ער אויך ניט הויך אויף אַ קול פון דער טריבונע אַראָפּ, וואָרעם ער איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס פאַרבליבן מיט אַ בריענדיקער שעמעוודיקייט און אַ פלאַטערנדיקער מורא פאַר עפנט־לעכקייט. (די דאָזיקע אימתא דצבורא האָט נאָך מער פאַרשאַטנט מיט טרויער דאָס אויסגעאיידלטע פּראָפעסאָרן־פּנים פונעם שניידער־געזעלן). זיינע גרינטלעכע מיינונגען וועגן פּאָעזיע, וועגן דייטשער, פראַנצוי־זישער און יידישער פּאָעזיע פלעגט ער אַרויסזאָגן אין שטילע כמעט בלחשדיקע שמועסן מיט אַ חבר אויף לאַנגע ענדלאָזע שפּאַצירן איבער די בוקאַרעשטער יידישע גאַסן אָדער גאָר אין אַ געמיטלעכן געשפּרעך מיט עטלעכע פריינט אין טאַטנס ווערקשטוב אויף דער אויבערער סמאַרדאַן־גאַס אַנטקעגן דער קאָמערציאַל־באַנק.

ער איז געזעסן נטע ביי איינעם פון די לאַנגע אַרבעטס־טישן אין דעם גרויסן צימער אויפן ערשטן שטאָק, וואָס איז צו דער זעלבער צייט געווען זיינס און זיין טאַטנס וואוין־צימער, געהאַלטן אַ געניי אויף די קניעס און געלאָפן איבער אים מיט דער נאָדל מיט אומ־היימלעכער פלינקייט און דערביי שטיל און בנעימותדיק געמאַכט באַמערקונגען וועגן זיין באַרימטן רימבאָ, וועגן די דייטשע באַלאַדן־מייסטער, וועגן משה לייב דעם פּאָעט און אויך וועגן איציק מאַנגער, דעם דיכטער. פון די ווערטער וועגן איציקס לעצטן ביכל אָדער ליד האָט זיך ניט אַרויסגעהערט די פיזישע ברודערשאַפט צום פּאָעט, עס האָט זיך אין זיי בלויז געשפּירט אַן אינטענסיווע פרייד פון קינסט־לערישער הנאה, אַ פניהלאָזע הנאה פון רימבאָס, פון משה לייבס און פון איציקס ליד.

אַז איציק איז אין דער שטוב אַ שטיקל קרוב אויך, וועגן דעם האָבן דערציילט די פקחותדיק צעשמייכלטע אויגן פונעם דאָרן יידל, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ זייטיקן טיש מיט אַ שער אין האַנט און

צוגעשניטן געניי פּאַר די געזעלן. „זיין עקסעלענץ" האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער שער, אויסגעדריייט ס'פּנים מיט צופרידנקייט צו די שמועסער, אויפגעפּיקט אַ „געלערנט" וואָרט, עס אויסגעמישט מיט זיינס אַן אייגנס, אַן אינטים און וויציק וואָרט און אַזוי דערמאָנט חברה, אַז ער האָט אויך אַ חלק אין דעם ליטעראַרישן שמועס.

צופיל געזעלשאַפטלעך טעטיק איז נטע ניט געווען. ניט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט און נישט געהאַט די ליבשאַפט פאַר כלל־טוערייי. פונ־דעסטוועגן אַ לעקציע, אַ ליטעראַרישן אָוונט אָדער סתם אַ יידישיס־טישע אונטערנעמונג האָט ער כמעט קיין מאָל ניט פאַרפעלט. אַריינ־געקומען, זיך אָוועקגעזעצט ערגעץ גאַנץ־הינטן, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די בליקן. אָבער דער רעדנער, דער פאַרלייענער, דער שפּילער אויף דער טריבונע האָט אים געזוכט מיט די אויגן, אים געפונען ערגעץ אויף אַ באַנק און געפּרואווט לייענען אויף זיין פּנים דעם פסק, דעם ענדגילטיקן פסק וועגן וואָס און ווי אַזוי געזאָגט. און דאָס פּנים איז געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. בלויז אַ שטראַל פון אי־ראָניע האָט זיך טרויעריק געמינעט אין אַ ווינקל פון אויג און געקענט מיינען פּונקט אַזוי ניין ווי יאָ. וויפיל פרייד, וויפיל דערמונטערונג איז עס דערנאָך געווען פאַרן גדלותדיקן רעדנער, ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז דער בליק פונעם נחבא אל הכלימדיקן שניידער־געזעל האָט געזאָגט יאָ, אָדער כמעט יאָ.

פון אַזאַ אינטימער אויסגעבוגדנקייט פון פיזישער פּראַצע מיט גייסטיקייט האָט געחלומט לאַסאַל, פון אַזאַ מין שניידער־געזעל ביי־טאָג וואָס זאָל זיין אַ גייסט־געניסער אין אָוונט האָט ער געטרוימט ווי וועגן דעם מענטשן־טיפּ פון דער קומענדיקער פרייער געזעלשאַפט. אַזעלכע ווי נטע מאַנגער קען מען טרעפן אין די קבוצות פון עמק. אָבער נטע איז אין אַ געוויסער מאָס אויב ניט פון נאַציאָנאַלן איז פון ריין יחידישן שטאַנדפּונקט געווען צוזאָגנדיקער ווי יענער וואונדער־לעכער מענטש אין דעם ארץ־ישראלדיקן קיבוץ. יענער איז געקומען מיט אַ פאַרטיקן באַגאַזש פון גייסטיקע ליבשאַפטן צו פיזישער אַר־בעט, דער האָט מיט זיין פאַרטיקער שניידעריי געקלעטערט צום גע־נוס פון גייסט.

„וואו ביסטו, וואו ביסטו איצט מיין ברודער? —

האָט איציק אין לאָנדאָן פּאַראַויסגעזאָגט נטעס טויט ערגעץ אין אַ קאָלכאָז פון אוזבעקיסטאַן —

„דער אָוונט אין דער פרעמד פאַרכליניעט זיך מיט טרערן,
און גרויס און טרויעריק זיינען אַלע שטערן,
די בשורה־ברענגער פון מיין וואונד און וויי".

מיט וואָס קען איך אים טרייסטן, איך, וואָס כ'האָב נטען גע־שעצט און ליב געהאַט?

(1943)

דער תבואה-סוחר אבנר באַראַק

ער האָט שטענדיק אויסגעזען ווי ניט ער, וואָרעם ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער זון פון אַ פרום-יידישן טאַטן פון דער בעסאַ־ראַבישער קרייזשטאָט כאָטין און ער איז דאָ אין טשערנאָוויץ איינ־איינעם מיט אַזוי פיל אַנדערע יידן געווען אַריינגעטאָן אין די מסחרים אויף דער „פּאָסט־גאַס“, אָבער געהאַט האָט ער אַ פּנים גלייך ער זאָל זיך נאָר וואָס האָבן גרימירט פאַר אַן אויפטריט אויף דער בינע. באַראַקס פּנים איז געווען אַ באַוועגלעך לעבעדיקע מאַסקע אין וועל־כער פּאַטאָס און גראָטעסק האָבן געשפּילט מיטאַנאַנד און זיך געביטן נאָכאַנאַנד. די קעסאָקע אויגן זיינע האָבן זיך באַלד געכליניעט מיט דבקות און באַלד ווידער זיך שעלמיש און אַרויסרופעריש איבערגעוואונקען מיט אייך. אַרום דעם מויל וואו די הויט איז ביי אים געווען אויסגעצויגן און אויסגעקלעפּט עלעהיי פּליס־פּאַפּיר, האָבן נאָר וואָס, דאַכט זיך, געהויערט די תמימות פון יהודה שטיינבערגס „ר' איציקל תם“ און באַנטשעס צער פון דערשלאָגנקייט און אָט האָט זיך די פּאַנאָראַמע לגמרי געביטן: דאָס פלאַכלאַנד אַרום די ליפּן האָט זיך גענומען בערגלען ביז צו דער נאָז און נאָך העכער און עס טאַנצט דאָרט פאַרשייט אונטערוועל־טישע וואוילויגערישקייט.

און באַראַקס זעלישע אַספּיראַציעס זיינען געגאַנגען אין שפּאַן נישט מיט די האָוועניש אויף דער פּאָסט־גאַס, נאָר מיט די קינסט־לערישע טועניש אויף זיין פּנים. אָפּגעדינט אַ גאַנצן ליבן טאָג דעם גאָט פון מסחר האָט ער זיך אויף דער נאַכט און אין די פרייע טעג פון שבת און זונטיק אַרויפגעכאַפּט אין „יידישן שול־פאַראיין“. און דאָרט האָט מען כמעט תמיד געגרייט אַ פאָרשטעלונג אָדער מען האָט זיך לכל הפּחות געדעשט מיט עפּעס אַ טעאַטער־פּלאַן.

צום ערשטן מאָל איז באַראַק באַקאַנט געוואָרן אין טשערנאָוויץ ווי אַ טעאַטראַל ביי די קינדער־פאָרשטעלונגען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אליעזר שטיינבאַרג. ער האָט שטיינבאַרגן געהאָלפן אינסצעניר׳ן זיינע קינדער־פּיעסן „מכירת־יוסף״, „יוסף דילה רינה״ און „יוסף מוקיר שבת״. אויף וויפיל איך געדענק האָט באַראַק אין די דאָזיקע פּיעסן בלויז איינמאָל מיטגעשפּילט. דער פּרינציפּ איז געווען אַז ווי ווייט מעגלעך זאָל מען אויסמיידן די באַטייליקונג פון דערוואַקסענע און דערצו פון פאַלנע שוישפּילער אויף דער בינע.

און פּונקט ווי מען האָט שפּעטער ווען באַראַק איז געוואָרן דער „סטאַר״ פון אַלע נישט־פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־פּרוּוון אין טשערנאָוויץ נישט געקאָנט אויפהערן צו שטוינען פון וואַנעט עס נעמט זיך צו „אַ ייד פון דער פּאָסט־גאַס״ אַזאַ וואונדערלעכע פאַלנע טעאַטראַלישקייט, אַזוי האָט מען דעמאָלט ביים אָנהויב פון באַראַקס טשערנאָוויצער טעאַטער־אויפשטייג נישט געקאָנט גענוג זיך אָנחידושן מיט וויפיל געמיט און מיט וויפיל דינער שפּירעוודיקייט אַ יונגערמאַן, אַ פאַרהאָוועטער אין תבואה־מסחר האָט זיך אַריינגעלעבט אין שטיינבאַרגס פאַנטאַסטישע מעשהלעך און מיט וויפיל פּלאַסטישן כוח פון רעזשיסאָרישער וויזיע ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער בינע. אבנר באַראַק איז געווען דער פאַקטישער רעזשיסאָר און ער האָט אין איינעם מיט שטיינבאַרגן געזאָרגט אַז עס זאָל סצעניש נישט פאַרלויר׳ן גיין דאָס עלנט פאַרבענקטע, דאָס אומרואיקע און דאָס פאַרחלומטע, דאָס אייביק מעשהדיקע פאַר קינדער און דערוואַקסענע, וואָס שטיינבאַרג האָט עס אָנגעשריבן ווי אַ מאָטאָ צו די דערמאָנטע פּיעסעס אין פּראָלאָג פון „מכירת יוסף״:

קוקט אַראָפּ זיך אַ לבנה
פון גאָטס בלויער הייך
און זי בלאָנדזשעט ווי אַ יתום
טרויעריק און בלייך.
וואָס־זשע פעלט איר? וואָס־זשע בענקט זי?
גאָט איין גאָט ער ווייסט!
קום לבנה, העלף מיר זוכן
מיר און דיר אַ טרייסט!

דעם קלימאַקס פון זיין שוישפּילערישער באַרימטקייט אין טשער־נאָוויץ האָט באַראַק דערגרייכט אין די דרייסיקער יאָרן אין שמחה שוואַרצס קליינקונסט־בינע „קאַמעלעאָן״. דער אַמאַטאָרישער קליינ־קונסט־טעאַטער אויפן נאָמען פון יענעם מאָדנע חיהלע, וואָס גאָט האָט עס באַשאַנקען מיט דער אַקטיאָרישער גאָב צו בייטן די פאַרבן אויפן לייב לויט די עמאָציעס וועלכע עס לעבט איבער, האָט ניט געהערט ניט צו שוואַרצן און ניט צו באַראַקן. דער טעאַטער איז געשטאַנען אונטער דער השגחה און אונטער דער פאַרוואַלטונג פונעם „יידישן שול־פאַראיין״, נאָר וואָדען? שמחה שוואַרץ האָט די אָרי־גינעלע נומערן כמעט דורכאויס אַליין אָנגעשריבן און די „אויסגעליענע״, מייסטנס פאָלקס־מאָטיוון און פאָלקס־לידלעך האָט ער סצעניש צו־געפּראַוועט, איבערגעאַרבעט און פאַריכט. אַחוץ דעם איז שוואַרץ אויך געווען דער הויפּט־קאָמפּאָזיטאָר פון דער טרופּע, צום טייל דער מאָלער פון די דעקאָראַציעס און אין איינעם מיט באַראַקן דער רעזשיסאָר.

דער „קאַמעלעאָן״ אַליין, כ׳מיין, דער וואָס האָט צו דער הנאה און צו דער באַגייסטערונג פונעם טשערנאָוויצער טעאַטער־עולם אַזוי וואונדערלעך געביטן די פאַרבן אויף דער בינע און אויסגעדרוקט אַלע מאָל נייע מענטשלעכע עמאָציעס — איז געווען אַבנר באַראַק. אָט איז ער געווען אַ שטאָט־תקיף מיט אַלע ניואַנסן פון סאָציאַלער חשיבות און גאווה און אָט איז דער צווייטער נומער און אבנר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „הוליע־קבצנדיקן״ שניידער־געזעלן וואָס זינגט אַ סע־רענאַדע זיין רייזעלען און דער עולם — דער עולם לאָזט דעם זינגער ניט אַראָפּ פון דער בינע. מיט אַזאַ ליבלינג פון פּובליקום ווי אבנר באראק האָט דער „קאַמעלעאָן״ געקענט ווערן דער ערשטער אַמאַטאָ־רישער טעאַטער, וואָס האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון טשער־נאָוויץ און אונטערגענומען אַ טור פון דערפאָלג און ענטוזיאַזם אי־בער שטעטלעך פון דער בוקאָווינע און פון בעסאַראַביע.

אוודאי האָט אַבנר געהאַט די פולע אָנערקענונג פון טעאַטער־פּראָפעסיאָנאַלן און אַפילו פון דער העכסטער יידישער טעאַטער־אויטאָריטעט אין רומעניע — פונעם פּאָעט און רעזשיסאָר יעקב שטערנבערג, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן אויסגעמיטן אַלע נסיונות און איז געבליבן מחוץ פון פּראָפעסיאָנאַליזם.

פאַר צודרינגלעכע פרעגערס, וואָס האָבן דווקא געוואָלט וויסן פאַרוואָס, האָט באַראַק געהאַט אַ פאַרטיקע טעאָריע: פּראָפעסיאָנאַליזם פירט איבער קינסטלערישקייט. חיונה — האָט ער געטענהט — דאַרף מען ציען פון טאַלאַנטלאָזיקייט. און ער האָט אויף זיך אַליין עדות געזאָגט אַז ער האָט וויניק וואָס באַגאַבונג צו תבואה־מסחר. און ס׳האָט טאַקע געקערט זיין אמת, וואָרעם גרויס פּרנסה האָט ער פון דער „פּאָסט־גאָס" נישט געהאַט.

אָבער מיר האָט זיך תמיד געדאַכט אַז זיין איין־און־דערזעלבי־קער ענטפער צו זיינע פרעגערס איז נישט מער ווי אַ תירוץ. דעם אמת האָט ער זיך געשעמט אויסצוזאָגן, און דער אמת איז געווען אַז ער איז אין תוך געבליבן ער הינטער זיין פּנים־מאַסקע. און ער איז מיט אַלע זיינע נאָכזאָגעכצער פון פרעמדע וועלטלעכע רייד גע־ווען דער פרומער זון פון אַ פרומען לומדישן טאַטע און דער מאַן פון חוהלע פרידמאַן. און חוהלע פרידמאַן האָט טאַקע געקענט רעדן כמעט אַזוי וועלטלעך ווי אבנר, אָבער יעדעס וואָרט אירס און יעדער זשעסט אירער האָט עדות געזאָגט אַז זי איז דעם סאַדעגערער רבינס אַ טאָכטער און דעם וויזשניצערס אַ פּלימעניצע.

דער פרום־לומדישער זון און דער רבישער איידעם האָט זעליש נישט געהאַט דעם קוראַזש צו ווערן אַ „פּראָפעסיאָנאַל פון לצנות". ער האָט זיך קאָמפּענסירט מיט פּלענער וועגן טעאַטער און האָט נישט אויפגעהערט צו חלומען אַז ער וועט אין איין שיינעם טאָג האָבן גענוג מוט פורץ גדר צו זיין.

די דייטש־סאָוועטישע מלחמה האָט באַראַקן אָפּגעריסן פון זיין לומדישן און פון זיין גוט־יידישן שורש און אים פאַרטראָגן פון טשערנאָוויץ קיין אוזבעקיסטאַן. איך שטעל מיר פאָר אַז אין דער סאָוועטישער אַטמאָספער זיינען בטל געוואָרן אַלע זעלישע מניעות און אַז דאָרט וואָלט אבנרן לייכט געווען אַריבערצוגיין צו טעאַטער־פּראָפעסיאָנאַליזם. אָבער אי ער און אי די יידישע בינע האָבן קיין מזל נישט געהאַט. דער טויט איז פאַרלאָפן דעם וועג.

דער „זבאַראַזשיאַנער"

די בוקאַרעשטער יידישע גאַסן וואַקאַרעשט און דודעשט זיינען באַגלייך מיט די וואַרשעווער נאַלעווקיס און מיט דער ניו־יאָרקער איסט־סייד געוואָרן אַ שם דבר אין דער יידישער ליטעראַטור. וועגן בוקאַרעשטער יידישע גאַסן זינגט איציק מאַנגער:

און געאָרעמט קאַטשען זיך
קאַלעאַ וואַקאַרעשט, דודעשט.
פאַרביק ווי אַ רעגנבויגן,
ברענען זייערע קרעטשמע־אויגן.

אַמאָל, אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן יאָר־הונדערט, האָבן די אויגן פון די וואַקאַרעשטער קרעטשמעס געברענט אַ סך העלער און ליידנשאַפטלעכער ווי ווען ס׳איז. געהויבענע אויס־לענדישע געסט זיינען דאָרט נאַכט פאַר נאַכט געזעסן און האָבן דעקלאַ־מירט און געזונגען יידישע לידער פאַר די בוקאַרעשטער בלעכערס, נאַפט־סוחרים און מיליטער־ליפעראַנטן. ציפּקער אָדאָבעשטער וויין האָט געפינקלט אין די גלעזער. אויף קוילן געבראָטן פלייש האָט געאָטעמט מיט שאַרפע אַפּעטיטישע ריחות. פון אַלע טישן אַרום האָבן אויערן זיך געשפּיצט אויפצוכאַפּן קלאַנגען. פון דרויסן האָבן אויגן באַלאַ־גערט אַלע פענצטער, געוואָלט דערזען אים, וואָס איז געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטער און אַ פייערלעכער מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און פון זיין גילדן מויל האָבן זיך געשאָטן יידישע און צומאָל אויך הע־ברעאישע גראַמען. עס זיינען געווען לידער אָנגעלאָדענע מיט ליאַ־רעמדיקן שפּאָט קעגן „גוטע יידן" און גבירים, אָבער אויך מיט שטילע זיפצן פון טרייסט פאַרן אָרעמאַן. וועלוול זבאַראַזשער־ערענקראַנץ (אַזוי האָט געהייסן דער ערשטער גרויסער קולטור־גאַסט פון אַלט־

רומענישן יידנטום) האָט פון די וואַקאַרעשטער קרעטשמעס געטראָגן פאַר די פראָסטע אָבער לעבנס־האַפערדיקע וואַלעכישע יידן די בשורה פון יידיש ליד און די פאָטערשאַפט פון אַ יידיש־ליטעראַטור ערגעץ ביים סאַמע עק וועלט פון אייראָפּע ביי די ברעגעס פונעם אונטערשטן דונאַי און פונעם שוואַרצן ים.

די שווער פון די זעלביקע קרעטשמעס האָט אַ צענדליק יאָר דערנאָך אַריבערגעטראָטן, פונקט אַזאַ אויסגעפוצטער און זיכער מיט מער זעלישער חשיבות, דער פאָטער פונעם יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען.

אַ האַלב יאָרהונדערט שפּעטער האָט דער וואונדערלעכער ריטער פון דער יידיש־באַלאַדע איציק מאַנגער נישט איין נאַכט פאַרבראַכט ביי די שיבה־טובה־טישן פון שטאַרפערס קרעטשמע אויף וואַקאַרעשט, געטוליעט זיין אומעט צו וועלוולס שאָטן און געטרונקען אויפן חסידישן שטייגער תיקון פאַר זיין נשמה.

גאָלדפאַדענס ליד האָט זיך פאַרקליבן צווישן די ווענט פון אַלטן טעאַטער־בנין „זשיגניצע" און איז מיט דער צייט געוואָרן צומאָל נאָר אַ פאַראַדע־גאַסט ביי מאָדערנע ליטעראַרישע אָוונטן. פון איציק מאַנגערס טרויעריקע פערזן איז פאַרכאַפּט געוואָרן די יוגנט וואָס איז אַהער צוגעוואַנדערט פון בעסאַראַביע און פון בוקאָווינע.

אין די קרעטשמעס האָבן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין געדרעמלט מיט בענקשאַפט בלויז זבאַראַזשערס חוזק־ און מוסר־סטראָפעס ווי הוליאַקעס אויף אַ גאַנצן דור פאַרזעסענע.

אין דרויסן האָט געהילכט אין ווילדן דזשאַז־טעמפּאָ עפּעס אַ רו־מעניש טעאַטער־לידל. אין דרויסן האָבן יידישע יינגלעך און מיידלעך אונטערגעברומט אַ זיסלעך־סענטימענטאַלן רומענישן ראָמאַנס, אָדער זיך געקוויקט דאָס האַרץ מיט אַ נאָגנדיקער רומענישער דאָינע. ביי שטאַרפערן אין קרעטשמע האָט אַן אַלטער צימבאַליסט, וואָס האָט נאָך געקענט וועלוולען, געקלאַפּט מיט די אַלטע פינגער אויף די נאָך עלטערע סטרונעס און באַגלייט זיין באַליבטע טאָכטער (אַ וויסטע עגונה, וואָס האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג ביי וועש) צום געזאַנג פון וועלוול זבאַראַזשערס לידער. איבער דער וואָך זינגט אויס די באַ־ליבטע פרימאַדאָנע כמעט גאַנץ „מקל נועם" און „מקל חובלים" און

אין אַלע בײנאַכטן זײנען עס כמעט די זעלביקע מענטשן, װאָס זיצן בײ די טישן און װערן נישט מיד צו הערן „דער באַנקראָט", „דער פילאָזאָף" און צום אַזױפילטן מאָל די מעשה, װאָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן רוזשינערס זון דעם לעאָװער רבי ר׳ בער.

דאָס זײנען די לעצטע לעבנגעבליבענע װעטעראַנען פון װעלװל זבאַראזשערס „גראַנד אַרמע"! מער איז קײנער נישטאָ! — פלעג אין נוסח פון אַן עפעקטפולער בינע־רעפּליק אַ זאָג טאָן מיט אַ ביסל עכטן טרויער און מיט אַ סך טעאַטראַלישן פּאַטאָס דער אַלטער לודוויג ווי נאָר ער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון שטאַרפערס קרעטשמע. לודוויג — אויף דער עלטער טאַקע נישט מער ווי אַ דינער ביי דער בני־ברית־לאָזשע האָט אין דער יוגנט געשפּילט טעאַטער און איז איצט פון צייט צו צייט אַריינגעקומען אויף „אינספּעקציע" צו שטאַרפערן און געוויזן דער פּרימאַדאָנע (אַז מען האָט אים געלאָזט) ווי אַזוי מען דאַרף זינגען וועלוולס לידער.

ס׳איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך דעם אַלטן לודוויגס טויט ווען כ׳האָב אַנטדעקט נאָך אַ „זבאַראַזשיאַנער" און מחוץ פון דער „גראַנד אַרמע" אין שטאַרפערס קרעטשמע.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַדאָלף ברוינשטיינען, איז ער שוין געווען אַ זקן מופלג. ער האָט גערעדט רומעניש אָן אַן אַקצענט און אויסגעזען האָט ער ווי אַ פּענסיאָנירטער באַנק־דירעקטאָר. ס׳איז גאָרנישט געווען קיין יידיש׳ס אין זיין געשטאַלט. אַפילו די עובר ובטלדיקייט זיינע וועלכע האָט זיך אָפּט געוואָרפן אין די אויגן, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ גויישער. זי איז געווען אַן אָנגעגוידערטע, שטייפע, און האָט דערציילט וועגן אָרדענס און אַנדערע גויישע ניסים ונפלאות. ס׳האָט מיר נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער אַלטער אַדאָלף איז קראַנק אויף זבאַראַזשערס לידער און אַז אויף וויפיל דער זכרון טראָגט אים, קאָן ער זיי אַלע אויף אויסווייניק. צופעליק, גאַנץ צופע־ליק האָט ברוינשטיין דערזען ביי מיר אין האַנט אַ יידיש ביכל. זינט דעמאָלט בין איך געוואָרן זיינער אַ מקורב. ער האָט זיך ניט איין מאָל געשוואוירן, אַז איך בין ביי אים גלייך ווי אַן אייגן קינד, אָבער

אַפילו פאַר די אייגענע קינדער. פאַר וועלכע קיין זאַך איז נישט געוועזן צו טייער, האָט דער אַלטער ברוינשטיין פאַרבאַהאַלטן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: זבאַראַזשערס „מקל נועם". מיר איז דאָך געלונגען אויסצולייען דאָס ביכל אויף עטלעכע טעג און... איך מוז ביי מיין אַלטן פריינד, וואָס איז שוין אויפן עולם־האמת, בעטן מחילה. איך האָב געפעלשט אָן אים און אין דעם צוטרוי, וועלכן ער האָט מיר אַרויסגעוויזן. איך האָב דאָס ספרל אָוועקגעשיקט צום „וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע". דאָרט האָט מען די ביבליאָגראַפישע זעלטענקייט איבערגעדרוקט און דעם אָריגינאַל ערשט אַ יאָר שפּעטער אומגעקערט. איך בין נישט מגזם, ווען איך זאָג, אַז אין דעם יאָר בין איך אויסגעשטאַנען חבוט הקבר. ברוינשטיין האָט מיר באַזוכט כמעט טעגלעך און מיט מיר גערעדט וועגן זבאַראַזשערן און זיך נאָכגעפרעגט נאָכן „מקל נועם". פון איין זייט איז ער געווען שטאָלץ, וואָס איך האַלט אַזוי לאַנג דאָס ביכל, אַ סימן ס׳געפעלט מיר. פון דער אַנדערער זייט איז אים, ווייזט אויס, די צעשיידונג מיטן איינציקן יידישן ספרל אין זיין שאַפע געווען ווייטאָגלעך און אין זיין אַלט האַרץ האָט געגראַבלט דער חשד, אַז איך האָב עס פאַרלוירן.

אין משך פון דעם יאָר פון שולד־געפיל און שטענדיקע אויסריידן און תירוצים בין איך היפשלעך זאַט געוואָרן פונעם אַלטן ברוינשטיין. איך האָב געהאַט דאָס באַדערפעניש אים לכל הפחות אַ יאָר אָדער מער נישט צו זען. זיין באַדערפעניש זיך מיט מיר צו באַגעגענען איז, ווייזט אויס, אויך שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן. ער האָט זיך ערגעץ אַרויסגעצויגן אין אַן אַנדערן טייל פון שטאָט, ביז...

אין איינעם אַ מילדן טאָג פון חודש מאַי (עס איז געווען מיט אַ דריי, פיר יאָר צוריק) שפּאַנט מיט די לעצטע כוחות אַרויף די טרעפּ צו מיין ביורא דער אַלטער אַדאָלף ברוינשטיין. איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אויסנעמלעכס פירט אים היינט צו מיר. ער איז געווען מער צעקנייטשט ווי תמיד און זיין פנים האָט זיך געמינעט מיט פאַרדעכטיקע יענוועלטישע קאָלירן. ער איז תיכף צוגעגאַנגען צום ענין. דעם „מקל נועם" — האָט ער מיר דערציילט — האָט ער אַנומלטן אָוועקגעשיקט צו זיין זון קיין ארץ ישראל. און וואָס פירט אים צו מיר נאָך אַזאַ מין אַרויסגעוויזענער אומפריינטלעכקייט?

עס זיינען פֿאַראַן עטלעכע לידער פֿון וועלוולען, וואָס קומען ניט פֿאָר, ניט אין „מקל נועם" און ניט אין „מקל חובלים" און וואָס ער געדענקט זיי אויף אויסווייניק. איז ער געקומען מיך בעטן, איך זאָל זיי פֿאַרצייכענען. ער נעמט זאָגן שורות און איך פֿאַרצייכן. נאָך דער פֿערטער שורה בלייבט דער אַלטער שטיין. ווייטער האָט ער פֿאַרגעסן. ער וועט זינגען, וועט ער זיך דערמאָנען. די מעלאָדיע האָט אַרויסגעבראַכט די פֿינפֿטע שורה און... ער וועט דערווייל איבערלאָזן דאָס ליד און זאָגן דאָס אַנדערע. אפֿשר וועט ער זיך אין צווישן דערמאָנען די פֿערזן פֿונעם ערשטן, וואָס איז כּדאַי ס'זאָל בלייבן, ווייל ס'איז אפֿשר וועלוולס שענסטע ליד. ביים צווייטן ליד האָט דער זכּרון געדינט בלויז ביז צוויי שורות. דער ניגון האָט געראָטעוועט די דריטע. ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. דער אַלטער איז געבליבן אַן אָפּהענטיקער, אַ פֿאַרשעמטער און אַ פֿאַרצווייפֿלטער. איך האָב אים געפּרוּווט טרייסטן: נישט היינט, איז מאָרגן, איבערמאָרגן.

ברוינשטיין האָט אָפּגעווערט מיין נחמה. היינט, גראָד היינט, האָט ער געוואָלט. היינט איז ער אַלט געוואָרן 80 יאָר. די טעג זיינען געציילטע און דאָס גיין איז שווער, זייער שווער. און טאָמער פֿאַרמאַך איך די אויגן — האָט ער פּלוצעם געגנומען ריידן אַ זאַפּטיקן יידיש — לעשן זיך אויס די צוויי לידער וועלוולס, און אַ שאָד, זיי זיינען זייער שיינע. איר זאָלט געהערט ווי וועלוולען האָט געזונגען די לידער...

צען טעג שפּעטער איז געווען אַדאָלף ברוינשטיינס לוויה. קרובים זיינע האָבן מיר דערציילט, אַז די לעצטע צוויי טעג פֿאַרן טויט זיינען אים די ליפּן נישט געשטאַנען אַ מינוט, ער האָט געפּרוּווט נישט אַנדערש ווי זינגען... איך האָב פֿאַרשטאַנען: דער אַלטער האָט זיך אַלץ געמוטשעט צו דערמאָנען די צוויי לידער, זיי געוואָלט אָפּראַטעווען פֿון אויסלעשן. נישט באַשערט געווען אים צו וויסן, אַז זיין וועלוול־ליבשאַפֿט האָט זיך אומזיסט געשראָקן. די צוויי לידער, ביי וועלכע דער זכּרון האָט דעם אַלטן ברוינשטיין אַזוי אָן בושה פֿאַרלאָזן, זיינען פֿאַראַן, זיי לעבן, זיי קומען ביידע פֿאָר אין „מקל חובלים".

(1940)

דער נייעס-דאָקטאָר

אַ מעדיקער וואָס האָט צוליב זשורנאַליסטישער ליידנשאַפט אַוועקגעוואָרפן זיין פּראָפעסיע, האָט זיך דר. בלומענפעלד אין דער רומענישער פּרעסע ספּעציאַליזירט, אַזוי צו זאָגן, אויף דער פּאָליטישער קליניק.

ער האָט אָנגעהאַלטן נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט אַלע באַרימטע נעמען אין רומעניעס פּאָליטישן לעבן. ער איז געווען קודם זייער אינטערוויוער און דערנאָך זייער פּאַרטרויענסמאַן. פֿאַר אים האָבן זיך די פּירער פון די ליבעראַלן און פון דער פויערים־פּאַרטיי אַראָפּגערעדט פון האַרץ. פֿאַר אים האָט מען אויסדערציילט די צרות און אים האָט מען אַריינגעשושקעט דאָס ביסל רכילות, וואָס דריקט אונטערן לעפּעלע און בריט ווי מיט קראָפּעווע די באַרעדעוודיקע צונג פון אַ לאַטייניש פּאָליטיקער. בלומענפעלד האָט געקאָנט האַלטן אַ סוד און נאָך מער האָט ער פאַרשטאַנען ווען, וועמען און ווי אַזוי אים צו דערציילן. צושניידן אַן אינטריגעלע, וואָס זאָל אָנמאַכן אַ פּאָליטישע אָדער פּערזענלעכע מחלוקה—אויף דעם זיינען רומענישע פּאַרטיי־טוער זיכער געווען גרעסערע בריות פון בלומענפעלדן; אָבער דערציילן אַ געשמאַקן ליגן, וואָס זאָל מיטאַמאָל צונויפשמייכלען צוויי ברוגזע פּאָליטישע פּנימער, דאָס האָט קיינער ניט געקאָנט בעסער פון קלמן בלומענפעלדן. אונטערן פּען־נאָמען סקרוטאַטאָר איז דר. בלומענפעלד געוואָרן דער פּאָטער פונעם הינטער־קוליסן רעפּאָרטאַזש אין דער רומענישער פּרעסע.

פון זיינע פּאָליטישע איבערבליקן אין דער נאָכמיטאָג־צייטונג „אַדעווערול" (דער אמת) פלעגן די רעגירונגס־מענטשן געוואויר ווערן פון די געהיימע וואונטשן פון זייערע אָנהענגער, און די אָפּאָזיציע האָט געקאָנט וויסן ווי הויך עס נאָטירט גראָד היינט אויף דער פּאָליטישער

בירזשע גרעסערער און קלענערער פאַראַט און ווי ביליג עס צאָלט זיך פאַרטייאישע געטריישאַפט און פראַגמאַטישע אויסגעהאַלטנקייט. „אין קרייזן, וואָס שטייען נאָענט צו דער רעגירונג", האָט בלומענפעלד געשריבן אין אַ טאָן פון אַ נעבעך אָביעקטיוון נייעס־אויסגעפינער, „רעדט מען דערפון, אַז דעפּוטאַט עקס וועט אין גיכן אַריין אין קאַ־בינעט. דער פּרעמיער — זאָגט מען — וויל באַנייען זיין קאַבינעט מיט יונגע קרעפטן". אין די זעלביקע קרייזן — דערציילט ווייטער סקרוטאַטאָר — „גיט מען איבער, אַז מען האָט דעם סענאַטאָר איפּסילאָן פון דער אָפּאָזיציע אָנגעבאָטן דעם אַמט פון וויס־פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל־באַנק. דער סענאַטאָר איפּסילאָן וועט פאַרלאָזן זיין פּאַרטיי און זיך צוריקציען פון פּאָליטיק". פון אָט די „אָביעקטיווע" נייעסן איז דער פּרעמיער געוואויר געוואָרן, אַז דעפּוטאַט עקס האָט שוין פאַרלוירן די געדולד און קאָן אָפּטאָן אַ שפּיצל אויב ער וועט אים ניט באַצייטנס באַפרידיקן מיט אַ קאַבינעטס־פּאָסטן. פון די זעלביקע נייעס האָט זיך דער סענאַטאָר איפּסילאָן פון דער אָפּאָזיציע דערוואוסט, אַז די רעגי־רונג איז גערן פּטור צו ווערן פון זיינע רעדעס אין סענאַט און איז גרייט דערפאַר צו באַצאָלן.

בלומענפעלד האָט לויט זיין טעמפּעראַמענט, זיכער ניט געהערט צו די, וואָס פאַרליבן זיך אין אידייען און פּרינציפּן און שטעלן מיט זיי אַ חופּה. ער איז קיין מאָל נישט געוועזן קיין פּאָליטישער חתן. ער איז אַלעמאָל געוועזן אַ פּאָליטישער שדכן. אַ סך פּאָליטיקער האָבן אים אויס־גענוצט, און ניט איין מיניסטער און פאַרלאַמענטאַריער האָט אים געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין קאַריערע. בלומענפעלד איז ניט געווען קיין פּאָליטישער טראַכטער, אָבער דערפאַר אַ געטרייער באַוואונדערער און נאָכזאָגער.

בלויז אין צוויי פראַגעס האָט זיין געזונטער אינסטינקט און זיין דיאַגנאָסטישער חוש אַריבערגעוואויגן אַלע שאַרפזיניקע פאָרמולעס און אַלע מאַקיאַוועלישע קאָמבינאַציעס פון זיינע פּאָליטישע בעלי־בתים. ער האָט ביי זיי געמאָנט אַ קלאָרע און איינדייטיקע שטעלונג צו דער אייזערנער גוואַרדיע און אַנטיסעמיטיזם. ער האָט מיט זיי געקנעלט, אַז חנדלען זיך צו נאַציזם אָדער מאַכן קאָנצעסיעס דעם אַנטיסעמי־טיזם, הייסט גראָבן אַליין פאַר זיך דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן

קבר. האָבן די פּאָליטיקער געשמייכלט און גוטמוטיק געמוסרט זייער ייִדישן נייעס־דאָקטאָר, אַז ער איז, ווייזט אויס, אויף דער עלטער גע־וואָרן אַן אידעאַליסט, און פונדעסטוועגן זיך צומאָל פּאַרטראַכט וועגן זיינע רייד. די גאַנצע ווילדע שנאה פון די גאַרדיסטן און קוזיסטן האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דר. בלומענפעלדן. קלמן — האָבן די כוליגאַנעס געהירזשעט — און מיט דעם נאָמען אויסגעדריקט פאַר־אַכטונג און האַס צו „ייִדישער חוצפּה", וואָס דערוועגט זיך צו מישן אין „רומעניש־נאַציאָנאַלע ענינים" און צו באַדינען די רומענישע דע־מאָקראַטיע מיט אַ ביסל קלאָרקייט.

פאַרוואָס איז בלומענפעלד ניט באַצייטנס אַוועק פון רומעניע? ווייל ערגעץ־וואו, הגם ער האָט קלאָר און ניכטער משיג געווען דעם באַרג־אַראָפּ פון דער רומענישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ער ניט גע־גלויבט, אַז רומענישע מענטשן, וועלכע ער האָט באַוואונדערט און ליב געהאַט, זיינען אימשטאַנד צו רעגירן אַלאַ הימלער און געבעלס. ער האָט געגלויבט אין דער כאַראַקטער־מילדקייט פונעם רומענישן מענטש. ערגעץ־וואו איז דער ציניקער בלומענפעלד (זאָל ער מיר מוחל זיין!) דאָך געווען ניט נאָר אויף דער עלטער, נאָר אפשר ס׳גאַנצע לעבן־לאַנג אַן אויסגעהאַלטענער ייִדישער אידעאַליסט.

פאַר אָט דעם אידעאַליזם האָט ער אונטערן גאַרדיסטישן רע־זשים באַצאָלט מיט זעלבסטמאָרד.

(1940)

משה שוואַרצפעלד

(הונדערט פופציק יאָר יידיש לעבן אין רומעניע)

לייב, בנימין און משה שוואַרצפעלד — זיידע, טאַטע און זון — דריי דורות און הונדערט פופציק יאָר יידיש לעבן אין אַלט־רומעניע.

וועגן לייבן, דעם זיידע איז בלויז דאָ צו דערציילן אַז ער איז ביים סאַמע אָנהויב פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען אַ ייד אַ באַ־לעבאָס, אַ ייד אַ לערנער און אויך אַ שטיקל דעה־זאָגער אין איינער פון די הייליקע קהילות אין פירשטענטום מאָלדאַוויע.

אין יענע יאָרן ווען לייב שוואַרצפעלד האָט אויפגעשטעלט און געפירט אַ הויז אין דער יידישער באָטאָשאַן זײַנען די צוימען פון פרו־מער יידישקייט אין די מאָלדאַווישע קהילות געווען גאַנץ און אָן אַ שום סימן פון אַ שפּאַלט. איבער דער פעסטונג פון דער אומפשרהדיקער יידישקייט אין דער קרוינשטאָט יאַס און אין די אַנדערע קהילות פון מאָלדאַוויע האָט געקיניגט מיט גרויס אַנזען און תקיפות דער לעצטער „חכם באַשי" פון מאָלדאַווישן לאַנד, דער אַפּטער רב.

אָבער עס זײַנען אַוועק קוים צוויי צענדליק יאָר זינט עס האָט זיך פאַרענדיקט מלכות אַפּט אין יאַס, כ'מיין זינט דער אַפּטער האָט פאַר־לאָזן זיין שטול פון רב המדינה אין מאָלדאַוויע און האָט זיך אומגע־קערט אַהיים קיין רוסלאַנד און — „אייראָפּע" האָט גענומען לעכערן די סאָלידע וואַנט פונעם אַלטן פרום־שטייגערישן לעבן אין די מאָל־דאַווישע קהילות. עס האָבן זיך געיאָוועט השכלה־דרייסטקייטן וואָס האָבן קודם פאַרחידושט, דערנאָך ארויסגערופן פאַרדראָס און צולעצט געפירט צו ביטערע און עקשנותדיקע געזעלשאַפטלעכע מלחמות.

לייב דער זיידע איז יונג געשטאָרבן. ער האָט אַזוי אָרום פאַר־

שפּאָרט אי דעם פּאַרדראָס פון די אויפגעקומענע נייע פּירעכצער און נאָך מער דעם עגמת נפש וואָס איינער פון די סאַמע שטורעמדיקסטע „אָראַפּפירער פון וועג" איז געווען זיין בכור בנימין.

ווען בנימין, דער טאַטע וואָס איז געוואָרן דער אידעם פונעם יאַסער גביר מעכל פינקעלשטיין — דערציילט אונדז משה, דער זון אין אַ ביאָגראַפישער סקיצע*) — „האָט ביי דער חתונה אין 1850 געטראָגן אַ צילינדער אַנשטאָט אַ שטריימל און אַ „גייראָק" אַנשטאָט אַ קאַפּטן, איז דאָס געווען אַ גרויסע סענסאַציע. ס'האָט זיך ביז דעמאָלט קיינער אַזוינס נישט דערוועגט".

דריי יאָר שפּעטער האָבן בנימין שוואַרצפעלד און נאָך עטלעכע יונגעלייט מיט אים, געוואָגט שוין מער ווי אַ צילינדער און אַ „גיי־ראָק". זיי האָבן געגרינדעט אַן איזראַעליטיש־רומענישע שול פאַר יינגלעך און דערויף האָט די פרומע יאַסער קהילה געענטפערט שוין נישט בלויז מיט אַ געפּיל פון סענסאַציע, נאָר מיט קאַמף און מיט שטראָף.

טאָקע אין דער דערמאָנטער ביאָגראַפישער סקיצע ווערט איבער־געגעבן ווי אַזוי דער דעמאָלטיקער יאַסער מורה הוראה הרב טויבעס האָט אום פּסח 1853 מחרים געווען די גרינדער פון דער „איזראַע־ליטיש־רומענישער שול", האָט זיי אַלעמען דערקלערט פאַר אַרויס־געשטויסן פונעם כלל ישראל און האָט פאַרבאָטן מל צו זיין זייערע קינדער.

געזיגט האָבן מיטן כוח פון מלכות אין מאָלדאַוויע און נאָך מער אין וואַלאַכיע נישט די חרם־לייגער, נאָר די אין חרם־געלייגטע משכילים און „לייפּציגער דייטשן".

עס איז געווען אַ טרויעריקער זיג. וואָרעם דער נצחון פון דער השכלה האָט אין אַלט־רומעניע מער ווי אין די שכנותדיקע לענדער אָוועקגעפירט די יידישע יוגנט אַ מוראדיק שטיק וועג צו יידישער קולטור־פרעמדקייט, צו עם־הארצות און צו אידעאישער אַסימילאַציע.

---

*) „בנימין שוואַרצפעלד", אַ ביאָגראַפישע סקיצע פון משה שוואַרצפעלד אין „יאַרבוך פאַר איזראַעליטן" פאַר תרנ"ז—תרנ"ט, בוקאַרעשט, 1898 (רומעניש).

אַז פאַר זיי אַליין, די טאַטעס, די יאַסער רעבעלן פון 1853 און פאַר זייערע מער ראַדיקאַלע קאַמף־חברים, די בוקאַרעשטער מלבי״ם־אַרויסטרייבער פון 1864 איז דער דאָזיקער גרויסער זיג, אויף וויפל זיי האָבן דערלעבט זיינע רעזולטאַטן, זיכער געווען צו גרויס און צו דערשרעקנדיק מיט זיין גייסטיקן חורבן — איז אָפּגערעדט.

אָבער אויך די זין וואָס זיינען שוין דערצויגן געוואָרן „רומעניש־איזראַעליטיש״, האָבן אויף וויפל זיי זיינען מיט זייער געמיט פאַר־בליבן ביי יידיש־געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן נישט געקאָנט לאַנג הנאה האָבן פון דעם „קולטור־זיג״ פון זייערע רעבעלישע טאַטעס.

די אַסימילירטע זין האָבן לכל־הפחות אין דער צווייטער העלפט פון זייער דורס ערדישע יאָרן געמוזט אַ שפּאַר ביסל האָרעווען אויף צו פאַרקלענערן דעם „גרויסן נצחון״, די זין האָבן ביודעים און בלא יודעים און בדרך־כלל מיט געטריישאַפט גענומען אויף זיך און געטאָן אַ קיומיסטישע שליחות פאַרן פאָלק ישראל אין רומעניע. זיי האָבן מיט זייערע ווערק און מיט זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געהאָלפן אין אַ געוויסער מאָס צוריקפירן אַ יידיש־גייסטיק צעהפקרטע קעגנוואַרט צו דער דיסציפּלין פון קולטור־טראַדיציע און צו די התחיבותן פון נאַ־ציאָנאַלער געשיכטע.

פון בנימין שוואַרצפעלדס דריי זין וואָס זיינען אַלע געשטאַנען אין דינסט פון דער נאָר־וואָס דערמאָנטער פאָלקס־קיומיסטישער שליחות ווי היסטאָריקער, פאָלקלאָריסטן, דערציילער, פילאָלאָגן און עמאַנצי־פּאַציע־קעמפער האָט דעם גרעסטן פאַרנעם געהאַט דער מיטלסטער פון צווישן זיי.

משה שוואַרצפעלד האָט אַריבערגעיאָגט זיינע ברידער עליאַס און ווילהעלם נישט בלויז מיט אַריכות ימים און מיטן היקף פון זיין וויסנ־שאַפטלעכער און פובליציסטישער אַרבעט, נאָר אויך מיט דער אינ־טענסיווקייט פון זיין יידישער געשטאַלט און דער עיקרשט מיט זיין פאָלקסטימלעכער באַהעפטקייט מיטן כלל ישראל פון רומעניע.

בנימין שוואַרצפעלדס מיטלסטער זון איז נישט בלויז געווען אַ זייער באַקאַנטער, איינער פון די סאַמע באַקאַנטסטע נעמען אין רו־

מעניע, נאָר בלי־ספק אויך — דער אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם לאַנד פערזענלעך צומייסט געקענטער ייד.

באַקאַנט געמאַכט זיין נאָמען האָט משה שוואַרצפעלד מיט דער רעדאַקטאַרשאַפט פון די ניינצן בענד „יאַרביכער פאַר איזראַעליטן״ (1877—1898) וואו ער האָט אויך געדרוקט אייגענע וויכטיקע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע; מיט זיין ספרל „טשיליבי מאַיסע, דער באַוואוסטער אין לאַנד רומעניע״ אין וועלכן ער האָט צונויפגעזאַמלט די ווערטלעך, שפּיצלעך, מעשהלעך און זאָגעכצער פון דעם „מאָלדאַווישן הערשעלע אָסטראָפּאָליער״; מיט זיין אויספירלע־כער מאָנאָגראַפיע וועגן יהודה (דר. יוליו) באַראַש דעם „משה מענ־דעלסאָן פונעם רומענישן יידנטום״; מיט אַ גאַנצער ריי קלענערע היס־טאָרישע און פאָלקלאָריסטישע שריפטן און דער עיקרשט מיט זיינע קעמפערישע אַרטיקלען אין דער וואָכנשריפט „עגאַליטאַטעאַ״ (גלייכ־הייט) וואָס ער האָט זי געגרינדעט און רעדאַקטירט אין משך פון אַלע פופציק יאָר פון איר באַשטאַנד.

אָבער די נאָענטע פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט זיינע מיט די טויזנ־טער יידן פון די רומענישע שטעט און שטעטלעך האָט משה שוואַרצ־פעלד געקאָנט מאַכן דערפאַר וואָס ער איז נישט בלויז געווען דער היסטאָריקער, דער פאָלקלאָר־פאָרשער און דער פּובליציסט, נאָר אויך דער פּיאָנערישער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, פון דער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג און פון דער יידישער פּובליציס־טיק אין רומעניע.

עס וועט זיכער נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז אַ גוטע העלפט פון די איבער זעקס צענדליק יאָר וואָס משה שוואַרצפעלד האָט אָפּגע־געבן פאַר זיין וויסנשאַפטלעכער און פּובליציסטישער אַרבעט, האָט ער פאַרבראַכט נישט אינדערהיים ביים שרייבטיש נאָר אונטערוועגס אין אַכסניות.

דאָרטן צווישן די יידן אין די שטעטלעך האָט ער געזאַמלט זיין פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, דאָרט האָט ער פאַרצייכנט וואָס זקנים האָבן פאַרגעדענקט און דערציילט, דאָרט צומאָל געפונען אַ „היסטאָ־ריש פּאַפּירל״, דאָרט אויפגעמאָנט חובות ביי די אַלטע אַבאָנענטן און געקליבן נייע און פון דאָרט פון די שטעטלדיקע האָטעלן פון מיהאַלען

און דאַראַבאַן אין צפון ביז טירגאָווישטע און דזשיורדזשיו אין דרום האָט ער געשיקט צו דער „עגאַליטאַטעאַ" די דרייסט קעמפעריש און אָפט שאַרף פּאָלעמישע אַרטיקלען מיט די אונטערשריפטן „פלאָיעש־טעאַנו" און „ברילל".

צי איז שוואַרצפעלד אויך געווען באַליבט ביי די טויזנטער יידן וואָס האָבן אים פּערזענלעך געקענט? דאָס מן־הסתם נישט.

דערצו האָט ער פאַרמאָגט צו ווייניק לייכטגעמיטיקייט, דערצו האָט אים געפעלט אַ ביסעלע הומאָר. און אָן אַ מילתא בדיחותא, אָן אַ וואָרט פון הומאָר וואָס פּאַכעט מיט זאָרגלאָזיקייט אַפילו ווען אַליין איז עס טרויעריק, קאָן זיך אַ ייד וואָס מאָנט געלט און אינטערעס פאַר כללישע ענינים נישט איינקויפן אין ליבשאַפט ביי פאַרהאָרעוועטע און פאַרדאגהטע שטעטלשע יידן.

אויפן פּנים ביי שוואַרצפעלדן האָט זיך דווקא יאָ אַרומגעדרייט פון צייט צו צייט עפּעס אַ שמייכל און געפּרואווט צעטרייבן די מרה־שחורה וואָס האָט בטבע איינגעהילט שוואַרצפעלדס מיטלוואוקסיקע, אַ ביסל הויקערדיקע און באַוועגלעכע געשטאַלט. אָבער הינטער דעם שמייכל האָט נישט געשוועבט קיין לייכטער געמיט, נאָר פאַרקערט ס'האָט געהויערט אַן אָנגעשטרענגטער ערנסט וואָס האָט זיך געמיט אַ לאַך צו טאָן און מיטן לאַך איידל אָבער קאַטעגאָריש צו זאָגן: ר' ייד, נישטאָ קיין צייט פאַר חכמות, מען מוז גיין צו דער אַרבעט.

דער ייד האָט נאָך אַזאַ שמייכל אויף שוואַרצפעלדס פּנים אַמאָל תיכף און אַמאָל מיט דיגגעניש באַצאָלט דעם אַבאָנאַמענט אָבער דערביי זעלטן ווען צוגעצאָלט אַ טראָפּן ליבשאַפט פאַרן מאָנער.

באַליבט איז טאַקע שוואַרצפעלד נישט געווען אָבער דערפאַר — אַן אייגענער היימישער מענטש. ער איז געווען אויסגעבונדן אין היי־מישקייט מיט די עטלעכע טויזנטער לייענער פון זיין „עגאַליטאַטעאַ" וואָס האָבן אין משך פון די פופציק יאָר פון איר קיום באַלאַנגט (נאָ־כאַנאַנד און בייגאַנד) צו דריי דורות יידן אין רומעניע.

אין שוואַרצפעלדן זיינען די דריי דורות געווען וואַך מיט זייערע נעמען, מיט זייער יחוס און מיט זייער געזעלשאַפטלעכן געמיט. ערגעץ־וואו אין אַ בוך אין דעם בוקאַרעשטער אַדמיניסטראַציע־ביוראָ פון דער צייטונג זיינען געווען פאַרשריבן די נעמען און די אַדרעסן פון די

„עגאַליטאַטעאַ"־לייענער, אָבער שוואַרצפעלד האָט זיך אין יענעם בוך נישט געגוויטיקט. אין זיין זכרון האָבן זיך די אַבאָנענטן אויסגעשטעלט לעבעדיקע שטעטלוויז און גאַסנוויז — איעדער מיט זיין אויסזען און מיט זיין פרנסה און איעדער מיט זיין משפחה־שטאַם און משפחה־צווייגן.

ער האָט זיי אַלעמען געקענט. ער האָט געקענט זייערע טאַטעס און האָט נאָך פאַרכאַפּט זייערע זיידעס און ער איז אויך געוועזן באַהאַוונט אין דעם געזעמל פון זייערע קינדער. קיינער פון זיי האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון שוואַרצפעלדס זכרון און פון אַן אַבאָנאַמענט אויף דער „עגאַליטאַטעאַ" — אויך נישט די טעכטער וואָס האָבן חתונה געהאַט און געביטן זייערע פאַמיליע־נעמען און זייערע וואוין־ערטער.

די משפּחהדיקע קענטשאַפט פון די לייענער איז געקומען צום אויסדרוק אין שוואַרצפעלדס אַדמיניסטראַטיווער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט; שוואַרצפעלדס לעבעדיקע היימישקייט מיטן געמיט פון זיינע דריי דורות לייענער האָט אַרויסגעאָטעמט פון דער „עגאַליטאַטעאַ" גופא, פון אירע אַרטיקלען, פון אירע ידיעות און פון אַלץ וואָס איז דאָרט געדרוקט געוואָרן.

שוואַרצפעלד — האָט זיך ביי אַ מסיבה לכבוד זיינע זיבעציק יאָר געווערטלט דער באַוואוסטער יידיש־רומענישער זשורנאַליסט קאָנסטאַנטין גראַור — האָט באַוויזן דעם וואונדער צו זיין אין משך פון פערציק יאָר איינער אַליין דער גרינדער, דער אַרויסגעבער, דער רעדאַקטאָר, דער אַדמיניסטראַטאָר און דער איינציקער שרייבער פון דער „עגאַליטאַטעאַ".

דער וואונדער פון „דער איינציקער שרייבער" איז באַשטאַנען נישט בלויז דערין וואָס דער יונגער, דער עלטערער און דער אַלטער שוואַרצפעלד האָט כמעט דורכאויס אַליין אויסגעפילט די צייטונג, נאָר קודם־כל אין דעם וואָס איין און דער זעלבער שרייבער האָט גערעדט צום געמיט פון דריי דורות לייענער.

אין שוואַרצפעלדן האָבן זיך אָרגאַניש צונויפגעלעבט רעשטלעך פונעם קאָנסערוואַטיוון שטייגער־געמיט פון זיידנס דור מיט דעם שטורמישן השכלה־אימפעט פון זיין טאַטנס גענעראַציע און די ליידנשאַפט

צו בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פון זיין אייגענער צייט מיט דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס־אויפבלי פונעם דור פון זיינע קינדער.

דער עמאַנציפּאַציע־קעמפער האָט אין די לייט־אַרטיקלען וואָס ער האָט געחתמעט „פּלאָיעשטעאַנו" דרייסט און מוטיק אַריינגעזאָגט דער רעגירונג פאַר איר אַנטי־יידישער פּאָליטיק; דער משכיל האָט זיך איבערגענומען מיט די רומעניש קולטור־דערגרייכונגען פון די יידן אין לאַנד און האָט נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען די מינדסטע אויסצייכענונג וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן אַ יידן ערגעץ־וואו און ערגעץ־ווען; דער נאַציאָנאַלער בעל־חלומות האָט געציטערט מיט באַגייסטערונג פאַר חיבת ציון און פאַר די אויפטוען פונעם פּאָליטישן ציוניזם און דער מאַן מיטן יידישן שטייגער־געמיט האָט דערציילט מיט ליבשאַפט וועגן די יידן פונעם אַלטן דור און מיט דער וואַרעמקייט פון זיין שילדערונג ממילא אַוועקגעשטעלט זייערע געשטאַלטן ווי אַ מוסטער און אַ מאָנונג פון יידישער גאַנצקייט פאַר דער יוגנט.

דאָס געמיט און די אידעאישע אַספּיראַציעס פון הונדערט פופציק יאָר יידיש לעבן אין רומעניע האָבן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט (1940—1890) וואָך איין וואָך אויס אַרויסגערעדט פון דער „עגאַליטאַטעאַ" און פון איר רעדאַקטאָר און איינציקן שרייבער משה שוואַרצפעלד.

אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין צו וויסנשאַפטלעכער און כלל־טועריש ערבעט האָט זיך משה שוואַרצפעלד אינאיינעם מיט זיין עלטערן ברודער עליאַס און מיט זיינע צוויי פריינט און חברים פון איין עלטער לאַזאַר שייניאַנו און מאָזעס גאַסטער.

דר. עליאַס שוואַרצפעלד האָט מן־הסתם פאַרמאָגט מער שריפטשטעלערישע און אויך מער היסטאָרישע באַגאַבונג ווי זיין יונגערער ברודער משה. און וואָס שייך מאָזעס גאַסטער און לאַזאַר שייניאַנו — הינטער אָט די צוויי וועלט־גאונים פון דער פאָלקלאָריסטישער און פילאָלאָגישער וויסנשאַפט איז משה שוואַרצפעלד אַוודאי געבליבן ווייט הינטערשטעליק מיט זיין כּח און מיט זיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

אָבער עליאַס שוואַרצפעלד האָט די גאַנצע צווייטע העלפט פון זיינע זעכציק יאָר אָפּגעלעבט אין פאַריז ווי דער סעקרעטאַר פון דער

„איקאָ“ און זיינע היסטאָרישע אַרבעטן און זיינע פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „ברודערס „עגאַליטאַטעאַ“ האָבן געהאַט דעם ריח פון מתנות צוגעשיקטע אַהיים פון אַ קרוב אין אויסלאַנד.

מאָזעס גאַסטער ווידער וואָס האָט מיט זיינע מאָנומענטאַלע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן אַרויסגעפירט דעם רומענישן פאָלקלאָר אויפן שליאַך פון וועלט־אינטערעס און וועלט־באַרימטקייט און איז פון דער בוקאַרעשטער רעגירונג, אמת נישט דערפאַר, נאָר מחמת זיין „אומ־געוואונטשענער“ יידישער כלל־טוערײ, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד, איז אין משך פון דעם כמעט האַלבן יאָרהונדערט פון זיין לאָנ־דאָנער וואוינשאַפט אַוודאי געווען פאַר די רומענישע יידן נישט מער ווי אַ וויטער, צו גדולות דערגאַנגענער קרוב ערגעץ אין די מרחקים.

דער שם פון גאַסטערס וויסנשאַפטלעכער גלאָריע אין ענגלאַנד און אין גאַר דער וועלט און פון גאַסטערס ספאַראַדישער שתדלנות לטובת יידן און יידישע ענינים האָט פאַרשטייט זיך געגרייכט קיין רו־מעניע און מען האָט זיך מיט דער באַרימטקייט פונעם לאָנדאָנער ספרדישן רב הכולל נישט ווייניק איבערגענומען אין די שטעט און שטעטלעך פון דער יידישער רומעניע. אָבער אַז דער באַרימטער בו־קאַרעשטער ייד האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נאָך פינף און דרייסיק יאָר גלות אומגעקערט אויף אַ ווייל פון מרחקים צו כאַפּן אַ בליק אויף זיין היימלאַנד, איז ער געווען דער גאַסט נישט פון די רומענישע יידן נאָר פון דער רומענישער רעגירונג — פון אַ רעגי־רונג וואָס האָט זיך אין איר אַלגעמיינער און אויך אין איר יידישער פּאָליטיק אַנגעקערט די סאַמע נאָענטסטע קרובהשאַפט מיט דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט פון דעם אַלטן יאָן בראַטיאַנו וואָס האָט אין 1885 אַרויסגעטריבן דעם 29־יאָריקן גאַסטער פון רומעניע.

און — עס איז מיר שווער צו פאַרגעסן דעם פיינלעכן פאַקט וועלכן איך, דעמאָלט אַ יונגער געהילף־רעדאַקטאָר פון אַ פּועלי־ציוניסטישער וואָכנשריפט אין טשערנאָוויץ, האָב אין יענע טעג אי־בערגעלעבט אינאיינעם מיט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט פון רומעניע — דער גאַסט האָט געטאָן מער ווי זיין חוב פון העפלעכקייט און פון גוטע מאַניערן צום גאַסט־געבער. ער האָט עדות

געזאָגט פאַר דער וועלט וועגן דער רעגירונגס גוטן ווילן צו יידן און וועגן דער צופרידנקייט פון די יידן מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

דער רומענ־שער רעגירונג איז די עדותשאַפט וואויל צונוץ גע־קומען און איר פּרעסע האָט גאַסטערן זייער געלויבט. אָבער די יידי־שע צייטונגען אין לאַנד אויף וויפל זיי זיינען נישט געקומען אין קאָנפליקט מיטן צענזאָר האָבן פאַר דעם באַרימטן גאַסט געהאַט נישט ווערטער פון לויב, נאָר פון האַרבער אומהעפלעכקייט.

וואָס שייך לאַזאַר שייניאַנו, דעם צווייטן פון שוואַרצפעלדס באַ־ווימטע חברים מוז מען אין פּרט פון יידישקייט און פון כאַראַקטער צווישן גאַסטערן און אים אַוועקשטעלן, פאַרשטייט זיך, אַ לאַנג־אַטעמדיקן להבדיל.

שייניאַנו איז געווען אַ מאַן פון אויסנעמלעכער יידישער גאונות, אָבער זיכער נישט קיין מוסטער פון געטריישאַפט און פון שטאַנדהאַפ־טיקייט — פון יידישער געטריישאַפט אַוודאי נישט.

לאַזאַר שייניאַנו האָט זיין לעבן לאַנג אין זינען געהאַט בלויז זיך און זיין וויסנשאַפטלעכע וועלט־קאַריערע. צוליב אַט דער קאַריע־רע איז ער אַוועק פון יידנטום און האָט זיך באַהעפט מיטן רומענישן פאָלק. און אַז דער בוקאַרעשטער אוניווערזיטעט האָט אויך דעם משומד שייניאַנו נישט געגעבן די קאַטעדרע וואָס ער האָט זיך פאַרדינט מיט זיין שמד און נאָך מער מיט זיין „סעמאַנטאָלאָגיע פון דער רומענישער שפּראַך" און מיט אַנדערע וויכטיקע פילאָלאָגישע ווערק, האָט דער יונגער געלערנטער אַ שווער אַנטוישטער און באַליידיקטער פאַרלאָזן דאָס רומענישע לאַנד, האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם רומענישן פאָלק און איז אַוועק — קיין פראַנקרייך. דאָרט האָט ער געביטן זיין נאָמען אויף סעגנעאַן און געשריבן פונדאַמענטאַלע, פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פּרעמירטע ווערק וועגן אַלטע דיאַלעקטן און וועגן דער שפּראַך פון ראַבלע.

אין דער מיט פון זיין יידישן פאָלק איז פאַרבליבן משה שוואַרצ־פעלד. די גרויסע חברים זיינע זיינען געוואָרן באַרימט אין דער וועלט. ער איז געווען אַנערקענט אין דער היים.

די אַלגעמיינע, די פאָלקס־אַנערקענונג פון דער יידישער רומעניע צו שוואַרצפעלדן האָט זיך אויסגעדריקט פאַר אַלעמען דערין וואָס דער

נאָמען משה שוואַרצפעלד איז געוואָרן דער סינאָנים פון אַ יידן וואָס איז עוסק אין יידישער וויסנשאַפט, אין יידישער פובליציסטיק און אין דער פאַרטיידיקונג פון יידישע רעכט.

אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז דאָס יידישע לעבן אין רומעניע שוין געווען קלאָר אידעאיש אויסקריסטאַליזירט און אַ יעדע פון די אידעען האָט זיך געפּראָוועט איר אייגענעם געזעלשאַפט־לעך־פּראָגראַמאַטישן שבת.

די „אוניאַניסטן" וואָס זייער קעמפערישער עיקר איז געווען דער אנהאַלט פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פאַר יידן, האָבן געהאַט זייער אייגן וואָכנבלאַט, דעם „קוריערול איזראַעליט"; די ציוניסטישע פּאַרטייען (בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע, ראַדיקאַלע און געמעסיקטע) האָבן אַלע כמעט דורכאויס פאַרמאָגט זייערע פּרעסע־אָרגאַנען. אָבער אַ גרויסער, זיכער דער גרעסטער טייל פון יענע וואָס האָבן געלייענט אידעער די צייטונג פון זיין גרופּע, האָט אויך באַקומען דורך דער פּאָסט שוואַרצפעלדס „עגאַליטאַטעאַ" — זי איז געווען אַלעמענס און אַלץ אינאיינעם.

די „עגאַליטאַטעאַ" האָט פאַר די שרייבער און לייענער פון יענע נייע צייטונגען געהאַט די ליבלעכע, ראָמאַנטישע שיין פון אַלטקייט און פון אידעאישן יחוס. משה שוואַרצפעלד מיט זיינע היסטאָרישע יאָרביכער וואָס דאָס ערשטע פון זיי איז אַרויס נאָך דעמאָלט ווען מען האָט באַלאַגערט פּלעוונע און מיט זיין וואָכנשריפט וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען נאָך פאַר דער דרייפוס־אַפערע—זיינען אַלע אינאיינעם געווען אַ לעבעדיקער עדות אַז דער יידישער קאַמף דאָ אין רומעניע און די יידיש־גייסטיקע אַרבעט אין לאַנד הויבן זיך נישט אָן פון נעכטן, נאָר האָבן שוין זייער טראַדיציע פון עלטער און געדויער.

נאָך מער ווי די משפּחהדיקע איז די גייסטיקע לעגיטימקייט אַ וויכטיקער ענין פאַרן מענטשלעכן געמיט. און די יונגע מיטאַמאָל אין אַ היפּש שפּעדיקער צאָל אויפגעקומענע חברה פון יידישע צייטונגס־שרייבער אויף רומעניש און יידישע וויסנשאַפטלער אויף רומעניש האָבן באַגלייך מיט די פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע אַריבערגעקומענע יידיש־יידישע ליטעראַטן געזוכט, אַזוי צו זאָגן, אַן אייגענעם לעגיטימען טאַטע אויף רומענישער ערד.

מיר, די יידיש־יידישע שרייבער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער געשטאַלט פון וועלוול זבאַראַזשער, דעם טרבאַדור פון גאַליציע וואָס האָט דאָ אין די קרעטשמעס פון בוקאַרעשט און פון יאַס געטרונקען וויין און געזונגען זיינע יידיש־לידער; פאַרן יידיש־רומענישן צייטונגס־מאַן און צום טייל אויך פאַרן יידיש־רומענישן וויסנשאַפטלער איז די טאַטע־געשטאַלט געווען משה שוואַרצפעלד.

און מיר דאַכט אַז יענע יידיש־רומענישע צייטונגס־לייט האָבן גע־האַט מער רעכט צו באַטראַכטן משה שוואַרצפעלדן פאַר זייער גייסטיקן פאָטער, ווי מיר יידיש־שרייבער — וועלוול זבאַראַזשערן. מער רעכט — וואָרעם וועלוול זבאַראַזשער־ערענקראַנץ איז פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע געווען אין תוך בלויז אַ פאָטער צום באַ־זינגען. משה שוואַרצפעלד אָבער איז פאַר דער רומעניש־יידישער פּו־בליציסטיק, פאַר דעם יידיש־רומענישן היסטאָריקער און פאָלקלאָריסט געווען אַ טאַטע מיט ירושה.

דעם היסטאָריקער און דעם פאָלקלאָריסט האָט ער איבערגעלאָזט אַ שפאָר ביסל באַאַרבעטן און אַ שפע פון נישט באַאַרבעטן מאַטעריאַל און — אין דער שפּראַך פּונעם יונגן פּובליציסט האָט זיך קענטיק גע־וויזן די גוטע השפּעה פון שוואַרצפעלדס שרייבערישן נוסח. פון שוואַרצ־פעלדס אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים פלאַיעשטעאַנו האָט דער פּובליציסט פון דער „רענאַשטערעאַ“, פון „שטירי דין לומעאַ עווריס־קאַ“, פון „דרומול נוי“ און אויך צום טייל פון „קוריערול איזראַעליט“. געירשנט דאָס דרייסטע קעמפערישע וואָרט און דער עיקרשט דעם פּאַטאָס פון טרוקענעם פאַקט און פון דער טרוקענער ציפער אָן שום צוגאָב פון שרייבערישער שטימונגס־אָרנאַמענטיק.

די היים, די יידישע רומעניע, האָב איך געזאָגט, האָט אָנערקענט שוואַרצפעלדן. און די אָנערקענונג איז אַחוץ אין שוואַרצפעלדס פּאָ־פּולערקייט, אויך געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון אַ פאָלקס־מתנה, וואָס איז שוואַרצפעלדן געגעבן געוואָרן צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג אין 1927. אַהין אין דער הויז־מתנה אויף דער מירטשעאַ וואָדאַ גאַס, אין יידישן קוואַרטאַל האָט שוואַרצפעלד אַריבערגעטראָגן די „עגאַליטאַטעאַ“ און זיין ווערטפולע, קיינמאָל נישט קאַטאַלאָגירטע און קיין מאָל נישט געאָרדנעטע ביבליאָטעק און פון דאָרט האָט ער זיך

נאָך מער ווי אַ יאָרצענדליק אַרויסגעלאָזט אויף די שטענדיקע נסיעות צו זיינע אַבאָנענטן.

אויך יענע שווערע וואָכן און חדשים פון נאָך 1935 ווען מען פלעגט אַראָפּוואַרפן יידן פון די באַנען זיינען נישט געווען קיין אָפּהאַלט פאַרן אַלטן שוואַרצפעלד. אויך אין די שרעקלעכע 44 טעג פון דער גאָגאַ־הערשאַפט האָט ער נישט איבערגעריסן זיינע רייזעס.

ערשט ווען גענעראַל אַנטאָנעסקו האָט פאַרמאַכט די „עגאַליטאַטעאַ" האָט זיך אַלץ אין שוואַרצפעלדס לעבן אָפּגעשטעלט. דער 83־יעריקער זקן איז געבליבן זיצן אַ פּאַרטרויערטער און אַ־בעטסלאָזער אין זיין הויז אויף מירטשעאַ וואָדאַ אַקעגנאיבער דעם הויף פון דער „חברה קדושה". דריי יאָר שפּעטער, אין איינעם אַ האַרבסט־טאָג פון 1943, האָט אים די עגלה פון אַקעגנאיבער אָוועקגעפירט צו אייביקער רו.

קיין סך מלוים — שרייבט מען מיר — זיינען נישט נאָכגעגאַנ־גען. בוקאַרעשטער יידן זיינען געזעסן אין זייערע שטיבער. פון אי־בער דער פוילישער גרענעץ האָט זיך געטראָגן דער פּחד פון מאַידאַ־נעק און אין לאַנד גופא האָט געלויערט דער שרעק פון טראַנסניסטריע.

(1947)

רשימה פון נעמען

א

אַבן-זהב, ארי, העברעאישער ראָמאַ־ניסט—ז. 33, 34, 35.

אַדלער, וויקטאָר, ד"ר, סאָציאַליס־טישער פירער און ערשטער אויס־לאַנד-מיניסטער פון דער עסטרײַ־כישער רעפובליק (1852—1918) —ז. 59, 79.

אַדלער, פרידריך, ד"ר—ז. 59, 76—81.

איגעל, לאַזאַר, ד"ר, ערשטער „דײַ־טשער רבֿ" אין טשערנאָוויץ, ז. 130, 133, 134.

אייזנער, קורט, סאָציאַליסטישער פי־רער, ערשטער פרעמיער פון דער באַוואַרישער רעפובליק (1919—1867)—ז. 84.

אליהו בחור—ז. 38.

אַנטאָנעסקו, יאָן, מאַרשאַל, רומעני־שער דיקטאַטאָר פון 1940 ביז 1944—ז. 189, 238.

אַניפּאָלער, זושע ר'—ז. 185.

אָסטראָפּאָליער, הערשעלע—ז. 164, 238.

אָפּאַטאָשו, יוסף—ז. 164.

אַפּטער רב (ר' אַברהם יהושע העשל) ז. 18, 19, 20, 235.

אַראָנעאַנו, י., ד"ר, רומעניש-סאָ־ציאַליסטישער מאַרטירער (דער־מאָרדעט אין 1920)—ז. 137.

אַרבאָרע, זאַמפיר, רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, שפּעטער רומעני־שער שריפטשטעלער און סענאַטאָר —ז. 64.

אָרזשעשקאָ, עליזאַ, פּוילישע ראָמאַ־ניסטין (1842—1910)—ז. 41.

ב

באַוער, אָטאָ, סאָציאַליסטישער פירער און טעאָרעטיקער (1881—1938) —ז. 59.

באַלדווין, סטענלי—ז. 93.

באַראַבאָוו, בער—ז. 183.

באַראַק, אבנר—ז. 223—226.

באַרדיטשעווער, לוי יצחק, ר'— ז. 11—17.

בירנבוים, נתן, ד"ר—ז. 208.

בלום, לעאָן—ז. 53, 54.

בלומענפעלד, קלמן, ד"ר—ז. 232, 233, 234.

בעווין, ערנסט—ז. 95, 96, 98.

בעליישאָ, האָר לעסליע—ז. 92—95.

בעלינסקי, וויסאַריאָן גריגאָראָוויטש, רוסישער קריטיקער (1848—1813)—ז. 137.

בערגעלסאָן, דוד—ז. 150.

בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף—ז. 18.

בערנע, לודוויג—ז. 53.

בראַטיאַנו, יאָן, מערמאַליקער רומע־נישער פּרעמיער (1822—1891) ז. 242.

ברויגעל, פעטער, האָלענדישער מאָלער (1520—1569)—ז. 140.
ברוינשטיין, אַדאָלף—ז. 227, 229, 230, 231.
ברונער, קאָנסטאַנטין, יידיש-דייטשער פילאָזאָף (1862—1937) —ז. 90.
בריאַן, אַריסטיד—ז. 90.
ברייטשייד, רודאָלף, סאָציאַליסטישער פירער אין דער ווײַמאַרער רעפּובליק—ז. 82, 83.
ברענער, יוסף חיים—ז. 72.
ברעסאַר, פעליקס, יידיש-דייטשער שוישפּילער—ז. 164.

ג

גאַבעל, היינריך, ד"ר, יידישער מיטגליד פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט (1873—1910)—ז. 115.
גאָגאַ, אָקטאַוויאַן, רומענישער פּאָעט און אַנטיסעמיטישער פּרעמיער (1881—1938)—ז. 169, 187, 190, 191, 246.
גאַלאַגער, ווילי, קאָמוניסטישער מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט— ז. 93.
גאָלדמאַן, בערנאַרד, ד"ר, וואָרטזאָגער פון פּויליש-יידישער אַסימילאַציע אין גאַליציע (1841—1901) —ז. 54.
גאָלדפאַדן, אברהם—ז. 228.
גאַסטער, מאָזעס, ד"ר, פאָלקלאָרפאָרשער און יידישער פירער (1856—1939)—ז. 241, 242, 243.
גייזינגער, הערצל—ז. 148.
גילישענסקי, הערץ—ז. 202, 204, 210—214.
געבעלס, יאָזעף—ז. 234.
געלערטער, ליטמאַן, ד"ר — ז. 136—146.
גערינג, הערמאַן—ז. 132.
גראַור, קאָנסטאַנטין—ז. 190—195.
גראָנאַך, אַלעקסאַנדער—ז. 162, 163, 164, 165, 166.
גרעץ, היינריך—ז. 170.

ד

דאָבראָדזשאַנו-גערעאַ, קאָנסטאַנטין, סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און רומענישער ליטעראַטור-קריטיקער (1855—1920)—ז. 137, 138.
דאַשינסקי, איגנאַצי, גרינדער פון דער פּויליש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) אין גאַליציע (1866—1937)—ז. 52.
דיאַמאַנט, הערמאַן, ד"ר, פירער פון דער פּויליש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע (1860—1931) —ז. 52, 53, 54, 56, 57.
דיאַמאַנט, מאַקס, ד"ר—ז. 171—179, 218.
דיזראַעלי—ז. 93.

ה

האַזע, הוגאָ, סאָציאַליסטישער פירער אין דייטשלאַנד (1863—1919) —ז. 84.
האַלפּערן, משה לייב—ז. 220.
האַלקין, שמעון—ז. 27.
האַרדען, מאַקסימיליאַן, יידיש-דייטשער שריפטשטעלער (1861—1927)—ז. 22.
היטלער, אַדאָלף—ז. 44, 82, 87, 132, 189, 191, 195, 196, 198.
היינע, היינריך—ז. 79.
הילפערדינג, רודאָלף, סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און צוויי מאָל פינאַנץ-מיניסטער פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק (1877—1941) —ז. 16, 82—88, 90, 91.

הימלער, היינריך—ז. 234.
הינדענבורג, פּאַול, פעלדמאַרשאַל—
ז. 87.
הלוי, יהודה—ז. 79.
הערצל, טעאָדאָר—ז. 70, 72, 74,
115, 116, 117, 120.
העשל, אַברהם, פּראָפעסאָר—ז. 20.

ו

וואָריטעק, שטעפאַן, סאָציאַליסטישער
פירער און מיניסטער אין רומע-
ניע— ז. 146.
וואָלפסאָן, דוד—פּרעזידענט פון דער
ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע
(1858—1914) ז. 115, 117.
וואַסערמאַן, יאַקאָב, יידיש-דייטשער
ראָמאַניסט (1873—1933)—ז. 53
וויטלעי, דזשאָן, מיטגליד פון דער
ערשטער ענגלישער אַרבעטער-רע-
גירונג—ז. 97.
וויינשטיין, הערש לייב—ז. 148.
ווילנער גאון (1720—1797) ז. 39.
ווייס, בנימין הכהן, רבֿ אין טשער-
נאָוויץ אין אָנהייב פונעם איצ-
טיקן יאָרהונדערט—ז. 132, 134.
ווייסעלבערגער, סאַלאָ, ד"ר—יידי-
שער בירגערמייסטער פון טשער-
נאָוויץ (1867—1931)—ז. 120,
121.
ווירט, יאָזעף, מערמאַליקער פּרעמיער
פון דער ווײמאַרער רעפּובליק—
ז. 90.
ווילאַדעק, ברוך—ז. 211.
וועסטפאַלן, דזשעני, פרוי פון קאַרל
מאַרקס—ז. 104.
וועקסלער, מאַקס, סאָציאַליסטישער
מאַרטירער אין רומעניע (דער-
מאָרדעט 1917)—ז. 137, 142.

ז

זשאָרעס, זשאַן, סאָציאַליסטישער פּי-
רער אין פראַנקרייך (1859—1914)
—ז. 140.
זשיטלאָווסקי, חיים, ד"ר—ז. 208.

ט

טאַנאַסע, געאָרגע, רומעניש-סאָציאַ-
ליסטישער טוער אין די 20-יקער
יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט
ז. 144.
טאָפּשטיין, כאָר-דיריגענט אין טשער-
נאָוויצער טעמפּל צווישן ביידע
וועלט-מלחמות—ז. 198.
טובים, יוליאַן, יידיש-פּוילישער
דיכטער—ז. 17.
טויבעס, מורה הוראה אין יאַס אַרום
דער מיט פון פאַריקן יאָרהונ-
דערט—ז. 236.
טויבערמאַן, דעלעגאַט פון באַסאַראַ-
בישן שטעטל רעזינע צו דער
טשערנאָוויצער יידישער קולטור-
קאָנפערענץ אין יאָר 1921 —
ז. 202.
טובאָלסקי, קורט, יידיש-דייטשער
שריפטשטעלער (1890—1935)—
ז. 16.
טיטינגער, נפתלי, ראש-הקהל אין
טשערנאָוויץ אין די לעצטע צוואַנ-
ציק יאָר פונעם פאַריקן יאָר-
הונדערט—ז. 109, 110, 112.
טיציאַן, איטאַליענישער מאָלער
(1477—1576) ז. 71.
טיראָר (טשערנאָוויצער) חיים, ר',
רבֿ אין טשערנאָוויץ ביים סוף
פון אַכצעטנטן יאָרהונדערט—
ז. 177.
טראַפּער, נתן, יידיש-סאָציאַליסטי-
שער פירער אין דער בוקאָווינע
צווישן ביידע וועלט-מלחמות—
—ז. 206, 207.

טשוירטשיל, ווינסטאָן—ז. 31, 93, 97, 98.
טשעמבערליין, אָסטען—ז. 90.
טשעמבערליין, נעוויל—ז. 93, 95.

י

יאָנעסקו, נאיע, פּראָפעסאָר, טעאָרעטיקער פון דער „אייזערנע גוואַרדיע" אין רומעניע—ז. 168.
יאָקיר, יאַנקל—ז. 148.
יאָרגאַ, ניקאָלאַי, פּראָפעסאָר, רומענישער היסטאָריקער, פּרעמיער, אַנטיסעמיט (1871—1940) — ז. 168.
יורים, ש. א.—ז. 208.

כ

כתבן, מרדכי, בונדישער טוער אין דער בוקאָווינע—ז. 218.
כתבן, שרה—ז. 201—204.

ל

לאַנדאַוער, גוסטאַוו, יידיש-דייטשער סאָציאַליסט און שריפטשטעלער (1870—1919) ז. 84.
לאַסאַל, פערדינאַנד—ז. 138, 139, 140, 221.
לאַקער, בערל—ז. 57, 208.
לודוויג, גאָלדפאַדן-אַקטיאָר אין רומעניע—ז. 229.
לוטער, האַנס, פינאַנץ-מיניסטער און פּרעמיער אין דער ווייִמאַרער רעפּובליק—ז. 86.
לוקסעמבורג, ראָזאַ—ז. 84.
ליאַדער רבי—ז. 39.
ליבערמאַן, הערמאַן, ד"ר, פירער פון דער פּ.פּ.ס., יוסטיץ-מיניסטער אין דער לאָנדאָנער פּוילישער גלות-רעגירונג (1870—1941)— ז. 52—58.
לעווין, יוחנן—ז. 105, 106.
לעסינג, גאָטהאָלד אפרים, דייטשער דראַמאַטורג (1729—1781) — ז. 38, 61.

מ

מאַטעיקאָ, יאַן, פּוילישער מאָלער, (1838—1893).
מלבי"ם, געווען רב אין בוקאַרעשט אַרום דער מיט פון פאָריקן יאָרהונדערט (1809—1879) — ז. 123—129, 237.
מאַלינאָווסקי, וולאַדיסלאַוו, פּויליש-סאָציאַליסטישער פירער—ז. 81.
מאָלער, אַרטור, ד"ר, יידישער מיטגליד פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט (1872—1916)—ז. 115.
מאַנגער, איציק—ז. 178, 180, 219, 220, 222, 227, 228.
מאַנגער, הלל—ז. 219, 221.
מאַנגער, נטע—ז. 219—222.
מאָסקאָוויטש, איליע, פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רומעניע צווישן ביידע וועלט-מלחמות—ז. 137.
מאָסקאָוויטש, איסאַק מ., יידיש-סאָציאַליסטישער טוער אין דער שטאָט יאַס—ז. 141, 142.
מאַציני, דזשיוסעפּע, איטאַליענישער פרייהייט-קעמפער (1805—1872) —ז. 69.
מאַרק, אברהם יעקב, ד"ר—ז. 130, 131, 132, 133, 134, 135, 159.
מאַרקס, קאַרל—ז. 104, 143.
מילער, הערמאַן, מערמאָליקער פּרעמיער אין דער ווייִמאַרער רעפּובליק—ז. 86.
מיצקעוויטש, אדאַם, פּוילישער דיכטער (1798—1855)—ז. 37—43.
מענדעלסאָן, משה—ז. 238.

נ.

נח (יקותיאל פּאָרטנאָי), פירער פון „בונד" (1872—1941)—ז. 81.

ס.

סאַלאַנטער, ישראל, ר', באַגרינדער פון אַ יידישער מוסר-באַוועגונג אין ניינצנטן יאָרהונדערט (1810—1883) ז. 156.
סאַניעלעוויטש, היינריך, יידיש-רומענישער שריפטשטעלער—ז. 194.
סאַניעלעוויטש מאַקסימיליאַן, יידיש-רומענישער מאַטעמאַטיקער און פאַרזיכערונגס-מאַן—ז. 194.
סאָקאָל, שואל, ד"ר—ז. 208.
סופר, פנחס—ז. 180.
סופר, שמואל אבאַ—ז. 180—189.
סמאָלענסקין, פּרץ, העברעאישער שריפטשטעלער (1842—1885) ז. 130.
סקעוואָלא, גאַיוס מוציוס, לעגענדאַרישער רוימישער העלד פון 6-טן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייט-רעכענונג.

ע.

עבנער, מאיר, ד"ר, ציוניסטישער פירער אין דער בוקאָווינע, מיטגליד פון רומענישן פּאַרלאַמענט ז. 119.
עליאָט, זשאָרזש, פעז-נאָמען פון מערי ען איוועגס, ענגלישע ראָמאַניסטין (1819—1880)—ז. 70, 74.
עמינעסקו, מיהאַאיל, רומענישער דיכטער (1850—1889)—ז. 64.
עספיר, אַלעקסאַנדראָווגאַ—ז. 214, 217.
עקיבאַ בן-יוסף (דער תנא ר' עקיבא) ז. 79, 128.

ערענקראַנץ וואָלף, באַקאַנט אונטערן נאָמען וועלוועל זבאַראזשער, יידיש - העברעאישער פאָלקס-דיכטער (1819—1883) ז. 227—231, 245.

פּ.

פּאַולוס III, רוימישער פּויפּסט (1534—1549) ז. 33.
פּאַולוס IV, רוימישער פּויפּסט (1555—1559) ז. 33.
פּאַוקער, מאַרטשעל, קאָמוניסטישער פירער אין רומעניע—ז. 137.
פּאַליק, דוד, יידישער סטודענט, דערשאָסן פון אַן „אייזערנעם גוואַרדיער" אין טשערנאָוויץ אין 1927.
פּילדערמאַן, ווילהעלם, ד"ר, יידישער פירער אין רומעניע צווישן ביידע וועלט-מלחמות.—ז. 167.
פּילסודסקי, יוזעף—ז. 57.
פּינקעלשטיין, מעבעל—ז. 236.
פּיסטינער, יעקבֿ, ד"ר, סאָציאַליסטישער פירער אין דער בוקאָווינע, מיטגליד פון רומענישן פּאַרלאַמענט (1881—1930)—ז. 119.
פּלאַטאָ—ז. 38.
פּלעכאַנאָוו, געאָרגי, רוסיש-סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער (1857—1918)—ז. 137.
פּעטען, האַנרי פיליפּ—ז. 82.
פּעלדמאַן, ווילהעלם, יידיש-פּוילישער קריטיקער (1868—1919) ז. 54.
פּראַנץ יאָזעף, קייסער פון עסטרייך (1830—1916)—ז. 111, 112, 115, 132.
פּרידמאַן, בער (לעאָווער רבי) געשט. 1876—ז. 229.
פּרידמאַן, חוהלע—ז. 226.
פּרייטאַג, גוסטאַוו, דייטשער ראָמאַניסט (1816—1895) ז. 44—50.

פריי, פיטער, טעאַטער-רעזשיסאָר—ז. 27, 28, 32.
פרילוצקי, נח—ז. 175.
פרץ, יצחק לייבוש—ז. 18, 170.

צ.

צירעלסאָן, יהודה לייב, ר' — ז. 123—129.
ציצעראָ, מאַרקוס טוליוס, רוימי-שער שריפטשטעלער און אָראַטאָר (106—43 פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג) ז. 140.

ק.

קאַוטסקי, קאַרל, דייטש-סאָציאַליס-טישער טעאָרעטיקער (1938—1854) ז. 85.
קאַזשבער, הערש לייב—ז. 147—151.
קאַטאָ, מאַרקוס פּאָרציוס, דער יונ-גערער, רוימישער פּאָליטיקער (95—46 פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג) ז. 38.
קאַידאַנאָווער, צבי הירש, ר', מחבר פון מוסר-ספר „קב הישר" (געשט. 1712) ז. 157. .
קאַלניק, אַרטור, מאָלער—ז. 178.
קאָסציושקאָ, טאַדעאוש, פּויליש-נאַ-ציאָנאַלער העלד (1817—1746) ז. 38.
קאַראַדזשיאַלע, יאָן לוקאַ, רומעני-שער דראַמאַטורג און דערציילער (1912—1852) ז. 61—68.
קאַרפּ, (יהשע) האַריאַ, ז. 167—170.
קיסמאַן, יוסף, ד"ר—ז. 202, 204, 215.
קלאַשקאַ און קרישאַן, רומעניש-נאַ-ציאָנאַלע מאַרטירער אין עסטרייך, אין דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט—ז. 169.
קעלנער, לעאָן, פּראָפעסאָר, פריינט פון טעאָדאָר הערצל, יידיש-נאַ-ציאָנאַלער פירער אין דער בוקאָ-ווינע פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה (1928—1859) ז. 116, 118, 119.

ר.

ראַבלע, פראַנסואַ, פראַנצויזישער שריפטשטעלער (1553—1494) ז. 243.
ראָזנער, מאיר, ד"ר, פּועלי-ציון פירער אין דער בוקאָווינע (1921—1888) ז. 208, 215.
ראָזענבלאַט, יהשע—ז. 120.
ראָזענבלאַט, לייבוש—ז. 157.
ראָזענבלאַט, נטע, ד"ר, ז. 152—161.
ראָזענבערג, אַלפרעד—ז. 44, 132.
ראָזענפעלד, יאָזעף, ד"ר, „דייטשער רב" אין טשערנאָוויץ—ז. 121, 133, 134.
ראָזענפעלד, מאָריס—ז. 59.
ראַט, משולם ר', רב אין טשערנאָוויץ צווישן ביידע וועלט-מלחמות — ז. 123.
ראַטענאַו, וואַלטער, יידיש-דייטשער שריפטשטעלער, אויסלאַנד-מיניס-טער אין דער ווײמאַרער רעפּובליק (1922—1867) ז. 16, 53, 54, 84, 85, 88, 89, 90, 91.
ראָטשילד, מאיר אַנטשעל, באַגרינדער פון דער ראָטשילד-באַנק-דינאַס-טיע (1812—1743) ז. 47.
ראָקעפעלער, דזשאָן, אַמעריקאַנישער אינדוסטריע-מאַגנאַט—ז. 47.
רוזוועלט, פרענקלין דעלאַנאָ—ז. 31.
ריווקין, הערץ—ז. 148, 149.
רייזען, זלמן—ז. 175.
רייפער, מאַנפרעד, ד"ר, יידישער היסטאָריקער אין רומעניע, ז. 130

רימבאָ, זשאַן. אַרטור, פראַנצויזישער דיכטער (1854—1891) ז. 220.
רמב"ם (1135—1204) ז. 32.
רעדער, בענאָ, סקולפּטאָר—ז. 178.

ש

שאַכט, היאַלמאַר—ז. 86.
שאָפּענהאַוער, אַרטור, דייטשער פילאָזאָף (1788—1860) ז. 156.
שאַפּראַן, בצלאל זאבֿ, ר', מורה הוראה אין דער אַלט-רומענישער שטאָט באַקו (1856—1929) ז. 123
שוואַרץ, מאָריס—ז. 32, 33.
שוואַרץ, שמחה, יידישער טעאַטראַל אין דער בוקאָווינע, היינט אין פראַנקרייך—ז. 225.
שוואַרצפעלד, בנימין, השכלה-קעמפער אין אַלט-רומעניע (1822—1896) ז. 235, 236, 237.
שוואַרצפעלד, ווילהעלם, יידיש-רומענישער היסטאָריקער און פילאָלאָג (1858—1894) ז. 237.
שוואַרצפעלד, משה, יידיש-רומענישער היסטאָריקער, פאָלקלאָר - פאָרשער און פובליציסט (1857—1943) ז. 127, 235—246.
שוואַרצפעלד, עליאַס, ד"ר, יידיש-רומענישער היסטאָריקער און פובליציסט (1855—1915) ז. 237, 241.
שטיינבאַרג, אליעזר—ז. 147, 153, 178, 198, 199, 215, 224.
שטיינבערג, יהודה, יידיש-העברעאישער דערציילער (1863—1908) ז. 18, 223.
שטאַנד, אַדאָלף, ציוניסטישער פירער אין גאַליציע, מיטגליד פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט (1870—1919) ז. 115.
שטיינמעץ, שואל לייב, ז. 205—209.
שטירק, קאַרל, גראַף, עסטרייכישער פּרעמיער (1859—1916) ז. 76, 77.
שטערנבערג, יעקבֿ—ז. 70, 178, 215, 225.
שטערנבערג, פייוועל, ד"ר, פירער פון פועלי-ציון אין דער בוקאָווינע (1887—1948) ז. 182, 208.
שטראַוכער, בענאָ, דר., ז. 109—122.
שטראַסער, גרעגאָר, נאַצי-פירער, אומגעבראַכט פון היטלערן אין 1934 ז. 87.
שטרייטמאַן, היינריך סט., יידיש-רומענישער שריפטשטעלער — ז. 82, 83.
שינוועל, אימעניועל, ז. 95—98.
שייניאַנו, לאַזאַר, ד"ר, יידיש-רומעניש-פראַנצויזישער פילאָלאָג (1856—1929) ז. 241, 243.
שטרעזעמאַן, גוסטאַוו, אויסלאַנד-מיניסטער און פּרעמיער אין דער ווייִמאַר רעפּובליק (1878—1929) ז. 90.
שלום-עליכם—ז. 164, 170, 201.
שמידט, יאָזעף—ז. 196—199.
שעקספּיר, וויליאַם—ז. 25—36, 61.
שפּענגלער, אָסוואַלד, פּראָפעסאָר, דייטשער געשיכטע-פילאָזאָף.

ביכער פון דעמזעלבן מחבר

1] **אינזיך און אַרומזיך**

(נאָטיצן פון אַ פּאַלעמיסט און קריטישע
באַמערקונגען) בוקאַרעשט, 1936.

2] **דעטאַלן און סך־הכלען**

(קריטישע און פּאַלעמישע באַמערקונגען)
ניו־יאָרק, 1943.

3] **אַ שטאָט מיט יידן**

(זכרונות און געשטאַלטן) ניו־יאָרק, 1943.

4] **יידן דאַוועגען**

(ניו־יאָרקער בילדער) ניו־יאָרק, 1948.

5] **די יידישע עסיי**

(אַ זאַמלונג, צונויפגעשטעלט פון שלמה ביקל)
ניו־יאָרק, 1947.